STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06377

# GEKLIBENE VERK

David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## געקליבענע ווערק

פון

# דוד בערגעלסאָן

**VIII**

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

דוד בערגעלסאָן

# צוגווינטן

(דערציילונגען)

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

D. Bergelson — „Cugwintn"
Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט


| | זייט |
| --- | --- |
| צוגווינגטן (1922) | 7 |
| אַ מעשה מיט גבירים (1922) | 49 |
| דער לאָך, דורך וועלכן איינער האָט פאַרלוירן (1926) | 77 |
| געבורט (1928) | 97 |
| הערשל טאָקער (1926) | 121 |
| אין אַ רויטן ווינקל (1924) | 145 |
| אַ יובילאַר (1927) | 163 |
| אין סטעפּ (1927) | 179 |
| אין אַ סאָוועטישן שבת / וואָליע ברענער (1929) | 193 |
| אין אַ טאָג אַ וואָכעדיקן (1929) | 209 |
| דושיראָ, דושיראָ (1929) | 219 |
| פּיוולס מעשיות (1919) | 249 |

# צוגווינטן

# צוגווינטן

## I

## אן עברה

פעטרון:

אַ דרייקאָפּ.

אַ רעדלפירער.

גאַנצפרי, נאָך פיר מעת-לעת בלאָנדזשען אין די וועלדער הינטער קיעוו, האָט ער פלוצלינג באַשלאָסן זיך אומקערן צוריק אויף דרום.

— איך, פאַרשטייט איר מיך, — האָט ער געזאָגט, — בין אַן אַגיטאַטאָר אויף שכירות... פון מיר וועט מען פאָדערן...

און כאָטש אַלע האָבן אים איצט פאַרשטאַנען פונקט אַזוי קנאַפּ, ווי פריער, בשעת ער האָט אַגיטירט, מען זאָל גיין אויף צפון, האָט מען דאָך געגלויבט:

ער זאָגט דעם ריינעם אמת.

פעטרון האָט געוואָלט וויסן, וויאַזוי זעט ער איצט אויס אין לאַנגן סטודענטישן מאַנטל און אינעם פרעמדן באַראַשקענעם היטל — ער איז אַוועק מיטן וואַלד זוכן אַ לויטער קאַלוזשקעלע, כדי זיך אין דעם אָפּשפיגלען, און ** האָט זיך מער נישט אומגעקערט.

— או-או-אַ!.. או-או-אַ!

האָט מען צו אים צו לאַנג אין טיפן וואַלד אַריין געשריגן.

נאָר די קולות האָבן זיך אַלץ אומגעקערט צוריק פון וואַלד

ליידיקע, שפּעטנדיקע און לעפּיש-פּוסטע — קיין מענטשלעכער ענטפער איז אין זיי נישט געווען צו הערן.

דענסטמאָל האָבן באָטשקאָ און זיק אויסגעגראָבן אַ גרוב אין עק גרויסן וואַלד ביים גראָבן, מקבר געווען, ווי עפּעס לעבעדיקס, די אויטאָמאַטישע ביקסן, דעם קוילנוואַרפער און די גראַנאַטן.

און אַנדריוקן — זייער דריטן באַגלייטער — האָבן זיי געגעבן אַפּאָר קערבלעך און אים געהייסן גיין.

— נו, פאַרנעם זיך...

— וווהין? — האָט נישט פאַרשטאַנען אַנדריוק.

— וווהין די אויגן וועלן דיך טראָגן.

אַזוי האָט געענטפערט זיק:

— אויף אַלע פיר זייטן...

באָטשקאָ האָט מיט הסכמה אונטערגעאיילט:

— נו, גיכער... נישט געמאַכט קיין פּוצן.

ער איז געווען אַ צעטראָגענער פלוידערזאַק, אַ כיטרער דרייער און אַ געגנאַרניק, אָט דער אַנדריוק, און אינעם סטודענטישן היטל, מיט וועלכן פּעטרון האָט זיך גאַנצפרי, ווי אויף קאַטאָוועס, מיט אים געביטן, האָט ער אויסגעזען נאָך מער פליאַסקעדריגעדיק, ווי פריער.

זיי האָבן אָפּגעוואַרט אַפּאָר שעה און זיך אַלץ איינגעקוקט, זיך איינגעהערט אין יעדן מינדסטן שאָרך אין יענער זייט וואַלד, וווהין אַנדריוק איז פאַרשוווּנדן און אַלץ מורא געהאַט, ער זאָל זיך נישט אומקערן.

קוקנדיק אין יענער זייט האָט זיק דער לאַנגער, גלאַט אַזוי, ווי פון היימלעכקייט וועגן, צוגעקלאַפּט מיט די רירעוודיקע אַנגלען, אַקוראַט ווי ער וואָלט הנאה האָבן, וואָס אַלע זיינע געזונטע ווייסע ציין זענען אים גאַנץ.

— אַ פלאַפּלער, — האָט ער געזאָגט וועגן אַנדריוקן, — אַ באַרימער און אַ סמערדיאַק. מיט אַזוינעם, ברודערקע, וועסטו אייביק האַלטן די נשמה אין דער זשמעניע.

און אַ ווײַלע ווידער איינגעקלאַפּט די אַנגלען.

— פאַרפאַלן, — האָט ער אויסגעלאָזט, — אויב ער וועט זיך אומקערן, וועל איך אים גלייך אַוועקלייגן — לאָזן צו דער אָדער...

באָטשקאָ דער ציגיינעריש-שוואַרצער און מאַנסביליש-געזעצטער —

האָט דערויף געענטפערט נישט מער ווי מיט אַ קליינעם שאָקל מיטן קאָפּ, פאַרגלאָצט די סאַמעט־שוואַרצע אויגן גלייך אים איז שווער אַראָפּצושלינגען און — ווי זיין טבע — אַ גלעט געטאָן די פעלדפעבליש־גרויסע וואָנצעס אויף רעכטס און אויף לינקס; געהייסן האָט עס:

— מסכים.

דערנאָך האָבן זיי ביידע גענומען אויף זיך די פעקלעך. צום ערשטן מאָל נאָך פינף מעת־לעת בלאָנדזשען האָבן זיי זיך אַרויסגערוקט פון דער אומענדלעכער בלאָער וועלדער־קייט און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַלכסון פון לאַנד — דערזען אַ שמאָלן וועג, וואָס פירט אין דער וויייט צו אַ ברייטן פלאַכן טאָל און נאָך וויטער פאַרצווייגט ער זיך, ווי אַ גאָפּל און שטעכט זיך איין אין צוויי שכנישע פאַרנעפּלטע און זאַמדיקע דערפלעך.

ס'איז געווען אָנהויב 1918. באָלשעוויסטישע גרופּעס האָבן פאַרלאָזט די אוקראַיינישע הויפּטשטאָט אין גרויס איילעניש אין פאַרלויף פון איין נאַכט. אויפן לינקן ברעג דניעפּער האָבן קליינע פאַרבליבענע טיילן געבלאָנדזשעט צעפּוילט, אָן שום פירער, אויסגעמיטן דערפער, און נישט וויסנדיק איין קליינער טייל וועגן אַנדערן, זיך גערוקט מיט די וועלדער, וואָס ציען זיך אַרויף וואַסער ביי דער זייט פון ברייטע זאַמדיקע ברעגעס. ס'איז געווען אָנהייב פעוורואַל. די זון האָט שוין טיילמאָל געוואַרעמט. אין טייך האָט זיך גערירט דאָס אייז.

כדי צו באַוואָרענען זיך פון אַלערליי מיאוסע באַגעגענישן, האָבן באָטשקאָ און זיק פאַרן אַרויסגיין פון וואַלד זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַפּאָר פויערים, וואָס פירן האָלץ, פאַרפירט אַ קורצן שמועס און געמאַכט אַ בייט — אַוועקגעגעבן די פויערים די שינעלן מיט די נייע שטיוול און זיך אָנגעטאָן אין די פויערימס אָפּגעריסענע סוויטקעס און געלאַטעטע פלודערן. ווי אַ צוגאָב צו די אַלטע בגדים האָבן זיי ביי ד' פויערים גענומען צוויי העק מיט אַ נייער וואַלד־זעג.

מיט קליינעם שמאַטעדיקן פעקל, מיט האַק און מיט זעג אויף באַלאָדענע פלייצעס האָבן זיי איצט שוין שמיידיק געשפּאַנט ביי דער זייט פון שמאָלן זאַמדיקן וועג און געהאַט אַן אויסזען פון צוויי פרומע נאַפּאַרניקעס — אַ נידערגעשלאָגן „פּאָרל״, וואָס זוכט אַרבעט אין אַרומיקן וואַלדיקן געדעכטעניש; קיינער קאָן זיי נישט, און אַלעמען זענען זיי

דאָך, ווי קענטלעך — ווער ווייסט, צי זיי זענען נאָענטע צי ווייטע — דאָס לאַנד איז גרויס און וואַלד און פעלד האָט קיין ברעג נישט; אפשר גייען זיי אַזוי פון דער נאָענט און אפשר — פון גאַנץ ווייט, פונעם עקסטן עק פון לאַנד, פון אַ ווינקל, וווּ די תּבֿואות זענען היינטיקס יאָר נישט געראָטן.

— דאַבּרי דען! — האָבן זיי פון צייט צו צייט געווונטשן אַ פויער, וואָס שלעפּט זיך דאָ אַדורך מיט זיין וואָגן.

— גאָט צו הילף! — האָט מען זיי צוריקגעווונטשן.

און אַז מען האָט זיי פאַרגעלייגט זיך אַרויפצאַפּן אויפן וואָגן און אַ קאַפּל אונטערפאָרן, האָבן זיי געענטפערט שלומדיק, ווי בעלי־תּשובֿה:

— אַ שיינעם דאַנק.

דער לאַנגער זיק האָט מיט אַ פרומען קול זיך אָפּגעזאָגט פאַר ביידן:

— נישט כּדאַי... אַ רחמנות אויף דער בהמה — שווער דער וועג.

ער האָט געשפּאַנט שווער און מער אָנגעבויגן, ווי די קליינע משא אויף זיינע פּלייצעס האָט עס געפאָדערט, זיך געזייטלט מיט די אומגלויביקע אויגן צום פרייעם שטח פון אומענדלעכן און קויטיקן שניי זיך געשראָקן פאַר אַן אומגערעכטן טאָל און פאַר אַ פלוצימדיק דערפל, וואָס האָט אַ קליין זעטלעך שייערל אין עק, און ס׳פּאַרקעט דאָרט אַ מענטש, קוקט נישט צו די פּיסגייער, נאָר ער קען דאָך אין יעדער רגע צוגיין און אַ פרעג געבן:

— און פּאַפּירלעך, ברודערקעס, אַ? ס׳אי דאָ?

— שפּאַנען, שפּאַנען. — האָט אונטערגעאיילט באָטשקאָ.

און אַרום האָט זיך ווי אויף צו־להכעיס צופיל געהעלט דער פייכטער און קילער טאָג, זיך געריייניקט און געבלייכט צו פרילינג־צו. דער אָפּגעלאָזענער שניי אין עק פעלד איז געווען שטאַרק דין און פאַרשוואַרצט, ווי מיט סאַזשע אָפּגעשיט; די שטיוול האָבן אין אים געגוואַדזשעט און געריסן נאָך זיך די בלאָטע. און אַז אַ פויער איז פאַמעלעך אָנגעקומען אַקעגן מיט זיין וואָגן, האָט זיך געדאַכט: ער איז מיט זיין פאָרן גאָרנישט אויסן צו טאָן מיט דעם עפּעס אַן אַרבעט — נאָך לאַנגן ווינטערדיקן שליטוועגס פּרווט ער איצט נאָר אויס זיין צעלעכצטן פאַראיאָריקן וואָגן.

— דאָברי דען! — האָט באַריידעווודיק זיי געבענטשט דער פויער.
— גאָט העלף! — האָבן זיי געענטפערט אָפּגעהאַקט, ווי פרומע לייט.

---

אינעם ערשטן פון די צוויי שכנישע פויערשע דערפלעך האָבן באָטשקאָ און זיך באַמערקט פונוויטנס אַ יונגעטשקן מיליציאָנער מיט אַן אוקרייִנישן הערב ביים העלפאַרביקן היטל. זיי האָבן מיטאַמאָל פאַרקערעוועט אָן אַ זייט, גלייך זיי לאָזן זיך אין אַ היימישער כאַטע. זיי האָבן שוין אפילו דאָרט ביים טויער אויף גיך אַ רייניק געגעבן די שטיוול. נאָר אין מיסטיק-פעטן פויערשן הייפל איז גראָד קיינער נישט געווען אויף דער טיר פון כאַטע איז געהאָנגען אַ שלעסל. זיי זענען דאָרט גיך און גליקלעך אַריבערגעשפרונגען דעם פלויט און זענען אַוועק באַרג-אַראָפּ מיט די פויערשע גערטנער. איצט זענען זיי שוין נישט געגאַנגען, נאָר אונטערגעלאָפן.

פון אַקעגן, פון צווייטן דערפל, וואָס מיט דער צוקער-פאַבריק אין עק, האָבן זיי דערזען, ווי דייטשישע סאָלדאַטן פרודען פערד אין טיפן טייכל. אין טייכל שווימען שוואַרצע שטיקער אייז. די אָפּגעבאָדענע פערד טרעסלען זיך פון קעלט; זיי ווילן אַרויס, נאָר די דייטשן אויפן ברעג שפּרינגען אַקעגן זיי מיט משוגענע קולות, מאַכן קרומע העוויות מיט די הענט און טרייבן זיי צוריק. די פיסגייער האָבן אויסגעמיטן אויך אָט דאָס צווייטע דערפל און זענען אַוועק ווייטער מיטן לאַנגן אומבאַקאַנטן וועג, וואָס ציט זיך אין דער נידער.

— שפּאַנען, שפּאַנען. — האָט צאַלץ אונטערגעאיילט באָטשקאָ.

אַקעגן אַ דריי וויאָרסט האָט זיי דאָרט באַגלייט אַ נידעריקע און זומפּיקע בערע. זי איז שוין געווען אינגאַנצן גרין און געצויגן האָט פון איר מיט קילער לופט, ווי פון אַ קעלער. דערנאָך איז ביי זיי פלוצים פון דער רעכטער האַנט אויסגעוואָקסן אַ טרוקענער הויכער וואַלד און האָט אַ שרעק געטאָן מיט זיין פרעמדער נאַקעטקייט און מיט זיין געדיכטקייט.

— זע נאָר, אַ וואַלד.—האָט שווער-אָטעמענדיק זיך געחידושט דער לאַנגער זיך.

גלייך אַלצדינג דאָ אין געגנט וואָלט אים געווען פאַרשטענדלעך

און נאָר אָט דער וואַלד וואָלט אים אויסגעזען מאָדנע פרעמד, ווי אַ נישט-גוטער.

זיי זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ וויאָרסט פוּפצן פון זייער פריערדיקער באַהעלטעניש. די לופט האָט צו פאַרנאַכט-צו אָנגעהויבן טונקלען און די פיס האָבן גענומען מיד ווערן און נאָגן. זיי זענען אָפּגעגאַנגען ביי אַ וויאָרסט מיטן וועג, פאַרביי דעם וואַלד און האָבן אַרויפגעקלעטערט אָפּרוען אויפן הויכן וואַלד-גראָבן.

איצט זענען זיי ביידע געווען דערשוויצט, געזעסן מיט נאַסע טשובעס מיט צעכראַסטעטע העלדזער און נישט געפילט די קעלט. נאָר זיך האָט דאָך געהאַט געלעכערטע אויערן. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, זיך איינגעקוקט און האָט דערזען: מיטן וועג, וואָס פירט צוריק צו די שכנישע דערפלעך, יאָגט אַ הער שמיידיק אַ פרעמד פערד-און-וועגל — אַ פשוטס אַזאַ, אַ גוט איינגעפּראַוועטס און אַזאַ שנעלס, גלייך ס'ווייסט נישט אייביק פון קיין רו און מידקייט — ס'איז נישט קיין היג-ערדיש און אַראָפּגעלאָזן אַהער איז עס אויף איין זאַך נאָר — אויף עמעצן צו דעריאָגן.

— מע יאָגט. — האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן צו באַטשקאָן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויפן גראָבן און האָט דערזען, אַז דאָס שטאַרקע שנעלע פערד גיט פון צייט צו צייט אַ שפּרונג און אַז דער, וואָס שמייסט עס אונטער, איז דאָרט איינער אויפן וואָגן — ער טראָגט אַ פאַרביק היטל.

— דער מיליציאָנער, — האָט ער צוגעגעבן, — דער, וואָס מיטן אוקריינישן הערב ביים היטל. און ער האָט זיך מיטאַמאָל שטאַרק נידעריק אַראָפּגעזעצט, גלייך ער וואָלט זיך וועלן וואָס טיפער באַהאַלטן.

— קום. — האָט פויל אַ פאָנפע געטאָן באַטשקאָ און גלייך זיך אויפגעשטעלט, גענומען אויף גיכן סאָלדאַטישן אופן אַריינטאָן די הענט אין די שטריקענע אויערן פונעם פעקל. — ער איז איינער דאָרט אויפן וואָגן.

— איז וואָס?

באַטשקאָ האָט נישט געענטפערט. ער האָט מיט באַשלאָסנקייט אַ גלעט געטאָן אויף רעכטס און לינקס די וואָנצעס, און ביידע האָבן זיך

געלאָזט שפּאַנען. זיך האָט פאַרשטאַנען... שפּאַנענדיק האָט ער פאָרזיכ־טיק אַ טאַפּ געטאָן ביי זיך, ווי ווייט זיין האַק איז שאַרף, נאָר איינ־האַלטן זיך האָט ער דאָך נישט געקענט, ער האָט זיך שנעל געטאָן אַ קוק־אום אויף צוריק. און פּלוצים, און נאָך שנעלער האָט ער זיך גע־געבן אַ בויג־איין, זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן בויך און אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנע ווילדן כאָרכלעדיקן געלעכטער.

— וואָס איז, אַ? זיק...

— ס'איז דאָך ער.

— ווער?

— אַנדריוק... אַנדריוק אין פּעטרונס סטודענטענעם היטל.

— איז ווי קומט צו אים אַ פערד־און־וועגל?

זיי האָבן זיך אומגעקוקט און זיך אָפּגעשטעלט וואַרטן. דער ברודיקער נישט־געגאָלטער אַנדריוק אין פּעטרונס היטל מיטן קליי־נעם פּוילישן דענעקל איז דאָרט געשטאַנען אין שוואַרצן־פּעסט־געקאָוועטן וועגל אויף די קניען, געטריבן אָן אויפהער דאָס מידע לויפנדיקע פערד און געהאַלטן אין איין דרייען איבער דעם מיט דער בייטש אין דער לופט, אין איין פריילעכן פאַרשרייען דעם טרעסלדיקן גערויש פון וואָגן:

— היידאַ, היידאַ,

שקאָפּע אָן אַ קליידל!

שפּרינג דעם ים אַריבער,

נעץ נישט איין דעם ווידל.

און אונטערגעפאָרן אַזוי ביז באָטשקאָ מיט זיקן, פאַרקערוועט, ווי אָן אַ זייט, און פריקרע מיט פריילעכן אויסגעשריי דאָס פערד אָפּגעשטעלט:

— טפּרו! טפּרו, קאָבעלאַ, שאָ בולאָ, זאַבעלאַ.

באָטשקאָ און זיק האָבן אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט:

— וועמען האָסטו אַוועקגעלייגט? אַ, אַנדריוק?

אַנדריוק האָט ווי נישט איינגעהערט. זיין שטעכיק ברודיק־אומגעגאָלט פּנים מיט די כיטרע אייגעלעך האָט נאָר ווי תמיד מיט אַלע קנייטשן און קנייטשעלעך געשמייכלט, און ווי תמיד איז שווער געווען צו וויסן, צי ס'איז יונג, צי ס'איז אַלט אָט דאָס פּנים.

פלוצים האָט ער אַרונטערגערוקט אַ גאַנצע ברודיקע זשמעניע אונטערן סטודענטישן היטל און זיך געגומען קראַצן אין דער טשאַפּרינע.

— אַ זשידאָטשיק, — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ דין און קאַלט געלעכטערל, — כי, כי, כי! נאָך דאָרט אין גרויסן וואַלד, אַ יונגעטשקן אַזאַ, אַ רויטינקן... און מיט אַ בלינד אייגל.

— מיט וואָס האָסטו אים אַוועקגעלייגט, אַ, אַנדריוק? מיט די הוילע הענט?

אַנדריוק האָט פויל פאַרקאַשערט די קויטיקע גרויע סוויטקע און האָט באַוויזן אַ שטיק פון אַ שטאַרק רויטן פאַרבלוטיקטן אַרבל.

— אַ בעסטיע, — האָט ער געזאָגט, — אַ ברודנינקער אַזאַ.. ער האָט זיך געראַנגלט.

באָטשקאָ און זיק האָבן זיך אַדורכגעקוקט, זיך פאַרשטאַנען אויף גיך אויפן ווונק. זיי זענען ביידע אַרויף צו אַנדריוקן אויפן וואָגן.

— פיר!

— וווהין?

— אָט איז אַ וועג. די אויגן זענען דיר אַרויס?

— וווהין?

— פאָר, זאָגט מען דיר!

און דאָס פערד-און-וועגל איז אַוועקגעפאָרן.

פונעם ברייטן טאָל, אַ וויאָרסט צוויי ווייט פון וואַלד, האָט געזעצט אַ פאַרנאַכטיקער דאַמף, אַ געדיכטער און אַ בלאָלעכער, גלייך ס'רויכערן זיך אַלע פעלדער דורכאויס אין אַרומיקן האָריזאָנט-גאָט האָט אונטערגעצונדן די וועלט. דער וועג איז געווען בלאָטיק און שווער. לינקס אין אַ זומפּיקן שטאַרק נידעריקן ווינקל האָבן געשריגן ווילדע קאַטשקעס און דאָס קליינע בריקל איז דאָרט געווען פאַרשווענקט און צעשטערט. מען האָט געמוזט אַראָפּקריכן פון וואָגן און דאָס בריקל לאַנג פּראַווען. מ'איז אַריבערגעפאָרן בשלום אויפן באַרג. און נאָכדעם איז שוין דער אָוונט געווען טונקעלער און דער וועג — טרוקענער און גרינגער. דאָס מידע פערד איז ווידער אונ־טערגעלאָפן. אַנדריוק האָט אויסגענוצט יעדער רגע, ווען דאָס פערד לויפט, און האָט פליאַסקעדריגעדיק געפּרייפלט:

— היידאַ, היידאַ,
שקאַפּע אָן אַ קליידל!
שפּרינג דעם ים אריבער,
נעץ נישט איין דעם ווידל.
— שטילער, שטילער, — האָט שלעפּעריק געפּאָנפּעט באָטשקאָ, —
שטילער מיטן פּיסק דאָרט!

---

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך אַזוי געשאָקלט אין טרעסלדיקן וואָגן, זיך געוואַקלט שלעפעריקערהייט, ווי די שיכּורע, און נישט געוווּסט, וווּהין מען פאָרט און וווּהין דאָס פערד קען ברענגען. ס׳איז געווען אַ פרעמדע בלינדע וועלט אַרום — טויטע דרימלדיקע נאַכט. אַלעמאָל האָט מען די קלעפּיקע אויגן געעפנט און אַלעמאָל צוריק איינגעזונקען אין דרימלדיקן תּהום. דערנאָך האָט זיך מיט גרויען פאַרטאָג זיך אויפגעכאַפּט און האָט דערזען: דער וואָגן רוקט זיך שוין ווידער איבער אַ זאַמדיק פעלד, צווישן אַ נייעם טרוקענעם און אומענדלעכן וואַלד־שטח; באָטשקאָ דרימלט האַלב אָנגעלענט, מיט אַן אָפן געלעגערט מויל, מיט פאַרמאַכטע אויגן און נאָר אַנדריוק איז ווי געכטן נאָך אַלץ ניכטער, זיצט אין פּעטרוּנס היטל אין עק וואָגן נאָענט צום פערד און דרייט אין דער לופט מיט דער בייטש, ווי עפּעס אייביק אומרויִק, אייביק וואַכנדיק.

— און פונעם אייגל, — האָט ער פלוצים אַ זאָג געטון, — און פונעם בלינדן אייגל האָט אים גערונען... גערונען..

— וועמען? — האָט פון שלאָף נישט פאַרשטאַנען זיק.

אַנדריוק האָט צו אים אויסגעדרייט דאָס ברודיק־שטעכיקע פּנים.

— יענעם... — האָט ער צו אים כיטרע אַ ווונק געטאָן מיט איין אייגל — דעם רויטינקן זשידאָק, וואָס דאָרט אין וואַלד... יענעם, וואָס איך האָב דאָרט אַוועקגעלייגט און אַלץ מיט אַלעמען, און אַזוי ווייטער...

— טפו! דו צו אַלדי רוחות, — האָט באָטשקאָ זיך פלוצים אויפגעזעצט מיט אָפענע אויגן און גענומען זיך אַרומקוקן.

ס׳איז געווען אַ לויטער גראָלעכער פאַרטאָג, אַ פאַרטייעט־שטילער און אַן אומבאַקאַנטער, ווי דאָס פעלד אַרום, ווי די ווייטע ראָד פון

גרויסע דרימלדיקע וועלדער. פון ערגעץ האָט אַהער קוים דערגרייכט אַ העל קרייען פון פיל ווייטע האָנען, און נאָך ווייטער האָבן צענטליקער העק געהאַקט די שטילקייט אין דער טיפער געדיכטעניש פון וואַלד, געטעסעט שפּאָלן, געוואָלגערט בוימער.

אַנדריוק, וואָס איז פריער אַביסל, טרייבנדיק דאָס פערד, אויף אַפּאָר רגעס איינגעדרעמלט געוואָרן, האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך געטאָן אַ קנייטש פון קעלט, אַרויסגעלאָזט אַ געגעץ און זיך דערמאָנט אינעם רויטן זשידעק מיטן בלינדן אייגל, וועמען ער האָט אָוועקגעלייגט אין וואַלד. אַ ווײַלע האָט ער וועגן דעם געטראַכט. דערנאָך האָט ער ווידער אַרויסגעלאָזט אַ געגעץ, זיך ווידער אַ קנייטש געגעבן פון קעלט און ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין אַ פרעג געטאָן מיט אַ פאַרלאָפן שלאַבעריק קול:

— אַן עברה?.. אַ?..

און מיט אַ נייעם קנייטש האָט ער פון זיך טיף, טיף אַרויסגעגענעצט:

— אפשר געטאָן אַן עברה...

## II

## אויף פרעמדע פעלד

ס׳איז נאָך געווען בלאַסע רעגנדיקע נאַכט, ווען באַטשקאַ, אַנדריוק און זיק האָבן פאַרלאָזט זייער לעצטע באַהעלטעניש — אַן ערד־שטיבל לעבן אַ פרעמדער פריצישער שטאַל.

אין אַפאַר שעה אַרום האָט אָנגעהויבן טאָגן.

זיי זענען שוין געווען ווייט אין פעלד.

קויטיקע נעפלען האָבן אַרום זיי געדריכערט, ווי אָנגעצונדן מיסט אויף אַ באַרגיק פעלד.

אָקעגן, אין שלעפעריקן האָריזאָנט, האָבן פאַרוויינטע וואָלקנס, ווי ביינאַכט, באַלויכטן מיט רויטע עקן די שפּיצן פון אַ פרעמדער שטאָט; פונוויטנס האָט אויסגעזען, ווי דאָרט וואָלט ליגן סדום — אַן איבערגעקערטע.

פרעמדע טעלעגראַף־סלופּעס האָבן אַהין ברוגז געפירט, ברוגז אַרויסגעשטעקט פון דער בלאַסער חשכות אָנגעצונדענע פינגער, וואָס וואָרענען:

— היט זיך!..

— גיי נישט!..

פון אַ גרוב, וואָס לעבן זיי, האָט זיך געטראָגן אַ שווערער געשטאַנק — אַ פרישע נבלה איז דאָרט געליגן, דאַכט זיך, מיטן פנים אַראָפּ — אַן אָפּגעשונדן פערד אָדער אַ געהרגעטער מענטש.

ברודיק-פאַרקלייסטערט בלויז האָט דאָרט נאָך אַלץ גערוּנען פון טויטן האַלז-און-נאַקן.

פאַרבייגייענדיק האָט מען געכאַפּט אין גרוב אַריין אַ קוק, פאַר־דרייט די נעזער:

— פע ! פע !..

פאַרשלאָפן האָט געברומט דער לאַנגער זיק:

— אַ שלעכטער סימן...

— האָסטו דיר... ביים ערשטן אַרויספאָר...

נאָר דערזען באָטשקאָס פנים און חרטהדיק אַ פייף געטאָן אין נאָז; באָטשקאָ האָט אַלץ געשפּאַנט ברוגז מיט געפּרעסטע ציין, אַקוי־ראַט ווי אָט-אָט וועט ער אָנהייבן זידלען, הלמאַי מע שלעפּט זיך אים נאָך, הלמאַי מע לאָזט אים נישט גייען איינעם אַליין — און גייען וויל ער ווייט, ווייט... נישט מער און נישט ווייניקער, ווי גלייך אַהין — קיין מאָסקווע.

— קוק נאָר, קוק נאָר. — האָט שעלמיש געוווּנקען אַנדריוּק...

פון שרעק צי פון וווּנדער האָט ער געהאַט אַן אָפן מויל, גע־כאָרכלט שווער, ווי נישט דערקוילעט.

קיינער האָט צו אים נישט געקוקט.

דער פאַרטאָגיקער נעפּל האָט זיך צו פרימאָרגן-צו גענומען שטאַרקן און פאַרשלונגען דעם וועג.

מיטאַמאָל איז פאַרשוווּנדן אַ קליין פריילעך דאָרף, וואָס איז פריער אַ ביסל געלעגן גאָר נאָענט אין אַ טאָל. פאַרפירעריש, ווי קיינמאָל נישט געווען, האָבן פון דאָרט אויף די דורכגייער אַ קוק געגעבן אַפּאָר פרעמדע ביימלעך; אַ קוק געגעבן פאַרחידושט, ווי שפּעטנדיקע לצים, און גלייך נעלם געוואָרן אַקעגן אין נעפּלדיקן קויט. ס'האָט דאָרט שטיל קלאַפּן אָנגעהויבן אַ גרויס ליידיק פאַס, געקלאַפּט אָן אויפהער, ווי אויף צוויי טרעסלענדיקע רעדער ביי אַ וואַסער-פירער, נאָר זיך נישט דער־ווייטערט און נעענטער נישט צוגעקומען, דערנאָך איז די פּוסטע ברוּ־דיקע געדעכטעניש צוגעקומען נאָך נעענטער; די לופט איז שוין דורכ־אויס באַשטאַנען פון פּיצעלעך-קליינע רעגן-טראָפּנס, וואָס קלעפּן זיך ווי פליאַגמע צו די פּנימער און די הענט — זי האָט געשלעפּערט, די אויגן האָבן געזען נישט מער, ווי די נאָענטסטע עטלעכע קלאַפּטער אויפן

וועג, ווו מען שפּאַנט. און אַז זיק האָט פון היימלעכקייט וועגן געפּרוווט אַ הוסט טאָן, האָט זיין קול אָפּגעהילכט קורץ און פרעמד, גלייך דעם הוסט וואָלט געטאָן נישט ער, נאָר דער פגר, וואָס פון אונטן אין גרוב.

— נו, נו, — האָט ער געפּרוווט פאַרגלעטן, — יאָ, אַ וועג.

דער קרומער וועג איז פון מאָל צו מאָל געוואָרן מער גליטשיק און פאַרדרייט; מען האָט מיט אים אַלץ אָפּגענייגט אין אַ זייט און נאָך אַלץ מורא געהאַט, ער זאָל נישט ברענגען אין דער וייטער פאַרשווונדענער שטאָט, וועלכע מען האָט מיטן טאָגליכט אַרויסגעזען אין האָריזאָנט. עס האָט זיך געדאַכט: פּגרים, פּגרים וואַלגערן זיך דאָרט דורכאויס אַרום יענער שטאָט אין אַלע גריבער.

— קוק נאָר, קוק נאָר, — האָט נישט אויפגעהערט כאָרכלען אַנדריוק, — זעסט צי נײן?

ער האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט גולמיש, מיט אַ געליימט און אָפן מויל. פון שלעכט לעבן און חדשים־לאַנג נישט פאַרזוכן קיין וואַרים געקעכץ זענען אים די אויגן געווען קאַליע און פאַרצויגן, ווי מיט הייטלעך, נאָר איצט, האָט זיך אים געדאַכט, זעט ער פאַר זיך די גאַנצע צייט אַ דריי־שפּיציקן קלויסטער, דער קלויסטער איז פאַרריבן צווישן די געדיכטע נעפּלען אין טיפן פעלד, און דריי ליכטלעך ברענען דאָרט פון אויבן, אויף יעדן צלם אַ ליכטל; זיי, אין דרייען, גייען דאָ מיט דעם וועג און אַקעגן, דאָרט אין נעפּל, גייט דער קלויסטער, דערווייטערט זיך פאַרמעקטערהייט און טרעט אָפּ. און ברוגז איז דאָרט דער קלויסטער — ער מיט די ברענענדיקע ליכטלעך אויף די דריי צלמים — אָך, ווי ברוגז... טפו! צו אַלדי שוואַרצע יאָר! ער, אַנדריוק, האָט זיך שוין אַזוי לאַנג נישט געצלמט; זיין געהרגעט יידל ליגט נאָך אפשר ווי אַ פּגר אין יענעם וויטן וואַלד, און פּלוצים — נאַ! אָט האָסטו דיר אַן אַקציע — אַ קלויסטער גאָר פון פאָרנט אינעם נעפּל, אַ קלויסטער, וואָס רוקט זיך ווי אַ מענטש...

פּלוצים האָבן אַלע גענומען נאָכטאָן באָטשקאָן, פאַרקלענערן די טריט, פאַרהאַלטן דעם אָטעם און זיך איינהערן.

לינקס, אין געלער נעפּל־טיפעניש, וואָס איבער דעם נאָענטן גראָבן, האָט דער אויער, ווי אין חלום, נישט אויפגעהערט אויפצונעמען אַן אָפּט

און פרייליך ניסן פון פאַרהוילענע פערד. אַקוראַט ווי די פערד וואָלטן גאָר אויף דער וועלט נישט זיין, נאָר דער אויער וואָלט דאָך, ווי אין חלום, נישט אויפגעהערט צו הערן, ווי זיי פאַשען זיך ערגעץ דאָ גאָר נאָענט, פאָכען מיט די ווידלען, און כאָרכלען מיט הנאה בעת זיי פליקן מיט די ציינער זאַפטיקע גרעזער. אַלעמאָל נייגט דער וועג פון זיי אַוועק, אַלעמאָל ברענגט ער ווידער נאָענט צו זייער ניסן, נאָר די פערד אַליין זעט מען נאָך אַלץ נישט אַרויס — אַזוי געדיכט איז אַרום זיי דער נעפל, אַזוי קיילעכיק שלעפט זיך אַרום זיי דער וועג. צי אפשר זענען דאָס שוין אויך נישט קיין אמתדיקע פערד, נאָר אויסגעדאַכטע, ווי דער אָפּגעמעקטער קלויסטער פון פאָרנט אין נעפל, דער קלויסטער מיט די דריי ברענענדיקע ליכטלעך אויף די הויכע צלמים־שפּיצן.

— שטיי נאָר, שטיי! — האָט דערוויילע געדופן זיק, — וואַרט, כאַליערע.

פון די פיל וואַסעריקע גריבלעך, וואָס אויפן וועג, האָט אים געראָנען און געפּייפּט אין ביידע אַלטע שטיוול. ער האָט אָנגעהויבן אָפּשטיין און אָניאָגן, געפּרוווט גיין אויפן נאַסן גראָז, אָנגעשפּאַרט דעם רוקן אין אַ סלופּ פון טעלעגראַף און געגומען דעם נאַסן פוס איבערבינדן.

— וואַרט, — האָט ער גערופן, — יאָג נישט אַזוי שטאַרק.

נאָר באַטשקאָ האָט לחלוטין נישט געוואָלט וויסן, וואָס ביי זיקן אין שטיוול טוט זיך. די ציין זענען אַלץ געווען ביי אים פאַרפּרעסט.

— אָט־אָ רוחות! אַלטע...

מיט אַ קללה איז ער שטיין געבליבן און אַלץ צוריק קיין קוק נישט געגעבן. ער האָט זיך איינגעהערט אין נאָענטן ניסן פון די פאַרהוילענע פערד, געפינטלט מיט די אויגן און פלוצים אויף רעכטס און אויף לינקס אַ גלעט געטאָן די וואָנצעס:

— הינטישע זעלע! וואַרט נאָר, וואַרט...

אויגנבליקלעך האָט ער פון אַקסל אַראָפּגעוואָרפן איינע אַ ביקס, — ער האָט זיי געהאַט אויף זיך צוויי, — אויגנבליקלעך זי אָנגעלאָדן און געשווינט אויסגעשאָסן אין דער לופט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שיסט אַריין אינעם אייגענעם צאָרן, אין די אייגענע צרות.

פלוצים האָט ער גלייך נאָכן שאָס זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם

גראָבן לינקס אין נעפּל אַריין, ער איז באַלד פאַרשווונדן אין דער גע־דיכטעניש און אין אַ רגע אַרום האָט זיך פון דאָרט דערהערט זיין קול:

— אַהער גיי, אַנדריוק! גיב אַ מעסער.

אַז אַנדריוק האָט אים אין טיפעניש פון נעפּל געפונען, איז ער גע־שטאַנען איינער אַליין צווישן אַ הירטל געפּענטעטע פערד. געשטאַנען אויף די שפּיץ שטיוול אין זיין גאַנצער לענג און מיט ביידע פאַרוואַר־פענע הענט געהאַלטן פאַרן האַלדז איינס אַ פערד אָן אַ צוימל. אַ הויכס, אַ בייכיקס, אַ נאַסלעך־ווייס, מיט פריילעכע טונקעלע אויגן האָט דאָס יונגע פערד אויף אים געקוקט.

— קעלבער, — האָט באָטשקאָ געזידלט, — צופיס וועט עס גיין!.. אייביק לערן עס, צו אַלדי... שנייד די פּענטע, אַנדריוק. רוף זיקן...

אַז זיק איז צוגעקומען, האָט אים אַנדריוק, ווי אַ ליך, שוין געהאַט אַרויסגעשטעקט אַ פריילעכע צונג און האָט אויף גיך, אויף גיך די פּענטעס גע־שניטן; ער האָט אויסגעזען שעלמיש, אַנדריוק, דערשראָקענערהייט האָט זיך אַלץ פאַרשטאַנען און גענומען אַנדריוקן העלפן.

אין יענעם צרהדיקן פרימאָרגן האָבן פרעמדע פערד נישט געקענט זיין ווינציקער הפקר איידער אַ פרעמדער מענטש אַ פגר, וואָס וואַלגערט זיך מיט דעם פּנים אַראָפּ, אין טיפן גרוב, אין הפקר.

* * *

פון די געשטריקטע פּענטעס האָט מען נאָכדעם, רייטנדיק אויף די לויפנדיקע פערד, פאַרפלאָכטן געמלאָכהטע צוימעלעך, מען איז אַלע דריי אַריין אין נעפּל, שרייענדיק:

— ווייז אַ וועג, אַנדריוק, — אַזאַ, וואָס האָט פיל שייד־וועגן.

— איך ווייס, איך ווייס. — האָט געשריגן אַנדריוק.

זיצנדיק אויפן פערד, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף צוריק

— הער נאָר! הער...

אַלע האָבן אַ ציטער געטאָן:

— ס'אַראַ קוויטשעריי!..

און מען האָט זיך אַ ווײַלע איינגעהערט: מאָדנע, ס'אַראַ שרעק־לעכן געשריי האָבן אויפגעהויבן קליינע שקצימלעך, — יענע, וואָס האָבן

די פערד אין פעלד געפיטערט און פון שליטן וועטער זיך אויסבאַהאַלטן אין אָנהויב װעלדל אַרום אַ פייער.

באַטשקאָ, אַנדריוק און זיק האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז די שקצימלעך וועלן אַוועקלויפן אין דאָרף, ביז די טאַטעס וועלן פון דאָרט אָנלויפן מיט ביקסן, צי מיט העק, האָט יעדערער פון זיי אויסגעשאָסן אַמאָל דריי, כּדי די שקצימלעך זאָלן אַהער נישט לויפן און מען האָט געשווינט אַוועקגעיאָגט, געשפּרונגען אויף די פרעמדע פערד אַלץ טיפער און טיפער אין נעפּל אַריין.

באַטשקאָ האָט געשריגן מיט אַ פאַרקרומט פּנים און מיט אַלע כּוחות:

— ווו איז דיין וועג, אַנדריוק? ווייז דעם וועג!

איבער דעם געשווינטן לויפן האָט מען זיין קול שוואַך געהערט און געשפּרונגען איז מען אַלץ איבער פּוסטע אומבאַקאַנטע פעלדער. פון דעם געשווינטן לויפן האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און דעם אויער האָט זיך אַלץ געחלומט אַ טויבער געיעג פון אונטן אין טיפן נעפּל. אַז מען האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק, האָט זיך געדאַכט: וואָלקנס קריכן דאָרט, ווי פויזנדיקע חיות אויף די בייכער און קעגנאיבער די וואָלקנס שיסט כּלומרשט אָן אויפהער אַן אַוטאָמאַטישע ביקס, שיסט מאָדנע שטיל, ווי אין היץ: „פּעך! פּעך!”, גלייך מען קאָרקעט אויף פלעשער. מען איז אַזוי אָפּגעלאָפן עטלעכע שעה כּסדר, דערפילט די פערדס נאַסקייט ביי זיך אין די אָנגעריבענע געזעסער, אָפּגערוט אַ רגע, און ווידער אַמאָל גענומען יאָגן.

אַרום דריי אַזייגער בייטאָג האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווערן ווינטיק-קיל. אַז מען האָט געקוקט אויפן הימל, האָט זיך געדאַכט: איינס אַ ווייט ווינקל וויל זיך לייטערן. ביי די פערד האָבן שוין געקניט די פאָדערשטע פאַרשוויצטע פיס; פון זייערע צעהיצטע מידע לייבער האָט געזעצט אַ דאַמף, וואָס קאָן אויסגעבן אויף גאַנץ ווייט. האָט מען אויסגעזוכט מיט די אויגן דעם גרעסטן וואַלד, וואָס דער האָריזאָנט פאַרמאָגט אין איינעם פון זיינע ווייטסטע ווינקלען, און מען האָט זיך אַהין מיט די פערד אויף ביינאַכט אַוועקגעלאָזט. סיי-ווי-סיי האָט מען שוין נישט געוווּסט, ווו מען געפינט זיך. קיין ישוב האָט מען אַרום זיך אין ערגעץ נישט געזען, און אַז באַטשקאָ האָט געפרעגט:

— איז ווו איז דיין וועג, אַנדריוק? ווו געפינט מען זיך?

האָט אַנדריוק זיך פויל געקראַצט און געמאַכט אַ ביטערע צורה.

— אָט אַפּנים ווייט, — האָט ער געפּאָנפּעט, — אָט אַפּנים אַ מייל זיבן־אַכט. ווער ווייסט אים?..

ער האָט נישט דערקענט די געגנט און נישט געוווּסט, צי מען געפינט זיך רעכטס פון דער היים, צי לינקס.

מען איז געפאָרן ווייטער.

פאַרנאַכט האָבן באָטשקאָ, אַנדריוק און זיק זיך אַראָפּגעלאָזן פון אַ פריקרע הויכן באַרג; זיך אַראָפּגעלאָזן געשווינט אינאיינעם מיט זאַמד און שטיינדלעך, וואָס שיטן זיך פון אונטער די פערדס מידע פיס און זיך שיר נישט אַריינגעגליטשט אין שמאָלן טייכל, וואָס פליסט דאָרט אין דער לענג פון טיפן טאָל צווישן געמויזעכץ און הויכע גרעזער. ביים טייכל האָט מען לאַנג געזוכט אַן איבערגאַנג און קיין איבערגאַנג נישט געפונען, מען איז טיף־טיף פאַרסטראָנעט געוואָרן אין איינעם פון זיינע זומפּיקע ברעגעס און מען איז דאָך אויף דער צווייטער זייט אַריבער. איצט האָט מען זיך שוין געפילט איינגאַנצן אויסבאַהאַלטן אין זאַמדיקן אויסשניט, וואָס צווישן צוויי אומבאַקאַנטע שכנישע בערג, רעכטס און לינקס אויף ביידע שפּיצן פון אָט די בערג האָט מיט בלאָע קרייזלען זיך אַוועקגעצויגן דער אָנהייב פון פרעמדן וואַלד. מען האָט מיד געפירט נאָך זיך די נאַסע פערד און טריט־ביי־טריט געשפּאַנט אַהין אויף נאַכט־ליג.

אַנדריוק האָט באַטראַכט די מידע פערד מיט אויגן פון אַ מבין.

— פרעמדע, — האָט ער געזאָגט, — פיינע... עמיצער וועט נאָך זיי בענקען...

ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיקס ברוגזן בליק און גלייך באַקומען אַ ליגנעריש־לאַכנדיקע צורה.

— כע!.. — האָט ער געחנפעט, — אפשר וועלן מיר זיך מיט זיי דערקלויבן אַהין... אַזש קיין מאָסקווע... כע!..

# III

## אַ באַגעגעניש

אַ קילע ווינטיקע נאַכט האָט אין טיפן וואַלד געהאַט לאַנגע גנבהשע מינוטן, זיך געצויגן שטיל, טויבלעך, ווי אָפּוואַרטנדיק אַ באָרוויסן גאַסט.

געשראָקן האָט נישט מער, ווי אַ צווייגל ערגעץ-ווו — זיך געשאָקלט איין אַליין צווישן טויזנטער באַצווייגטע שטאַמען, וואָס טוען זיך נישט קיין מינדסטן ריר.

צוויי הויכע ביימער-שפּיצן טוען זיך אַ קראַץ, ווערט אַ ווײַלע פאַרשטאָרבן דער אויער — אין טיפן וואַלד, דאַכט זיך, ווערט דענסטמאָל דערוואָרגן עמיצנס אַ ווייטער קרעכץ.

צוליב מער באַוואָרעניש האָט מען קיין פייער נישט אָנגעצונדן, אָפּגעלאָזט פיטערן די געפּענטעטע פערד און אַליין זיך אויסגעצויגן לעבן זיי — נאַסע שמאַטעס, וואָס טרוקענען זיך אויף דער ערד, און אין די שמאַטעס איז נאָך עפּעס פאַראַן — עפּעס שטיקלעך מענטשן דאָרטן...

מיט אומגלויבן האָט אַלעמאָל אַן אַנדערער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געקוקט, געקוקט אויפן פרעמדן צוגעכאַפּטן פערד, מיט וועלכן ער איז אַהער געקומען: עס פּיטערט זיך פרעסעריש און לייכט, אָט דאָס פערד, ווי אין חלום, ס׳האָט כלומרשט קיינעם נישט אין זינען און דאָך דערמאָנט עס אָן אייגענעם באַלעבאָס, וואָס ערגעץ-

דאָרט, אין יענעם, ווייטן דאָרף... און גיי ווייס, וואָס דער באַלעבאָס נעמט דאָרט פֿאַר...

מען האָט זיך איינגעהערט אין וואַלדס אומגעהויערע ווייטקייטן און זיך באַרויקט:

— ס'איז שטיל...

נו, וועט מען שלאָפֿן.

אָבער, וואָס איז דאָס עפּעס אַן אָרט?.. ווייט, ווייט — אַזש ווי אויף יענער זייט היגער וועלט:

— זעסט, צי ניין?..

וואָס טונקעלער די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, אַלץ מער האָט אָנגע־הויבן באַאומרויקן איינס אַ פֿייערל אין טיפֿן וואַלד — אַן איינציק אומקלאָר פֿייערל און אַזאַ לייכטס, ווי גלייך צו דעם איז איינצייטיק אי אומגעהויער ווייט, אי שטאַרק נאָענט; עס לעשט זיך נישט אויס גאַנצע שעהן, אפֿשר אויך — גאַנצע נעכט, און ווער ווייסט, וואָס עס קאָן באַטייטן? אפֿשר זיצן מענטשן אַרום דעם און פֿירן שטיל אַ שמועס. און אפֿשר איז דאָס גאָר אַן עלנט פֿייערל פֿון אַן אוצר... אַ שטענדיק אומריין פֿייערל, אַ פֿאַרשאָלטנס, פֿאַרשפּראָכנס — אייביק איז דער וועג צו דעם, אייביק קאָן מען עס נישט פֿאַקן.

איז מען אַזוי געלעגן אויף די בייכער לעבן די פֿערד, וואָס פּיטערן זיך, געקוקט, געקוקט צו יענעם ווייטן פֿייערל און פּלוצים — באָטשקאָ טוט אַ זאָג צו אַנדריוקן טאַטעדיק מיט דרימלדיקן לשון:

— אַנו, אַנדריוק, כאַפּ נאָר אַהין אַ קוק...

— אוי, ווייט פֿאַרגיי נישט. הער, וואָס מע רעדט צו דיר.

— נעם מיט זיך די ביקס.

— אַז מען וועט דאַרפֿן, קענסטו שיסן.

— איז וואָס? גיין? אַ?

ביי אַנדריוקן אויפֿן צעקנייטשטן פּנים האָבן גנבהש געלויכטן די קליינע געשטיפּלטע אויגן, געזווונקען, ווי מיט פֿרייד. ער איז אַוועק פֿאַמעלעך מיט טריטעלעך פֿון אַ געזעצט שבתדיק באַלעבעסל, היצ־ליש, ווי גלאַט אַזוי, זיך געשאַרט צווישן די ביימער און זיך פֿלומרשט איינגעקוקט אין זייערע שפּיצן. ער איז סוף־כּל־סוף פֿאַרשוווּנדן.

ליגנדיק אויף די בייכער האָבן באָטשקאָ און זיק אָפּגעוואַרט

אויף אים אַ גוזמא צייט, זיך איינגעקוקט אין וויטן פּייערל און זיך געוווּנדערט: נישט ער רופט צו הילף, אַנדריוק, נישט ער שיסט, און קומען קומט ער אויך נישט. אומרויק מיט פּאַרטויבטן פּאָרגעפיל האָט מען גרינג דרימלען אָנגעהויבן, געחלומט, אַז עמיצער דרייט זיך גאָר נאָענט מיט באָרוויסע טריט, זיך איינגעקוקט, נאָר קיינעם נישט דער־זען און ווידער איינגעדרימלט. זיי זענען אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ בלינדן שטיק פון נאַכט און פלוצים דערפילט, אַז עמיצער איז דאָ לעבן זיי, געעפנט אין שרעק די אויגן און דערזען: אַנדריוק שטייט לעבן זיי אויף די קניען, און די ביקס האַלט ער היצליש גרייט צו שיסן:

— וואָס איז דען? אַ, אַנדריוק? געווען דאָרטן?

— געווען.

— ביים פּייערל?

— דאָרטן.

— וויט אַהין?

— אַ וויאָרסט פיר אפשר.

— נו?

— אויף אַ לאָנקע ברענט עס.

— נו?

— און אַרום זיצן צוויי... איינער אין אַן אַרט קאַפּעליושל, ווי אַ זשיד אום שבת, אין אַן אָפּגעריסן רעקל, פלעכט אַ נעץ דאָרט ביים פייער, פלעכט און פלעכט, ווי אַ פישער. און דער אַנדערער — אַ בלאָנדער, אַ גבר אַ יונג, אַ מיטעלער, האָט אַ גרויסע בלאָנדע פאה, ווי אונדזערער אַ קאָזאַק. „פּריץ”, רופט אים יענער, וואָס פלעכט די נעץ. „פּריץ”... ליגט ער אַזוי אויפן רוקן, דער דאָזיקער פּריץ, און גענעצט, געגעצט: „עך, עך” — זאָגט ער, ענדע וואָך וועלן מיר זיין דאָרטן.

— ווו, אַ? אַנדריוק.

— ווער ווייסט אים? אפשר דאָרט... ביי די „גרויסע” אַפּנים... און נאָך פערד צוויי פּאַשען זיך דאָרט אויף דער לאָנקע. ביים פייער זעט מען: אָנגעזאָטלטע גרויסע, כע!.. אפשר אויך גנבהשע, ווי ביי אונז.

— ס׳אי דען, אַנדריוק?

— אַזוי... גנבהשע, זאָג איך.
— און ביקסן האָט מען?
— נישט געזען... יאָ, דאַכט זיך, מען האָט, גראַנאַטן אויך.
— און וועגן וואָס נאָך רעדט מען?
— אַזוי זיך... מער גאָרנישט. וועגן צוויי פּריציטעס רעדט מען אַלץ: אַלטע מוידן פאַרבליבן דאָ ערגעץ נאָענט אין אַ פאָלוואַרק. האָבן זיי, הייסט עס, נאָך אַלדאָס גוטס, אָט די מוידן, „נאָר באַהאַלטן, זאָגט יענער, וואָס פלעכט די נעץ". „אָ־אָ! — זאָגט ער — ווי שטאַרק די אַלטע מוידן האָבן ליב באַהאַלטן".

באַטשקאָ האָט פאַרגלאָצט די אויגן, ווי אים וואָלט זיין שווער אַראָפּצושלינגען.

— הייסט עס: „גרויסע", אַ? פאַראַן איצט אַסך ווי מיר... אַלע ווילן זיך דורכשלאָגן אַהין... קיין מאָסקווע.

ער האָט פיינט געהאַט לאַנג צו טראַכטן, אויסגעשפּיגן קונציק פון צווישן צונויפגעדריקטע ציין און צוגעגעבן:

— נו, יאָ, וויבאַלד זיי באַהאַלטן זיך אין וואַלד...

זיך האָט פאַרטראַכט צוגעקלאַפּט מיט די אַנגלען:

— און אפשר — גנבים, פשוט, אַ?

נאָר געקוקט, ווי באַטשקאָ גלעט געשווינט אויף רעכטס און לינקס די וואָנצעס, פאַרדרייט זייערע שפּיצן; פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט אומזיסט: באַטשקאָ גרייט זיך עמיצן געפעלן ווערן...

— איז צולויפן אַהין, אַ? זיך...

באַטשקאָ האָט שוין געהאַט עפּעס פאַרטראַכט; ער האָט נישט געלאָזט רוען. ער איז אַוועק מיט זיקן כלומרשט אַ קוק געבן צו די געפּענטעטע פערד.ביידע האָבן זיך געשעפּטשעט:

— וואָס קאָן מען אָנווערן? קוק: גרויער טאָג.

— איז געגאַנגען, אַ?

— מילא, גיין איז גיין.

און מען איז אַוועק.

---

פונעם ערשטן שאָס, מיט וועלכן דער בלאָנדער מיט דער קאָזאַקן־

פאה האָט אויף דער לאָנקע באַגעגנט, האָט גלייך אַ צי געטון מיט נאָדלדיקן גרויל. געהייסן האָט עס:

— זאָגט ווידוי, קינדער.

איבערן וואַלד איז דורך אַ שווידערדיק ווידערקול און האָט פאַר־פולט אַלע ווינקעלעך. ערגיץ גאָר נאָענט האָט אַ ווילדער פויגל געגעבן אַ גרילצנדיקן געשריי, נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז דער געשריי איז פול מיט פרייד און אַז געטאָן האָט דעם געשריי דער מלאך־המוות אַליין. ביי זיקן און ביי אַנדריוקן האָט אויפגעזאָדן דאָס בלוט. ביידע האָבן זיך געכאַפּט פאַר די ביקסן. נאָר באָטשקאָ האָט שוין געהאַט אַ לויף געטאָן פאָרויס און האָט עפּעס אַריינגעשריגן אין דער לאָנקע. ער האָט דאָרט געפּילדערט, געפּילדערט, אַפּנים גערופן צו זיך די חברים. אַנדריוק און זיק זענען אונטערגעלאָפן צו דער לאָנקע מיט אָנגעשטעלטע ביקסן. און מיטאַמאָל איז געוואָרן שטאַרק שטיל. ביידע צדדים האָבן זיך דערזען אויף דער לאָנקע אין אַ בכבודיקער ווייט, באַשיט איינער דעם צווייטן מיט מיאוסע קללות, מיט פיינע שטעכ־ווערטלעך און מיט אַלערליי אַנדערע קלוגעטשקע אויסגעהאַלטענע ריידעלעך; מען האָט גערעדט איין צד דעם צווייטן אין דער גאַל אַריין:

— מיר זענען אויך קיינער נישט, — די זעלביקע, וואָס איר.

— שיס נישט, אין דיין מאַמען אַריין. וועסט טרעפן זיך אין נאָז.

דערצו נאָך איז באָטשקאָ, ווי ביי יעדער סכנה, געווען שטאַרק קאַלט, מאָדנע רויק און אַביסל אין כעס. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע ביידע ביקסן אָן אַ זייט און האָט זיך אומגעקוקט אויף זיקן. דעמאָלט האָט זיק אויך געטאָן דאָס אייגענע — אויסגעגלייכט די ביינער, ווי נאָך אַ שלאָף און געגעבן אַ געניץ מיט אַ קוויטשעקל, — אַזאַ וואָס קען געפעלן אַ גוטן־ברודער. ביידע פרעמדע, וואָס אַקעגן, האָבן זיך איינגעבויגן פון געלעכטער.

— אַנו, נאָך אַמאָל אַזאַ געניץ, נאָך אַמאָל. — האָט עמעצער פון זיי געבעטן. און גלייך אָנגעהויבן צוגיין איין צד צום צווייטן, געפרעגט איינער ביים אַנדערן אויף טאַבאַק.

— שוין לאַנג נישט גערויכערט? אַ?

— אַ טשיקאַווע זאַך.

מען האָט היימיש געשנייצט די נעזער און באַטראַכט איין צד

ביים צווייטן די פערד; מען האָט געקייט דעם בלאָנדנס חלה, ווי מען וואָלט קנאַקן יאָדערן און גוט-ברודעריש זיך געפּרוּווט אַ ראַנגל טאָן, אויסגעפּרוּווט איינער דעם צווייטן דעם כּוח אין די לענדן. מען האָט פּאַרפירט אַ שמועס, זיך געוואַרעמט ביים פייער און פונוויייטנס גע-וואָרפן אויגן אויף באָטשקאָן.

באָטשקאָ האָט די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, אָן אַ זייט; געזעסן איינער אַליין אין עק לאָנקע אויף אַן אומגעוואַלגערטן בוים און ערנסט געדרייט די וואָנצעס. ווי תּמיד לעבן נייע מענטשן האָט זיך איצט אין אים אָנגערופן דער גאַנצער גדלות פון אַ געוועזענעם עלטסטן. אַ שטילע בענקשאַפט האָט זיך אים געוויגט אַרום האַרץ:

— אָט, למשל, ווען זיי זענען זיינע אַ קליינער „טייל" — אָט די פיר, וואָס זיצן זיך דאָרט און שמועסן אַרום פייער...

און ער האָט שטיל צוגעפּייפט מיט די ליפּן, צוזאַמענגעצויגן די אויגן און האָט פונוויייטנס באַטראַכט דעם קליינעם „טייל" זיינעם...

— אַנדריוק! — האָט ער פּלוצים אַ געשריי געגעבן אָפּגעהאַקט און שטרענג מיט אַ קול פון אַ בייזן קאָמאַנדיר, — אַהער-צו גיי, אַנדריוק!

אַנדריוק איז צוגעגאַנגען.

— וואָס רעדט איר דאָרט, אַנדריוק, אַ?.. וואָס זאָגן יענע? ווייט צו די „גרויסע"? צום פראָנט, הייסט עס?

— מען זאָגט: ווייט. אַ וויאָרסט אַכציק, הייסט עס. די אוקריינער פּאָלקן, הערט זיך, זענען נישט ווערט ס'עסן, וואָס מע גיט זיי... טינוף... אַזוי צו זאָגן...

— מע שלאָגט זיך? אוקריינער מיט אונזעריקע?

— פּויל, אַזוי זיך. פון היימלעכקייט וועגן. און אין לאַנד, זאָגט מען, ווערן די אוקריינער פּאָלקן שיטער. קוילען זשידעס, נעמען צו דאָס פּי ביי דאָרפס-לייט.

— און וואָס נאָך זאָגט מען?

— גאָרנישט, אַזוי זיך. אַז זיי פּאַקן אַ „גרויסן", די אוקריינער-לאָזן זיי אים אַרויס די קישקעס.

— קענסט גיין.

אַנדריוק האָט אויסגעגלאָצט די אויגן.

— קענסט גיין! — האָט באָטשקאָ אַ געשריי געטון. שטרענג און בייז, גלייך אָט־אָט וועט ער מיט כּעס אַ טופּע טון מיטן פוס.

אַנדריוק איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט פאַרווונדערט מיט פלוי־דערדיקע אויגן. נאָר באָטשקאָ האָט מער צו אים נישט געקוקט, גע־זעסן פאַרטראַכט, ווי אַ וויכטיקער עלטסטער און געדרייט די שפּיצן פון די וואָנצעס. אַנדריוק האָט נישט אויפגעהערט צו וואַרפן אויף אים וווּנדער־אייגעלעך, זיך אָפּגערוקט צוריק צום פייער מיט שפּעטנדיקע אונטער־טריטעלעך, ווי פון אַן אומריינער זאַך און אַלץ געוווּנקען אויף אים צו די צוויי נייע חברים.

— זעסט, אַ וואַזשנער, אַ? זעסט צי ניין?

דאָ האָט זיך פאַרביסן צו אים אַ ליפּ, ער זאָל שווייגן, האָט ער עפּעס געכאַפּט, האַלב פאַרשטאַנען, באַנייס אָנגעהויבן פלוידערן און ווינקען, און קוקנדיק דערבּיי מיט איין אייגל אויף זיקן, ווי געפרעגט ביי אים, צי ער מאַכט עס גוט.

- אָ־אָ! אַ מין מזיק אונזער עלטסטער, אָט דער באָטשקאָ, הייסט עס... געפירט, ברודערקע, ווינטער־צייט אַ גאַנצן פאָלק אויף קיעוו... נו, נו, מעגסט זיך אויף אים פאַרלאָזן: ער וועט דיך שוין פירן... זאָל ער נאָר וועלן...

— נאַרסט נישט אָפּ? — האָט זיך געווונדערט דער בלאָנדער מיט דער קאָזאַקן־פּאה, — געפירט אַ גאַנצן פאָלק, זאָגסטו? אַ? אויף קיעוו, זאָגסטו?

און ער האָט אַלץ געקוקט, געקוקט פונווייטנס אויף באָטשקאָן. מען האָט לאַנג גערעדט וועגן באָטשקאָס גרויסקייט, און נאָר דער קליי־נדיק־רויטער מיטן האַרטן קאַפּעליושל, וואָס האָט ליב צו פלעכטן נעצן, האָט זיך אַלץ אויף באָטשקאָן נישט אומגעקוקט. ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פישער און האָט יאָרן זיך אַרומגעשלעפּט באָרוועס ערגעץ־ווו ביים ברעג פון ים. ער איז געווען אַ שווייגנדיקער, אַ ביי־זער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האַלט נישט פון עלטסטע, ער האָט זיי פיינט פון אייביקע יאָרן.

נאָר אָט איז באָטשקאָ צוגעגאַנגען צום פייער, און מיטאַמאָל זענען אַלע געוואָרן שטיל. דער קליינדיק־רויטער מיטן האַרטן קאַפּע־ליושל האָט געטאָן אַ שטילן הוסט. ער האָט געקוקט אָן אַ זייט. באָטשקאָ

האָט דערקענט דעם שטילן הוסט, וואָס עמעצער פלעגט געבן, ווען צו אַן אויסגעשטעלטן סאָלדאַטן-טייל פלעגט צוגיין אַן עלטסטער מיט גאָל-דענע עפּאָליעטן. תּמיד איז אין דעם דאָזיקן הוסט געווען אי אָפּשיי, אי לצנות. באָטשקאָ האָט דערפילט, אַז ס'איז אי גוט, אי שלעכט פאַר אים, וואָס מען הוסט שוין און מען ווערט שטיל, בעת ער גייט צו. כּדי עס צו פאַרגלעטן האָט ער גענומען דעם בלאָנדנס קליינע ביקס אין האַנט און מיט אַן אויג פון אַ מבין באַטראַכט איר ציל.

— אַ גוט ביקסל ביי דיר, ברודערקע, — האָט ער פריינטלעך אַ מורמל געטאָן, — פון עסטרייך, אמת?

ער האָט דאָ אויפן אָרט סך-הכּל איין אויגנבליק זיך מיטן ביקסל אַ ציל געגעבן און געטראָפן אין אַ קליינעם פויגל אין עק לאָנקע אויפן שפּיץ פון אַ בוים.

געהייסן האָט עס:

— אָט זע: אַן עלטסטער, אמת, בין איך, אָבער אויך אַ גוטער-ברודער, אַ געטרייער. דער עיקר איז: בלייבן טריי איינער דעם אַנ דערן... פאָלגן.

דער בלאָנדער מיט דער קאָזאַקן-פּאה האָט אויסגעזען צו זיין אַ יונג מיט ביינער, אַ גבר. דער זאָטל אויף זיין פערד איז געווען אַ טשיקאַווע-געלער — נישט אויף זיין מיסט געוואָקסן. באָטשקאָ האָט דעם בלאָנדן באַטראַכט פון דער זייט: נישט קיין איבערגעשראָקן קינד, גייט אָנגעטאָן מאָדנע, — מאַדיאַריש, און רעדן רעדט ער עפּעס אויך, ווי מיט האַלבן לשון. באָטשקאָ האָט קונציק אויסגעשפּיגן גלייך אין פייער אַריין און זיך פאַרטראַכט: מיט אַזוינעם, ברודערקע, קען מען האָבן פּעטרו-נען אין דער ערד; מען קען אַליין צונויפשטעלן אַ קליינעם טייל און זיך ביסלעכווייז אונטעררוקן, זיך דורכרייסן אַהין קיין מאָסקווע...

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט ביים פייער, אונטערגעפייפט פאַרטראַכ-טערהייט מיט די ליפּן. אַלע זענען דאָ ביים פייער פאַמעלעך אַנט-שלאָפן געוואָרן, האָט ער אויך דרימלען אָנגעהויבן, און געחלומט האָט זיך אים שוין ווידער אַ צווייטער באָטשקאָ, אַזעלכער, וואָס האָט אַ גאַנצן פאָלק אונטער זיך, און אַלע אין פאָלק האָבן אים ליב; און דער פאָלק איז אַ שטאַרקער, אַ גרויסער, און וויסן ווייסט מען וועגן אים סיי אין מאָסקווע, סיי דאָרט, אין זאַמדיקן עק פון דער היימישער שטאָט,

פונוואַנען ער, באַטשקאָ, שטאַמט, און ווו אין נאָענטער שכנות איז פאַראַן איינע אַ שיקסל מיטן נאָמען פראָסיע... און פראָסיע אַליין איז שוין אויך דאָ אין פאָלק. פּלוצים דערקענט ער זי: זי איז אָנגעטאָן אין הויזן און רייט בּאַגלייך מיט אַלע אויף אַ פערד.

ווען ער האָט נאָכדעם, שפּעטער ווי אַלע ביים פייער, זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער שוין ווידער אויסגעזען אַזוי בייז און שטום, אַקוראַט ווי אין דער צייט, וואָס ער איז געשלאָפן, האָט אים עמיצער באַנעמען. פאַרשלאָפענערהייט האָט ער געדרייט די וואָנצעס און געשפּיגן אין פייער אַריין מיט כעס, ווי אַן אויסגעניכטערטער:

— מיר וועלן אַ שאַר טון דאָ נאָענט אין געגנט, — האָט ער צו זיך און צו אַנדריוקן געזאָגט, — מיר וועלן זען, צי עס זענען נישטאָ נאָך אונזעריקע... אַזעלכע ווי מיר...

און אַליין האָט ער זיך נאָך אַלץ צו קיינעם נישט אומגעקוקט, זיינע אומצופרידענע פאַרשלאָפענע אויגן האָבן געוואָלט קוקן בעסער אויף אַ פונק און האַלב־אויסגעלאָשענעם פייער איידער אויף פּנימער פון מענטשן.

— גיכער, גיכער, — האָט ער שטרענג צוגעאיילט, — נישט געשטאַנען!

דענסטמאָל האָט דער נייער צד גענומען זיך שעפּטשען, געשטאַנען אָן אַ זייט, געקוקט, ווי אַנדריוק מיט זיקן פאָלגן באַטשקאָן, ווי אַן אמתן עלטסטן; זיך ווידער אַ סודע געגעבן און אויך זייערע פערד גענומען צוגרייטן.

— וואַרט, — האָט פריץ אַ פאָנפע געטון צו זיקן, — מיר פאָרן אויך.
זיק איז צו אים צוגעשטאַנען, געוווּנקען מיט איין אייגל:
— בעסער זאָגט דעם אמת: איר זייט דאָך פון די „גרויסע”, אַ?
— נו, יאָ... אַזש פון יענער זייט אָרשע...
עס האָט זיך אַרויסגעוויזן:

דרייצן יונגען האָבן זיך אויף יענער זייט אָרשע אַליין אַרויסגערופן אַ יאָג געבן אויף די פערד אין אוקריינישן לאַנד אַריין, אָנשרעקן פּעטליורן, אויסקוקן די געגנט, נאָר צו טיף אין פרעמדן לאַנד פאַרקראָכן — געמוזט בלייבן דאָ אין וואַלד; זיי וואַרטן ביז דער פראָנט, וואָס פון יענער זייט אָרשע, וועט זיך אַהער דערנענטערן. דריי פון די

דרייצן שטאַמען דאָ נישט ווייט פון אַ דאָרף אַרויס דעם וואַלד, זענען זיי דערוויייל טאַקע דאָרט אין דאָרף. און נאָך אַכט... נאָך אַכט זענען פאַראַן טאַקע דאָ, טיף אין וואַלד... אַכט משונהדיקע בריאים, טשודאַקעס, קען מען זאָגן...

— מען קאָן זיי זען, די דאָזיקע אַכט?

— מען קאָן. פאַרוואָס זאָל מען נישט קאָנען?

פריץ פאַרדרייט אויף זייער חשבון אַ לאַנגע יאָדערדיקע קללה, זעצט זיך אויף אויף זיין פערד.

— קומט, — זאָגט ער, — איר ווילט? איך וועל אייך צו זיי פירן — צו אָט די רוחות, עס זאָל זיי אָן זייערע טאַטעס, מאַמעס, באָבעס, מומעס!.. איר וועט אָנקוקן... שוין איינמאָל בריאים!

— רייטן שטיל! — טוט פלוצים אַ קאָמאַנדעווע באָטשקאָ; ער קוקט מיט אַ קרומען בליק. — רייטן צו צוויי אין אַ ריי!

און אַלע דערפילן מיטאַמאָל, אַז זיין קול איז פונקט דאָס, וואָס מ׳דאַרף — אַ קול פון אַן אמתן עלטסטן.

עס איז געווען אַ נייער וואָלקנדיק־פינצטערער טאָג. די לופט איז שוין ווידער באַשטאַנען פון פיצעלעך קליינע רעגן־טראָפּנס, וואָס קלעפּן זיך, ווי פליאַגמע, צו די פּנימער און צו די הענט. דעם וואַלד האָבן פאַרשלונגען געלע, טריפנדיקע נעפּלען, און פינף באַוואָפנטע רייטער, וואָס האָבן אָן לשון מסכּים געווען צו האַלטן זיך אינאיינעם, זענען פּאַמעלעך געריטן מיט אַ פאַרוואָקסענעם וועג אין סאַמע מיטן וואַלד. פאָרויס, פאַר אַלע איז איינער אַליין געריטן באָטשקאָ. ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף צוריק, געדרייט די וואָנצעס. און אַז מען האָט געקוקט אויף זיינע פּלייצעס, האָט זיך געדאַכט, אַז מען קען אים שוין פון לאַנג: ער איז אַן עלטסטער — פון אייביקע יאָרן אַן עלטסטער.

— אַ באַגעגעניש, — האָט ער געחזרט אָן ווערטער און געגלעט די וואָנצעס, — נישט קיין שלעכט באַגעגעניש...

## IV

# אַזוי ווערט אַן עסקאַדראָן

פריץ האָט אין טיפן וואַלד אָנגעקלאַפּט מיטן פוס אין אַ פּוסטן ערד-שטיבל.

אָנגעקלאַפּט האָט ער מיט שפּעטנדיקן רעש, מיט אַזעלכע מאָדנע געשרייען, גלייך ער וואָלט וועלן אַרויסטרייבן פון דאָרט הינער.

— קיש! קיש! קיש! קיש!

און פון חרובדיקן ערד-שטיבל האָבן מיטאַמאָל זיך אַרויסגעשאָטן אַכט ברוינלעכע, שטאַרק אומריינע און משונהדיקע ברואים, קליינגעוואוקסיקע, מיט שמאָלע, דרימלדיקע שפּאַלטן אויפן אָרט פון אויגן און מיט צעפּלאַטשטע קורצע נעזער.

— זע! זע! כינעזער...

פון גרויס התפעלות האָט אַנדריוק געקלאַפּט מיטביידע פּיס אין פערדס בויך און געהאָלפן טומלען. נאָר די כינעזער האָבן אויסגעזען ווי פאַרטויבט. פון זייער ברודיקן ערד-שטיבל זענען זיי נישט אַרויסגעקראָכן שוין אַ טאָג זעקס, און זיך דערנערט פון דער נבֿלה, וואָס איינס פון זייערע פערד האָט זיי געלאָזט בירושה. זיי האָבן אָנגעהויבן פּעט ווערן. פון שטענדיקן פאָרפלען זיך אין פּגר האָבן ביי זיי געגלאַנצט די פינגער, ווי ביי אַ יידענע, וואָס פּאָרפלט זיך אין די געדערים פון אַ הון.

פריץ האָט לאַנג אַריינגערעדט אין זיי, ווי אין טויבע, מיט שטאַרקע געשרייען, מיט אָפּגעריסענע משונהדיקע ווערטער, און איבערהויפּט

מיט זיין פויסט, וואָס ער שטויסט, ווי אַ גיבור אין דער לופט. ער האָט זיי אַלץ אָנגעוויזן אויף באָטשקאָן, זיי אַפּנים געלערנט, אַז ער איז אַן עלטסטער און אַז מען דאַרף אים פאָלגן. די כינעזער האָבן פונווייטנס געקוקט אויף באָטשקאָן מיט טעמפּע דרעמלדיקע אויגן־שפּאַלטן און גע־האָרכזאַם געשאָקלט מיט די קעפּ. מיט די ברוינע, משונהדיקע ברואים איז מען געווען פאַרטיק. איצט זענען געבליבן סך־הכּל יענע דריי, וואָס געפינען זיך אַרום דעם וואַלד אין אַ דאָרף און רוען אָפּ.

— ווייטער! — האָט באַפוילן באָטשקאָ.

פריץ האָט געפאָלגט — גוט־ברודעריש געפירט ווייטער.

פריץ — אַ בלאָנדער גבור, אַ מאַדיאַר — האָט געריטן אויף זיין פערד קונציק־גרינג, אַביסל איינגעבויגן און נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט די העלע־רויטע הענט, — הענט, וואָס זענען געוווינט צו געבן פּעטש.

פונעם געשמאַקן גוטן טאַבאַק, וואָס ער האָט פאַררויכערט, האָבן זיינע קליינע גרינע אייגעלעך זיך ווי אַ באָד געטאָן אין פוטער און נאָך אַלץ פאַרנומען אויף זיין גרויסן אָנגעגאָסענעם פּנים דעם מינדסטן פלאַץ, וואָס אויגן קאָנען פאַרנעמען.

ס'האָט זיך געדאַכט:

פריץ קוקט נישט מיט די שוואַרצאַפּל, נאָר מיטן בולטן שטאַרקן שטערן.

רייטנדיק מיט פריצן אין איין שורה, האָט דער לאַנגער זיק גע־פירט אַ גוט־ברודערישן שמועס:

— געווען אויף דער מלחמה, אַ? פריץ..

פריץ האָט זיך פאַרצויגן מיט גרויס הנאה. ביי יעדער ברי, וואָס דער רויך האָט געגעבן זיינע אינעווייניקסטע געדערים, האָבן זיך ביי אים אונטערגעהויבן די אַקסלען. ער האָט געענטפערט געשווינט:

— געווען, אין זייער מאַמען אַריין... געווען גאַנצע פיר יאָר.

ער האָט גערעדט רוסיש, ווי אַ שטאַמלער — אַ בפירושער ווידער־שפּרוך צו דער העלער גלאַנציק־שטייענדיקער קאָזאַקן־פאה, וואָס שטעקט אונטער זיין פלאַכן ווייגערש היטעלע, ווי ביי אַן אמתן קאָזאַק.

דערצו נאָך האָט אים דער זיכּרון וועגן אַ גוטן אָדער ביטערן נעכטן קנאַפּ געדינט — נעכטן איז פריץ געשלאָפן, הייסט עס: דער

נעכטיקער פריץ איז געשטאָרבן; היינט איז פריץ פון שלאָף אויפגע־שטאַנען, הייסט עס: דער היינטיקער פריץ איז ניי־געבוירן און האָט לחלוטין נישט צו טאָן מיטן נעכטיקן. — פריץ איז אַ מענטש, וואָס פירט נישט קיין בוכהאַלטעריע, דערפאַר אָבער, אַז עס קומט אַ נייער מאָרגן, ווערט באַזונדער ניי און ווויל און גוט צו לעבן אויף דער וועלט. — פריץ פאַרציט זיך דאַן מיט גוטן טאַבאַק און זיינע געדערים פילן אַ נייעם שיכורן פאַרגעניגן, פריץ קריגט באַנייס עפעס געשמאַקס צום עסן, איז אים דאַן ניי די גאַנצע וועלט. אַז ער גיט עמיצן קלעפּ, האָט ער באַנייס הנאה פון דער אייגענער גבורה. אויב עס טרעפט אויך אַוועקצולייגן מיט אַ קויל אַ שונא, האָט ער עס נאָכדעם פונקט אַזוי קנאַפּ אין זינען, ווי קנאַפּ דער נעכטיקער פריץ האָט אין זינען געהאַט דעם שונא, וועלכן ער האָט אַוועקגעלייגט אייערנעכטן. ביי יעדער באַגעגעניש מיט אַ געזונטער דאָרפס־מויד, טוט גלייך אַ שלעפּ צו איר פולן בוזים און צו די נאַקעטע פיס, וואָס שטעקן פון אונטער איר קורץ קליידל, און אַז זי געפעלט שטאַרק, שטייט מען צו איר צו, כאָטש זי קוויטשעט, און מען איז מיט איר אַזוי אָדער אַנדערש מזנה.

דער עיקר איז אָבער, וואָס פריץ האָט ליב גוט זיין מיט אַ חבר, ווי מיט אַ לייבלעכן ברודער, דינען געטריי, און מעג דער חבר זיין אפילו אָט דער קלייענדיק־רויטער מיטן האַרטן קאַפּעליושל, וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ פישער ערגעץ־ווו ביים ים און שמעקט נאָך עד היום מיט פרישע געכאַפּטע שלייען און פלעכט נעצן אַזוי גיך, ווי אַ שווייגנדיקע יידענע אַרבעט זאָקן.

— לעווקאָ! — רופט פריץ דעם דאַזיקן חבר זיינעם, — לעווקאָ, אַנו גיב נאָר אַהער מיין טאַבאַק.

ער גיט לעווקאָן צו באַהאַלטן אַלע זיינע גוטע זאַכן און האַלט ביי זיך גאָרנישט, פון ברייט־האַרציקייט, אַפּנים. ער האָט ליב צו געבן פעטש און האָט פיינט אַסך צו רעדן, נאָר דער לאַנגער זיק איז אַ קלוגעטשקער. אַז ער פירט מיט פריצן אַ גוט־ברודערישן שמועס, הייסט עס: ער דאַרף ביי אים עפעס אַרויסבאַקומען, אויסטאַפּן, ווער ער, פריץ, איז און פונוואַנען קומט ער, דער מאַדיאַר אַהער אין לאַנד — זיק מוז פון אַלץ געווי ווייסן.

לאָזט זיך אויס אַ מעשה:

אַ רייטער-טייל האָבן די דייטשן נאָך זומער-צייט אַראָפּגעבראַכט אין די היגע קאַנטן, אַ באַזונדערן עסקאַדראָן אויף גנאָטעווען אַ דאָרף הפקרדיקע פּויערים, וואָס צינדן די שייערס ביי אַרומיקע פּריצים און שרויפן אַלע נאַכט פונאַנדער די רעלסן ביי דער באַן. איז מיט פריילעכן געזאַנג אויף איינעם אַ פערד צווישן יענעם עסקאַדראָן אויך פריץ געפּאָרן גוט אָפּעסן און ווילדעווען; זיך אַליין אַרויסגערופן; פּאָרנדיק אַהין האָט ער אויף יעדן ישוב געמיינט, אַז דאָס איז עס שוין און מעג שוין אָנהייבן ווילדעווען — אומעטום גרייט געווען צו געבן שמיץ.

איז גוט און ווויל אין יענעם דאָרף געווען: אַ טייך אַ קאַלטער אויף באָדן זיך איינאיינעם מיט די פערד; אַסך אָנגעשניטן היי. זאַטער שייער קוקט מיט קילן נואף-שאָטן בעת באָרוויס-שפּאַנענדיקע שיקסע-פיס טוען אין אים אַ שווינדל, און שטיבער שמעקן אַלץ מיט טאָטערשע קרייטעכצער און מיט פעטן טשאָלנדיקן קרויט.

ביי טאָג האָט מען געשמיסן פאַרזינדיקטע פּויערים, אויסגעלייגט ווי אַלעמאָל אַ שטיק אַכצן אין איין שורה. אין איין אָוונט האָט מען זיך אַרומגענומען מיט זייערע טעכטער, זיך געהאַלדזט מיט זיי אויף שטילע גערטנער אונטער די הייזער — לבנהדיקע שיקסעס אויף לבנהדיקע גערטנער.

זיך האָט פון פריצן אַרויסגעצויגן די מעשה פּעדעמווייז:

— און שיקסעס האָבן געקלעפּט? אַ?... פריץ...

פריץ האָט געענטפערט:

— געקלעפּט, אין זייער מאַמען אַריין, געקלעפּט.

— געשמאַק געווען, אַ? פריץ.

פריץ האָט געענטפערט:

— געשמאַק. אין דיין מאַמען אַריין, אַ שאָד געווען דאָס דאָרף צו פאַרלאָזן.

און דאָ, ווי פריצן אויף צו-להכעיס, איז דעם דייטשן חיל מיטאַמאָל אָנגעקומען ווידערצושפּעניקן. פון אַרום און אַרום האָט מען גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין — זיך אומקערן צוריק אַהיים. פריץ האָט זיך דערפילט עלנט ווי אַ שטיין: פיר יאָר כסדר געשאָסן... פריץ האָט ליב באַקומען צו צילן זיך דאָרט אין דאָרף און אונטערשיסן

כאָטש וועמען ס'נישט איז – כאָטש אַ חזיר, צי אַ הונט, און פּלוי־צים נאָ!..

פריץ פאַרשטייט נישט גאָרנישט:

– פאַרוואָס גאָר אומקערן זיך אַהיים?...

אין אַ זוניקן פרימאָרגן, אין אַ שעה אַ צעטומלטער, ווען פרייליכע פאָלק־אָרקעסטערס האָבן שטאַרק געשאַלט אין מעשענע טראָמפּייטן און מיט יום־טובדיקן קלאַנג פון טאַצן באַגעגנט די נייעסטע רעוואָלוציאָנערע בשורה פון דער היים – אין אַזאַ זוניקן פרימאָרגן האָט פריץ שטילערהייט אַוועקגעבלאָנדזשעט אין דער קעגנ־איבערדיקער זייט, אין פרעמדן לאַנד אַריין, נישט פאַרגעסן מיט זיך נעמען זיין גרינג־קאַוואַלעריסטיש ביקסל און ענג איינפּאַסן דעם קוילנגאַרטל אויף די לענדן.

זיין רויט־קאַוואַלעריסטיש רעקל האָט מיט יום־טובדיקן שימער גע־שוועבט אַלץ טיפער און טיפער אין פרעמדן לאַנד אַריין, און די טאַשן פון זיינע האַלב־לעדערנע גאַליפע־הויזן זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַלע זאַכן, וואָס קענען העלפן זיך דורכשלאָגן אַ וועג.

פריץ האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין אַלטער מאַדיאַרישער היים און האָט געדינט ביי די „גרויסע" אין אָרשע.

אינאיינעם מיט פיל אַנדערע האָט ער געשאַרט דאָרט אין די טאַשן ביי סוחרים, וואָס קערן זיך אום קיין אוקריינע.

נאָר אָט האָבן זיך אָנגעהויבן די געשלעגן אויך אויף אָרשער גרענעץ, און אינאיינעם מיט עלף אַנדערע האָבן פריץ און לעווקאָ פאַרבלאָנדזשעט – צו טיף פאַרקראָכן אין פרעמדן לאַנד.

פריץ בענקט נאָך פריילעכער חברישער אַרבעט, ק׳קט ער צו זיקן נישט מיט די פּיצעלעך אייגעלעך, נאָר מיטן שטאַרקן בולטן שטערן און וויל זיך ביי אים דערוויסן, ווי מיינט ער:

– דאָ אין וואַלד... א סכנה דאָ לענגער צו בלייבן?

נאָר זיק זאָגט אויף זיך אַליין, אַז ער איז באַטשקאָס אַ געטרייער חבר; קלוגעטשקערהייט ווינקט ער אַלץ אויף באַטשקאָס פּלייצעס; הייסן קען עס:

– פאַרלאָז זיך אויף אים... ער וועט שוין אַרויספירן.

– וואָס־זשע? ער קען, אַ?

– אָ, אָ! נאָך אַ מין! געפירט אַ גאַנצן פאָלק אויף קיעוו.

אין פינפן זענען זיי דעמאָלט געזעסן אויף די פערד, געשטאַנען אין עק געפּלדיקן וואַלד און געקוקט, געקוקט ווי דינע שנירעלעך רעגן צוואָגן די שיטערע שטיבלעך פון אַ ווייטלעך דאָרף אין אַ טאָל. אין איינעקע פון יענע שטיבלעך געפינען זיך איצט פריצס חברים — דריי מזיקים, וואָס האָבן פערד און האָבן ביקסן און זענען שוין געווען אויף דער מלחמה און ביי פעטליורען און ביי די „גרויסע". מען האָט דעמאָלט קוים איינגעבעטן דעם קליינעדיק-רויטן, אינעם האַרטן קאַפּע-ליושל, ער זאָל זיי אַהערברענגען.

---

מיט גרויען טאָג זענען די דאָרפישע דריי „גרויסע" געקומען אויף דער לאָנקע, געקלעפּט אַרום פּייער האַלב-זיצנדיק, ווי מאַלפּעס, זיך געסודעט מיט לעווקאָן און מיט פריצן, און אַלץ געוואָרפן פונ-ווייטנס נייגעריקע בליקן אויף באָטשקאָן. זיי האָבן סוף-כל-סוף צוגע-שיקט אים זאָגן:

— רעכט, מיר גייען.

ביי באָטשקאָן האָט אַ נאָג געטאָן אַרום האַרץ — אַזוי גרויס איז אונטער זיין ברוסט געווען דער געמיש פון נייער סכנה און פון נייעם גליק. מיטאַמאָל האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט סיי צום שיינעם באַקאַנטן שיקסל, וואָס ביי זיך אינדערהיים, סיי צו אַ גרויסן, גרויסן פאָלק. ער האָט זיך דערנענטערט גאַווהדיק, מיט האַלב-פאַרגלאָצטע אויגן, און אַן אויסזען איז ביי אים געווען אַזעלכער, גלייך ער ציילט אויף די פינגער:

— נישט איינס, נישט צוויי...

אינאיינעם מיט די כינעזער האָט ער איצט געהאַט פופצן רייטער. נאָר ביי די כינעזער האָבן געפעלט אַפּאָר פערד; די איבעריקע זיבן — אַפילו זיך מיט אַנדרייוקן האָבן אויף אים געקוקט מיט אַ באַהאַל-טענעם נייגעריקן שמייכל און אַן גלויבן.

— אויסשטעלן זיך! — האָט ער אויף צו-להכעיס ווי פאַרשיכּורט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

דער באַפעל איז ביי אים אַרויס לעפּיש, ווי ביי אַ פּשוטן סאָל-דאַט, וואָס פאַרבייט אויף קאַטאָוועס דעם אַוועקגעגאַנגענעם עלטערן.

באַטשקאָ האָט געזען: נישט ווי אויף אַן עלטסטן אין גאָלדענע עפּאָ-ליעטן קוקן אַלע אויף אים און נישט ווי אויף איינעם פון יענע קאָ-מיסאַרן, וואָס האָבן אין אָנהויב רעוואָלוציע אָנגעהויבן אַראָפּקומען אויפן פראָנט.

— חברים! — האָט ער פאַרשיכורט נאָכגעמאַכט דאָס קול פון יענע קאָמיסאַרן, נאָר געגעבן אַ הוסט און זיך אָפּגעהאַקט.

ער האָט דערזען פאַר זיך פופצן פּאָר אויגן, וואָס ברענען יעדערע מיט אַ באַזונדער גיריקייט און מיט אַ באַזונדער ווונטש.

— חברים! — האָט ער זיך געוואָלט דערמאָנען אָן אַלע רעדעס, וואָס ער האָט ווען ס'נישט איז אין זיין לעבן געהערט.

אין קאָפּ איז אָבער אַלע געליגן דער געדאַנק:

— אָט אַזוי...

— אָט אַזוי ווערט עס אין אַ צייט פון אויפשטאַנדן.

— אָט אַזוי ווערט אַן עסקאַדראָן.

# V

## עס טרעפט — ס'איז לאַנגווייליק

דריי יונגען זענען שפּעט איינאָוונט אַריבערגעשפּרונגען דעם הויכן פּאַרקאַן פון קליינעם פּריצישן הויף. אין פאַרוואָרפענעם פּאַלוואַרק ליבידאַ; אַריבערגעקלעטערט ברייהש מיט גנבהשן באַשלוס און זיך דערשראָקן פאַר אַ שפּעטער שיין, וואָס היט אין ווייטן עק:

— סטאָפּ!

ליימיק־נאַסער באָדן האָט באַקלעפּט די פיס, ווי עפּעס עקלדיקס און אומריין־ווייכס. עס האָט געצויגן מיט שטילער וויסטעניש פון גאַנצן שלעפּעריקן פּאַרק און נאָר אין ווייטן עק האָבן אַפּאָר באַלויכטענע פענצטער געקוקט שלאָפלאָז מיט לאַנגע, בייגאַכטיקע רגעס. זייער שפּעטער שיין האָט געקיצלט די פינצטער, וואָס צווישן צוויי נאָענטע בוימער. און פּלוצים: אַ ציטעריקער וואָקל — די שיין האָט זיך אויסגעצויגן, ווי אַ לאַנגער גאָלדענער חלף און אַ שניט געטאָן די לענג פון נאָענטן שוואַרצן טייכל; אַפּנים אין אַלטן הויף האָט מען איבערגעטראָגן אַ לאָמפּ פון איין אָרט אויפן צווייטן. די יונגען האָבן זיך דערנענט:

— זעסט, צי ניין!

דער אַלטער הויף האָט אַלץ געקוקט פאַרעקשנט ציכטיק־בייז און איינגעשפּאַרט:

— אַ פּריץ בלייבט אַ פּריץ!

דורך די פענצטער האָט זיך געזען: די פּריציטעס פון אַלטן

הויף זיצןביידע אַרום טיש און פּאָרקען לעבן דער קליינער ניימאַשין, וואָס וויל נישט שטעפּן. און אָנגעטאָן זענען זיי, ווי אויף צו-להכעיס דער וועלט, שטאַרק יום-טובדיק, פּאַרפּוצט, גלייך אָט-אָט וועט קומען צו זיי אַ חתן.

---

די פּריציטעס פון אַלטן הויף:

צוויי באַיאָרטע מיידן, גוטע און ליבלעכע צו אַזעלכע פּריציטעס ווי זיי און גיפּטיקע, שטרענגע צו אַלע איבעריקע מענטשן. ווייל די הפקרותדיקע געגנט איז נאָך דער מלחמה פון זינען אַראָפּ, פאַרשנורע-ווען זיי זיך ווי אויף צו-להכעיס אַלע פרימאָרגן אין די גאָרסעטן, פּו-דערן שטאַרק אָן די פּנימער, פּוצן אויס די נעגל. און נאָכדעם האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג נישט מער וואָס צו טאָן, שפּאַנען זיי אַרום איבער די צימערן און ביי יעדן שטאַלטנעם טריט אַקעגן שפּיגל האָבן זיי אַ שטייפע נקמה אין דער ברודיק-צעלאָזענער וועלט, אין דער רעוואָלוציע און אין די אַרומיקע פּויערים, וואָס האָבן ביי זיי זומער-צייט די ערד אָפּגענומען. די דינסטן האָבן זיי אָפּגעזאָגט נאָך באַלד ווי די דייטשן זענען אַוועקגעגאַנגען — זיי האָבן פיינט, אַז דינסטן ווערן מיוחסים און זאָגן דעות, וואָס מען זאָל זיי געבן צו עסן. דער עיקר איז ביי זיי: זיך דערוואַרטן אויף אַ ברודער אַן אָפּיצער, וואָס שלאָגט זיך ווי אַ „וויסער" אויפן דאָנער פראָנט; דער עיקר איז ביי זיי: נישט פּלאַצן פון פאַרדרוס. זיי זענען שטרענגער, ווי שטרענג. זיי טראָגן ווי תמיד צלמלעך אויף די העלדזער און גלויבן גלויבן זיי ווי תמיד אין גאָט, אין נבואות פון קאָרטן, אינעם פּיליפּער גוטמוטיקן פּעמפּיק דעם גלח און אין יושר פון דעם, וואָס וועט קומען גנאָטעווען די וועלט.

אגב:

דער פּיליפּער גלח איז אָקאָרשט פאַרנאַכט ביי זיי געווען און אָנדערציילט מעשיות וועגן פּעטליורעס טיילן, וואָס שניידן „זשידעס" אין די שטעטלעך, אַרום גרויסן טראַקט. מען האָט געקנאַקט ניסלעך ביים טיש און געשפּיגן די שאָלעכץ פון די מיילער פרייליך און אויף גיך, אויף גיך:

— אַ מחיה... זאָלן זיי נעמען פון זשידעס די הויט.

דער גלח האָט דערציילט:

— מילא, זשידעס, איז זשידעס.

— קריכן זיי שוין אָבער אין דאָרף אַריין אויך. טאַקע פשוט צו „מענטשן". אָט, למשל, אין דאָרף קיסליאַק.

דער גלח זאָגט גבואות; ער וויל מען זאָל געדענקען זיינע רייד:

— אין דאָרף קיסליאַק וועט איניגיכן זיין אַ „בונט" — אַ גרויסער בונט.

— אַ-אַ! רעכט אויף זיי, זייער רעכט.

— אַדרבא, זאָלן זיי אָנהייבן אויסקוילען איינע די אַנדערע; שוין צייט דערויף, שוין לאַנג צייט.

דער גלח האָט אויך דערציילט, אַז אין יאַנאָווער וואַלד האָבן זיך באַזעצט רויבער; מען זאָגט: „גרויסע", — אַן עסקאַדראָן אַ גאַנצער. נאָר ווער ווייסט זיי. אַלע נאַכט הערט מען פון דאָרט שיסן.

פאַרנאַכטלעך האָט דער גלח נישט אומזיסט אַזוי שנעל אַוועקגעאיילט אַהיים.

איצט איז שפעט שוין, שטאַרק שפעט.

---

די מיידן זיצן און נייען. זיי דערהערן פלוצים ווי עמיצער שאַרט זיך אינדרויסן אַרום די ווענט און קוקן זיך אום מיט אַ ציטער. ביידע ווערן בלייך. די יונגערע — אַ הויכע, אַ דאַרע — ציט אויס איר לאַנגן האַלדז, פול מיט סימנים פון מכות, וואָס מען האָט איר אַמאָל געשניטן, און אויף איר געפודערט פנים טרעטן אַרויס פיל רויטע פלעקן, אַקוראַט, ווי אַ פאַרהוילענע האַנט וואָלט איר שטאַרק קנייפּן די באַקן. זי בייגט זיך אָן און וויל אָנגעמען דעם לאָמפּ אין עק טיש, נאָר דעם לאָמפּ נעמט זי נישט אָן: דער פריערדיקער געראויש אינדרויסן אַרום די ווענט חזרט זיך איבער פיל נענטער און קלערער. דעם באַלקאָן באַרירן שווערע טריט און אַ בלינדע אומרחמנותדיקע האַנט שאַרט שוין דאָרט איבער דער וואַנט און זוכט און זוכט. ס'איז אַ שרעק! אָט-אָט-אָט נעמט דאָרט די האַנט אָן פאַרן הענטל פון דער טיר.

— סטעפּאַ! — פּרוווט די לאַנגע מויד שרעקן מיטן נאָמען פון עם

סטרוזש, וואָס איז נאָך זומערצייט אַוועק פון זיי איבער שלעכטע קעסט, — אַ? סטעפּאַ?

קיין ענטפער.

— סטעפּאַ!

ווידער שטיל. דעמאָלט שטעלט זיך אין דער מויד סיי די גרויסע שרעק, סיי דער ווילן זיך איבערצייגן, אַז עס איז נישט מער, ווי אַ טעות. מיט באַשלאָסנקייט ריגלט זי אויף די קליינע אייזערנע קייטעלעך און גיט אַ שטויס אָפּ די טיר, יעדנפאַלס איז זי נאָך נישט משוגע, ווי די גאַנצע וועלט אַרום איר; זי האָט נאָר אין זיך געגנוג שטאָלץ פון אַ פּריצעטע.

— סטעפּאַ! — רופט זי בייז מיט פאַרדרוס, גלייך זי פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס דער פוילער סטרוזש רופט זיך נישט אָפּ.

זי שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון דער באַלויכטענער טיר צום באַלקן. נאָר פּלוצים, ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין גיט זי אַ שטילן היכץ — צו איר בייגט זיך צו אַ פרעמדער קאָפּ אַזוי נאָענט, נאָענט; אַ מויל טוט אויף איר אַן אָטעם וואַרעם מיט אַ ריח פון פיל אויפגעגעסענע ציבעלעס, און אין די אויגן שווינדלט איר אַ בלאָנדע הפקרדיק-אַרויסגערוקטע פאה. דער קאָפּ קוקט אויף איר האַלב-שעמעוודיק און משונה — נישט מיט די אויגן קוקט ער אויף איר, נאָר מיטן בולטן שטיינערדיק-האַרטן שטערן:

— לאָז אַריין, דו!

און אַ שטויס דערפילט זי אויף אַ משונהדיקן — מען מאַכט זי אַוועק פון דער טיר נישט מיט דער האַנט, נאָר מיט אַ האַלב-שעמעוודיקן שפּאַר פון אַן אַקסל.

---

— וואָס ווילט איר דאָ?

— עסן.

— אַ טראַקטיר איז אין דאָרף, אין פיליפּע.

— הערסט אַ מעשה?!

— פּכע!

עס האָבן געלאַכט אויס דער לאַנגער מויד אַפּאָר שטעכיקע אויגן

רויטלעכע, ווי העל בלוט. די אויגן האָבן זיך באַוויזן אונטער אַן אָנ־געצרוקטן האַרטן קאַפּעליושל גאָר נאָענט לעבן דעם בלאָנדנס קאָזאַקן־פּאה, געקוקט מיט שלעכטער שנאה און באַוואונדערט די מויד:

— זעסט אַ נבלה?!

און קעגן איבער דעם האַרטן קאַפּעליושל האָט זיך שוין געהאַט באַוויזן נאָך אַ שטעכיק נאַכט־פּנים, פול מיט ליגנערישע קנייטשן. מען האָט צו דעם געזאָגט:

— הייב אָן, אַנדריוק!

האָט ער זיך אַרויסגערוקט פאָרויס און האָט אַ קוק געגעבן אויף דער מויד מיט אויגן, וואָס זענען צופיל טעמפּ סיי פאַר רחמנות, סיי פאַר געבעט:

— אַהער גיב אַלץ, מיט איין וואָרט: זאָטלען דאַרפן מיר און געלט, פינגערלעך, צירונג.

שטיל.

— אַהער גיב, זאָג איך.

די הויכע מויד מיטן געהעפטן האַלדז האָט פאַרוואָרפן די הענט איבער איר קאָפּ, כדי צו פאַרהיטן אים פון אַ קלאַפּ, האָט דער בלאָנדער מיט דער קאָזאַקן־פּאה זיך אַ נעם געטון צו איר קערפּער. ער האָט אָנ־געטאַפּט אַן ענג־פאַרשנורעוועטן גאָרסעט און זיינע אויגן האָבן פּחדימדיק געקוקט, געקוקט צום קלייענדיק־רויטן, ביי וועמען עס פאַרקרימען זיך צו שטאַרק די אַנגלען — אַזוי הויך האָט דער קלייענדיק־רויטער זיין איבערגעקערטע ביקס איבער דער מוידס קאָפּ געהאַט פאַרוואָרפן. נאָר דער בלאָנדער האָט זיך שוין געהאַט אַ ברי געטאָן אין אירע פייכטע פאַכוועס און דערשמעקט זייער ריח.

— וואַרט מיט דער ביקס, דו, דאָרטן...

— שטיי דאָ, אַנדריוק. היט.

ווען דער קלייענדיק־רויטער האָט געכאַפּט דעם לאָמפּ אין עק טיש און איז אַוועק שאַרן אין די אַרומיקע צימערן, האָט דער בלאָנדער אין דער פינצטער זיך געראַנגלט מיט דער לאַנגער מויד, געכאָרכלט טיף־טיף מיטן קורצן אָטעם, נאָר סוף־כל־סוף זי געפּאַקט אויף די הענט און אַוועקגעטופּעט מיט איר אין צווייטן פינצטערן צימער.

— אָט קליפּות, — האָט געגרימט דער קלייענדיק־רויטער, אַריינלויפנדיק

אַהער מיטן לאָמפּ אין האַנט נאָך אַ בענקל,—זעסט וווהין מכשפות פּאַלט איין זאָטלען צו באַהאַלטן... זעסט, צי ניין?

אונטער די שווערע קלעפּ פון זיין האַק האָבן אין די אַרומיקע צימערן געפּלאַצט דעקן פון קאַסטנס און פון שענק. ער האָט געקלונגען מיט אייזנדלעך פון זאָטלען, ווי מען קלינגט מיט זילבערנע לעפל און אַלע מאָל געבראַכט אַהער צו שלעפּן אַ נייעם שווערן זאַק. און נאָכדעם האָט שוין דאָ ווידער געברענט דער לאָמפּ און באַלויכטן אַלעמען אַחוץ דער פאַרשווונדענער לאַנגער מויד. דער בלאָנדער מיט דער קאָזאַקן-פּאה איז שוין אויך דאָ געווען, געשטאַנען לעבן דער עלטערער מויד, וואָס טרייסלט זיך אין דער טיפער ווייכער שטול, צי פון גיפט, צי פון שרעק; ער האָט באַטראַכט אַקעגן לאָמפּ דעם וואַרעמען שוואַרצן שאַל, וואָס ער האָט נאָר-וואָס פּאַמעלעך פון דער מוידס פּלייצעס אַראָפּגענומען: ער האָט זיך, ווי אַלע, אומגעקוקט צו די פרישע האַסטיקע טריט, וואָס הערן זיך פונעם באַלקאָן: — עפּן! עפן!

אויפן באַלקאָן האָט זיך באַוויזן באָטשקאָ אַליין, זיך באַוויזן בייז, די הענט טיף פאַרשטעקט אין די טאַשן פון זיין שינעל.

— פאַרנומען זיך פונדאַנען! — האָט ער שטרענג ווי פון די אַקסל-מוסקולן אַרויסגעטרעסלט, — נו, געשווינט! און בייז אַריינגעקומען אין צימער. זיינע שטעכיקע אויגן האָבן געקוקט מיט הנאה, ווי דריי מענטשן פאָלגן און הערן זיך אויף צו באַשעפטיקן מיט מיאוסע מעשים.

— מאַרש!—האָט ער אויסגעקנאַקט און פאַרלאָשן דעם לאָמפּ אויפן טיש.

אין שטילער פינצטער האָבן איצט, ווי באַנייס, געקלאַפּט די הענגנדיקע וואַנט-זייגערס, פּאַמעלעך אויסגעשלאָגן די ביינאַכטיקע רגעס פונעם אַלטן פאַרגוואַלטיקטן הויף און באַגלייט דאָס לאַנגע מיידלעשע געוויין, וואָס נאָגט אָן אויפהער ערגעץ אין אַ וויטן צימער: טיק-טאַק, טיק-טאַק.

אַנדריוק איז געבליבן דער לעצטער, געשלעפּט מיט זיך עפּעס אַ גרינג זעקל.—ער האָט זיך געפילט קינדעריש פאַרטיילט, ווי באַליידיקט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם לאָמפּ, וואָס איז געבליבן אויפן טיש און זיך אומגעקערט אים נעמען. אים איז געווען מאָדנע לאַנגווייליק פון דער גאַנצער אַרבעט, פון די קלאַפּנדיקע זייגערס און פון דער מויד, וואָס וויינט, און פון גרינגן פּעקל, וואָס אויף זיינע פּלייצעס

— אָך, גאָספּאָדי,—האָט ער שטיל געזיפצט און געגענעצט.

# אַ מעשה מיט גבירים

# אַ מעשה מיט גבירים

## I

— איך האַלט נישט אויס!.. זיי גייען דאָך טאַקע!

— אַ ברירה?..

— זע נאָר: זיי האָבן אויסגעטאָן די טכוירענע טוליפּלעך.

— קוקט, קוקט: מען האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט; זיי סודען זיך.

— וואָכעדיקע „והוא רחומס".

אָרעמע געסלעך, שמוציקע סיטקעס און סתם־פּייכטע קעלערס קערן זיך אויס אויף דער לינקער זייט, שיטן אויס אַלץ, וואָס זיי פאַר־מאָגן אין דרויסן אַרויס. אויף דער הויפּטגאַס שטייט מען אומע־טום — אויף טראָטואַרן, אויף גאַנקעס פון הייזער, אויף טרעפּלעך פון קלייטן; מען שמייכלט מיט די נעזער, גלייך עמיצער האָט נאָר־וואָס געזאָגט אַ חכמה, מען שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער, מען קוקט זיך איין אין דער ווייטסטער טיף פון לאַנגער גאַס און מען וויל זעען מיט די אייגענע אויגן, וויאַזוי די גבירים טראָגן אין „רעווקאָם" אַריין די „פּירערס". די גבירים האָבן זיך אין עק גאַס פאַרזאַמלט אין באַנק. דאָ אויף די טראָטואַרן האָט מען געשמועסט, אַז סע וועט זיי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס.

— ס'איז זיי קיל געוואָרן אין פּופּיק, נאַר איינער.

עמיצער האָט אויסגעשריגן:

— גוטע־ברידער! געגנוג געליפּעט קוילאַטש.

אויסגעשריגן פונוויטנס נישט געווג הויך און זיך פֿאַרשעמט.
עס איז פורים־צייט. די שטאָט — אַ מיטעלע שטאָט אין דרום. די ברוי־קירטע הויפטגאַס — באַהאָנגען אין איר גאַנצער לענג מיט רויטע יום־טובדיקע פֿאָנען, — קוקט, ווי מיט ריין־אויסגעוואַשענע אויגן. פֿון מענטשן שמעקט מיט ווֹעסנע. וואַרעמע אָדר־זון הייבט אָן אינמיטן העלן טאָג באַנייס צו שיינען, שמעלצט דעם שניי ערגעץ־ווו אין די קנייטשן פֿון אַרומיקע בערג, אין אַלע קי־לע ווינקעלעך; זשומעט אין ברודיקע הויפן, טריפט פֿאַרפּסחדיק־ניי, און יע־דער איינער פֿון די ניין טויזנט יידישע איינוואוינער קאָן זיך אַ רגע נישט איינהאַלטן אין שטוב — אַזוי באַלעבט און פריילעך איז אין דרויסן: באַשעפטיקט גייען פֿאַרביי רויטע אַרמייער (זיי האָבן אָקאָרשט נעכטן מציל געווען די שטאָט פֿון צוויי באַנדעס און פֿון פעטליורעס אַ צעפּוילטן טייל); עס קומען נאָך אַלץ אָן נייע רויטאַרמייִשע טיילן.
— ס׳גייט קאַוואַלעריע, — האָט מען געזאָגט, — גאַנצע צוויי עסקאַדראָנען.
— מען פֿירט אָרודיעס... איר זעט ס׳אַראַ אָרודיעס?!
און דער עיקר נייס:
דער נייער רעווקאָם האָט אַרויפגעלייגט אויף די אָרטיקע גבירים אַ קאָנטריבוציע פֿון גאַנצע פינף מיליאָן; אַלע ווילן וויסן, וואָס פֿון דעם וועט אַרויסקומען:
— ווי מיינט איר? זיי וועלן טאַקע צאָלן גאַנצע פינף מיליאָן?
— נאָך אַ מין צאָלן. זיי וועלן געשוואָלן ווערן און צאָלן.
— מען זאָגט, זיי האָבן שוין פֿאַרגראָבן די פוּיטיקעס אין דער ערד.
— נישקשה, זיי וועלן אויסגראָבן.
— מען וועט זיי געבן אַ שמעק טאָן כריין.
— אָט איז איצי, וואָס זאָגט איצי?
איצי זשוואָוועס — אַ געוועזענער ווינאָקור, אַ געשטופּלט און רויט יידל מיט אַן אונטערגעצופּט בערדל. זיין פּאַלטאָ — אַ ברייטער, אַ גע־ליגענער... בוטעלקע־קאָליר. איצי לויפט אַרום פֿון רעדל צו רעדל. נישט לאַנג האָט אים וואָווע סקרופּניק — אַן אָרטיקער גביר — אין מיטן ווינ־טער אַרויסגעוואָרפן מיט אַלע בעבעכעס פֿון גוראַלניע. איצט אין ברייטן געליגענעם פּאַלטאָ טרעסלט ער זיך פֿון פרייד, בליצלט מיט די אויגן,

שווערט זיך, אַז גאָט זאָל אים טאַקע אַזוי העלפֿן, ווּהין ער וועט זיין קערן און ווּהין ער וועט זיך ווענדן:

— גאָט זאָל מיר טאַקע אַזוי העלפֿן, ווי... ס'איז גוט און גענוג!..

און נאָך שווערט ער:

— יידן, איר ווייסט וואָס? איך בין אַ גרויסער קבצן, אַ מטופּל. אינדערהיים ליגט ביי מיר אַ קראַנקע מאַמע; זי איז שוין צוויי חדשים פון בעט נישט אַראָפּגעגאַנגען, נאָר פונדעסטוועגן... איך שווער ביי מיין יידישקייט: — אַזאַ פריילעכן פּורים, זאָג איך אייך, האָבן נאָך יידן נישט געהאַט זינט די וועלט שטייט. סיידן טאַקע גאָר אַמאָל, ווען מען האָט אַוועקגעלייגט המנען.

ער האָט געהאַלטן אין איין נישטערן מיט די אויפגעבליצטע אויגן, אין איין זוכן מענטשן, וואָס וואָלטן זיך קענען אינאיינעם מיט אים משמח זיין, אָפּגעריסן אַלעמאָל אַן אַנדערן פון די אָרטיקע יונגע סאָציאַליסטלעך און באַשעפּטיקט אים איינגערוימט אין אויער:

— הערט מיך אויס: מען וואָלט באַדאַרפט זוכן ביי זיי אין די קעלערס, ביי די גבירים, מיין איך. פאַרשטייסט, צי ניין? — מען וואָלט עס באַדאַרפט מודיע זיין אין רעווקאָם — גבירים, זאָג איך דיר, האָבן אַ טבע צו פאַרגראָבן וואָס טיפער

נאָר די סאָציאַליסטלעך האָבן אין יענעם טאָג אויסגעזען משונהדיק קאַלט און ניכטער; עס האָט זיך געדאַכט: זיי זענען מיטאַמאָל פרום געוואָרן און פאַסטן אסתר-תענית. זיי זענען, ווי אַלע אַנדערע, שטיל געשטאַנען ביי דער זייט, געקנאַקט יאָדערן, ווי די פּריזיוּוניקעס, געוואָרפן אייגלעך פון דער זייט און געשוויגן, אַקוראַט, ווי מיט זייער שווייגן טוען זיי עמיצן אָפּ אַ שפּיצל. דערצו האָבן די גבירים אַליין פראַנק-און-פריי זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין מאַרק, געשטאַנען באַזונדער און אין אַ רעדל. אַז מען האָט דאָרט ביי משהלע קלוגמאַן געפרעגט, וואָס סע וועט זיין, האָט ער ווי תמיד נישט געקוקט צו דעם, וואָס פרעגט אים, און האָט געענטפערט אַזוי קאַלט, גלייך ס'איז גאָרנישט נישט געשען. די גאַנצע וועלט איז ווי פריער געבליבן טיפּשים, נאָר ער, משהלע קלוגמאַן אַליין, ווייסט:

— פּכע! סע וועט גאָרנישט נישט זיין.

כדי צו דערווייזן, אַז ער האָט דאָ פון קיינעם נישט וואָס צו הערן, האָט ער גלייך גענומען רופן דאָס ווייב אַהיים:

— קום, — האָט ער געזאָגט, — וואָס וועלן מיר דאָ שטיין?
איצי זשוואָוועס האָט אַרומגענישטערט פון רעדל צו רעדל, געוועז נערוועז, הלמאַי דער עולם אין מאַרק הייבט זיך אָן פונאַנדערגיין, נישט געקענט רויק איינשטיין, אויף גיך געריבן די הענטלעך.
- אַז ס'איז נישטאָ מיט וועמען, — האָט ער געקלאָגט, — ס'איז שלעכט; מען וועט נישט דורכפירן. אָט וועט איר זען.
דער עולם אין גאַס איז אַלץ געוואָרן שיטערער, אַוועק צו דער מגילה. אין דרויסן איז געבליבן בלויז איינער — איצי זשוואָוועס.

---

פאַרנאַכט האָט פלוצים אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטל, עס האָט געשמאַק אַ נעם געטאָן אַ טרוקן פרעסטל, ווי ס'טוט אַמאָל אַזוינס אַ נעם ערב-פורים צו דער מגילה. אין די פענצטער האָבן זיך באַוויזן פייערלעך. די גאַסן האָבן אָנגעהויבן שרעקן מיט תעניתדיקן „ויחל".
וואָכעדיק איז דורכגעפאָרן אויף פערד אַ הירטל רויטע אַרמייער. אויף אַ וויגנדיקן פייעטאָן האָבן זיך דורכגעטראָגן דריי פונעם נייעם „רעווקאָם", געקוקט באַשעפטיקט, פרעמד. מען קען מיינען — עס גייט זיי נישט אָן קיין זאַך דאָ אין שטאָט; אַפילו נישט דער באַפעל וועגן קאָנטריבוציע, וואָס איז דאָ צעקלעפט אומעטום אויף די ראָגן. באַהיט מיט צוויי באַוואָפנטע שטייענדיקע רויטאַרמייער איז דורכגעפאָרן נאָך איינער — אַפנים דער סאַמע עלטסטער. איצי זשוואָוועס האָט זיך אַרומ-געקוקט; ס'איז געווען תחילת נאַכט און אין גאַס איז שוין מער קיינער נישט געווען אַחוץ אים, אַחוץ איינעם אַ פרעמדן הונט, וואָס שמעקט אַרום אַ ווינקל פון אַ הויז און גרייט זיך אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך.
וואָכעדיק און עלנט האָט זיך איצי געשאַרט אַהיים, געכאַפּט אַ קוק צו אַפאָר שיינע רייכע הייזער און פאַרבלייגייענדיק געזען: די שיין פון די גבירישע לאָדן-שפּאַלטן לייכט אַרויס אין דרויסן אַזוי רויק און יום-טובדיק, גלייך אינעווייניק ברענען אַסך ליכט און מען לייענט דאָרט פאַר ווייבער די מגילה. פון אַן הינטערשטער גבירישער טיר הערט זיך אַ פאַרדומפן שטויסן, ווי פון אַ שטויסל. עמיצער גייט דאָרט אַרויס, עמיצער גייט דאָרט אַריין, און עס דאַכט זיך: ס'איז גאָרנישט נישט געשען — די גבירים זענען ווי תמיד גבירים, און

ווער ווייסט? — מעגלעך דאָס טראָגט מען זיי שוין אויף דער הינטער־טיר שלח־מנות.

## II

אויף מאָרגן.

פּאַמעלעך און פויל האָבן אין דער לופט געשימערט פאַרשפּעטיקטע שנייעלעך.

איצי זשוואַוועס איז מיטן טאָג גלייך אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן און האָט דערזען: אין פּוסטן מאַרק שטייט סך־הכל איין קליין רעדל — אַ מענטשן פינף, נישט מער. שטיין שטייט מען דאָרט נאָך פאַרשלאָפן; אויף די פּנימער — אַ זויערקייט פון נאָך „נעגל־וואַסער", און רעדן רעדט מען אַזוי קנאַפּ, אַקוראַט ווי אין שטאָט וואָלט איבערנאַכט עפּעס טרויעריקס געשען. מען קוקט מער מיט די אויגן איידער מען רעדט מיט די מיילער. אַז מען לאָזט שוין אַמאָל פון מויל אַ וואָרט אַרויס, איז עס עפּעס אַ מאָדנע־פריקרע וואָרט, אַ נישט־פאַרשטענדלעכס:

— איז ווער, הייסט עס, זאָגט איר?

מען ציילט אויף די פינגער:

— משה קלוגמאַן, זאָגט איר, און יאַנאָוויטשן פון דער בייטל־מיל, און פעלדמאַנען פון דער טאַבאַטשנע־פאַבריקע, און ווער נאָך? באַטשוליסן, זאָגט איר? — כ׳פאַרשטיי נישט, באַטשוליס האָט דאָך נאָך צוריק מיט אַנדערטהאַלבן יאָר אָנגעזעצט...

— זעסטו! „זיי" איז עס אַ גרויסע נפקא־מינה, צי אָנגעזעצט, נישט אָנגעזעצט. „זיי" ווייסן איין זאַך: אַ גביר און געבוג.

— וואָרט. און סקרופּניקן פון דער גראַלניע?

— סקרופּניק, זאָגט מען, איז געגאַנגען אויפן ערשטן אויוון, סקרופּניקן האָט מען גענומען נאָך נעכטן אַרום עלף אַ זייגער ביינאַכט.

— וועגן וואָס רעדט מען? — האָט זיך אַריינגעמישט איצי.

— וועגן די צען גבירים — האָט מען אים געענטפערט.

— וועלכע גבירים?

— וואָס מען האָט ביינאַכט איינגעזעצט.

— מען האט איינגעזעצט גבירים?

איצי זשוואָוועס אויגן האָבן מיט וווּנדער געקוקט אויפן פּראָסטיקן דרויסן, אויף דער אַרומיקער כּמורנעקייט, און אַ חידוש איז זיי געוואָרן אויפן שיטערן שניי, וואָס פּאַלט עפּעס מאָדנע פּאַמעלעך און פויל, ווי אויף אַ בית־עולם, און אויף די דריי פון „רעוווּקאָם" איז אים אויך געווען אַ חידוש — אויף די דריי, וואָס האָבן נעכטן פאַרנאַכט זיך דורכגעוויגט אויפן פייעטאָן אַזוי קאַלטבלוטיק און וואָכעדיק, ווי מענטשן, וואָס קיין זאַך דאָ אין שטאָט גייט זיי נישט אָן... ער איז אַוועק צו זיך אין הינטער־געסל, צו זיך אַהיים — אַ גרויסער טונקעלער און פאַררויכערטער קעלער; פיל בעטן און בעטגעוואַנט גיבן דאָרט יעדערן צו פילן זיין ריח פון די קינדער־יאָרן און אַן אַלטע קראַנקע מאַמע גייט דאָרט נישט אַראָפּ פון בעט.

אין אַן אַלטן מולטענעם האַרמידער האָט זיך זיין ווייב געבויגן אַקייגן שטאַרק־צעפלאַקערטן אויוון און געקנאָטן פון ראַזאָווע מעל אַזעל־כע באַבקעס. זי האָט די באַבקעס דאָ אויפן אָרט באַשמירט פון אויבן מיט אַביסל סענץ; זי האָט די באַבקעס צוגערוקט נאָענט צום פלאַם אין אויוון, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אַזאַ ריח, ווי אַן אמתער פורימדיקער ראָסל־פלייש.

איצי איז אַריין אין שטוב אויפגערעגט, מלא גדולה.

— יאָ, — האָט ער אויסגעשאָסן, — זיי זיצן!

די אַלטע קראַנקע מאַמע איז געזעסן אויפן בעט שטאַרק אומע־טיק מיט אַ קויטיק קאָפּן־טיכל, מיט אַ צעקנייטשט און שוואַרץ פּנים און מיט אויך אַזאַ שוואַרצער אויסגעטרוקנטער נאָז — די נאָז איז גרייט אין יעדער רגע זיך פונאַנדערשיטן, ווי אויסגעטרוקנטע ערד. ביי דער אַלטער זענען די אַראָפּגעהאָנגענע פּיס געווען איינגעוויקלט אין שמאַטעס; כּדי מען זאָל חלילה נישט מיינען, אַז זי איז אַ פוסט־און־פּאַסניצע און עסט אומזיסט ברויט, האָט זי אַלע ווײַלע, אָפּטער ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, געלאָזט הערן איר קראַנקן יאַדעשליוון הוסט.

— ווער זיצט?—האָט זי חולהדיק און שטאַרק־אויסגעצויגן געקרעכצט.

— ווער זאָל זיצן? — האָט איצי פריילעך אַ הייב געטון די הויזן, — פּכע, די גבירים זיצן.

— די גבירים?.. קכע... קכע... וואָס האָט׳ן צו זיי?

— זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּגעבן די פינף מיליאָן, זיצן זיי.

די פרוי ביים אויוון האָט אַ רגע אויפגעהערט צו שקראַבען די מהילטער און זיך אומגעקוקט. אַפּאָר בייזע אויגן האָבן אָפּגעמאָסטן איצין פון קאָפּ ביז די פיס.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, זאָלסט זיך נישט מישן, האָב איך דיר געזאָגט... ס׳פעלט מיר, צו מיינע צרות פעלט עס מיר..

— וואָס ווילסטו? — האָט איצי אויסגעקריצט.

— גאָרנישט. — האָט די יידענע געוואָלט אים אַ קנייפּ טון מיט די אויגן. — טו זיך אויס און זיץ אין שטוב.

— גוט, גוט... איכל זיצן אין שטוב.

ס׳איז געווען אַ ליגן.

איצי האָט געכאַפּט אַ מינוט, ווען זיין יידענע האָט זיך פאַרקוקט, און איז ווידער אַרויס אין דרויסן.

איצט האָבן שוין אַלע אין גאַס געוווּסט, ווען און וויפל גבירים מען האָט ביינאַכט איינגעזעצט.

— צען גבירים... צען, ווי די ליאַלקעס.

ווי נעכטן האָבן רויטאַרמייער ווידער דורכגעריטן שמיידיק אויף פערד און נייגעריק געקוקט אויפן עולם, וואָס זאַמלט זיך אין גאַס, ווידער האָבן זיך צווישן עולם, ווי זייטיקע, אַרומגעשאַרט די אָרטיקע סאָציאַליסטלעך, געבלאָזן די ליפּן און מורא געהאַט, אַז אָט-אָט וועט אימיצער צו זיי צוגיין און פאַרפירן אַ שמועס. איינציקווייז, אין פשוטע מאַנטלען, מיט שאַלכלעך, וואָס זענען אויס, ווי געליגן ביי די דינסטן, זענען איילינק דורכגעגאַנגען אייניקע ווייבער פון די אַרעסטירטע גבירים.

— קוקט נאָר אָן, — האָט מען אויף משהלע קלוגמאַנס ווייבל אָנגעוויזן, — זי האָט שוין אויסגעטון דעם קאַראַקולענעם סאַק.

נאָר ביי יענער איז דאָס פּנים געווען פאַררויטלט און פעכקע, ווי אַ פריש אויסגעבאַקענער קוילעטש. זי האָט מורא געהאַט זיך אומצוקוקן, מורא געהאַט זיך באַגעגענען מיט די אַרומיקע נייגעריקע בליקן, גלייך זי איילט פון אַזאַ אָרט, וועגן וועלכן מאַנסבילן טאָרן נישט וויסן... אין מאַרק האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיט צוויי קרובות, וואָס זענען איר אַנגעקומען אַקיינגן, און מיט נאָך אַפּאָר פון די אָרטיקע גבירים.

— פאַרוואָס שווייגט מען? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט, — פאַרוואָס זאָל מען נישט פּרוּוון עפּעס טון?

— וואָס קען מען טון?..

דאָס האָט געפרעגט ביי איר מיכל שליאַמעס פון דער גרויסער שניט-קראָם — אַ יונגערמאַן מיט געלבלעכע נישט געגאָלטע באַקן — ער איז קיינמאָל נישט קראַנק געווען, נאָר ער האָלט פון זיך פון תמיד אָן, ווי פון אַ שטיקל חולה, רעדט שטיל, הייזעריק. — וואָס קאָן מען טון?— האָט ער איבערגעפרעגט, — מיר האָבן געשיקט זאָגן אין „רעווקאָם", אַז פינף מיליאָן איז אַ משוגעת... זיי קענען די שטאָט, קענען זיי?

— אָבער זיי זיצן דאָך... מיינער זיצט אויך...

מיכל שליאַמעס איז געוואָרן אין כעס:

— איז וואָס-זשע זאָל מען טון, אַז זיי זיצן? מען וועט זיי אָפּ-האַלטן אַביסל און מען וועט זיי אַרויסלאָזן.

— אייך איז גוט צו זאָגן... דאַנקען גאָט — איר זיצט נישט...

מיכל איז געוואָרן נאָך מער אין כעס:

— איז גייט מסרט מיך! האָסטו געהערט אַ מעשה?!

איצי זשוואַוועס אויגן האָבן זיך געוואָרפן פון ווינקל צו ווינקל. פונעם נגידישן רעדל איז ער אַוועק צו דער גרויסער באַלעבאַטים-ראָד, וואָס אַמפּערט זיך אין סאַמע מיטן מאַרק און ציילט אויס אויף די פינגער די גבירים. ברוך-הירש — אַ געוועזענער בוכהאַלטער — איז דאָרט געקומען צו אַ גמר:

— פיר-און-צוואַנציק גבירים — פונקט פיר-און-צוואַנציק. זאָל מען זיך אַפילו לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט. קיין פינף מיליאָנען קענען זיי נישט אַריינטראָגן.

— אַזוי זאָגסטו? קאָפּ איינער!

— מן הסתם, אַז איך זאָג, ווייס איך, וואָס איך זאָג.

— ביסט אַ גרויסער בעל-מוח!

— וואָס-זשע? ווייסט אפשר בעסער?

— סע גייט דען אין וויסן? — סע גייט אין חנפענען די גבירים... ס'איז ווי אַ מאָל: אַ מאָל הייסט חנפענען, ווען מען זאָגט, אַז אַ גביר האָט אַסך געלט, און אַ מאָל — ווען מען זאָגט, אַז אַ גביר האָט ווי ניק געלט..

— הייסט עס, אַז איך חנפע?..

— וואָ-דען, איך חנפע? —

— טפו זאָלסטו ווערן!

— ברוך-הירש, ביסט משוגע? ברוך הירש, קום נאָר אַהער. הער, וואָס מען רעדט צו דיר, ברוך-הירש.

איצי זשוואַוועס האָט אַזוי לאַנג געצויגן דעם אויפגעזאָטענעם בוכהאַלטער פאַרן אַרבל, ביז ער האָט אים סוף-כל-סוף אָפגעשלעפט אָן אַ זייט.

— ברוך-הירש, הער מיך אויס, ברוך-הירש, פעלדמאַן פון דער טאַבאַטשנע פאַבריקע האָט דיך דען נישט אַרויסגעטריבן פונקט ווי סקרופּניק מיך? דו דאַרפסט זיך עס איינשטעלן פאַר זיי? איך פרעג דיך. טו אַ קוק, ווי עס שטייען די מיידלעך פון דער טאַבאַטשנע פאַבריקע אָן דאָרט... איבער וואָס האָט פעלדמאַן פאַרמאַכט די פאַבריקע, אַ? איבער אַ הוספה!.. אַ?..

נאָר ברוך-הירש — אַן איינגעהויקערטער, אַ לאַנגער, אַ בלאַסער מיט אַ שאַרפער נאָז און שאַרף פּנים — האָט נאָך אַלץ אינזינען געהאַט זיין קריוודע אינמיטן דער גרויסער באַלעבאַטישער ראָד, זיך געזייטלט אַהין מיט רציחהדיק-בייזע בליקן, געשאָלטן אַהין אָן אויפהער פונדער-וויטנס:

— אַ רוחן זיין טאַטנס טאַטן אַריין. פאַרך איינער! ער וועט דאָס מיך לערנען נישט חנפענען, וועט ער מיך לערנען..

איצי זשוואַוועס האָט אים באַלד אָפּגעלאָזט.

נישט ווייט אַקעגן זענען אין וואַטאָווע טאַנדייטנע לייבלעך גע-שטאַנען אַלע אינאיינעם די מיידלעך פון דער טאַבאַטשנע פאַבריקע. איצי האָט צווישן זיי געפונען זיין שוועסטער — אַן עלטער מיידל. ער איז צו איר צוגעטראָטן:

— נו, וואָס הערט זיך, העני-מלכּה? — מען האָט דאָך געשמועסט: איר גיט אָן אין רעוואָקאָם זיך קלאָגן אויף פעלדמאַנען...

— אַז ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל גיין...

דאָס מיידל האָט געקוקט מיט קאָסע אויגן ערגעץ ווייט פאַר זיך. זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— נישטאָ ווער... אַז ס'איז נישט קיין מענטשן.

פלוצים האָט איצי דערזעען:

אין עק מאַרק האָט דער עולם אַ שאָט געטון צו דער יידישער שפּאַרקאַסע. איצי איז אויך אַהין אַוועק:

— וואָס איז? וואָס איז?

געענטפערט האָט מען, אַז גאָרנישט:

— אין שפּאָרקאַסע האָבן זיך צונויפגעקליבן די גבירים; זיי ווילן צווישן זיך אויסקומען.

## III

פאַרנאַכט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען:

— די גבירים האָבן זיך צווישן זיך אויסגעגלייכט.

— זיי גיבן אַ האַלבן מליאָן.

— ווו זענען זיי?

— זיי זענען אַוועק אין רעווקאָם.

שפּעטלעך אינאָוונט האָט מען אין רעווקאָם ביי זיי דעם האַלבן מיליאָן צוגענומען און זיי גאָרנישט נישט געזאָגט. אין פינצטערן דרויסן האָט זיך נאָכדעם געהערט, ווי מען וואַרפט זיך דורך מיט קולות.

— נו, וואָס הערט זיך וואָס?

— סע גוט, סע גוט.

— סע גייט אויף אַ לאַד.

און גאַנצפרי איז מען אויפגעשטאַנען און איבעראַנייעס געפונען צעקלעפּט צעטלען איבער דער גאַנצער שטאָט:

— „די בורזשואַזיע קלערט: מלאכים שפּילן זיך מיט איר. אויב ביז אַכט אַזייגער אינאָוונט וועלן נישט אַריינגעטראָגן ווערן די איבע-ריקע פיר מיט אַ האַלבן מיליאָן, וועלן מיטן טאָגליך דערשאָסן ווערן די ערשטע דריי פון די צען אַרעסטירטע גבירים, דהיינו: סקרופּניק, פעלדמאַן און קלוגמאַן".

אונטערגעשריבן: „דער רעווקאָם".

איצי זשוואַוועס ווייב איז גאַנצפרי געקומען מיט דער ידיעה פון מאַרק און האָט גלייך אָפּגעגעבן דעם מאַן אירן אַ וויסטן אַ פינ-צטערן פּסק:

— האָב איך עס באַדאַרפט? כ'האָב נישט געוווסט פריער? טאָמער

האָב איך קאַרג צרות... נאָר איין זאַך פעלט מיר. נאָר שיסן מענטשן פעלט מיר...

איצי האָט אויפגעזאָטן:

— ווער שיסן? וואָס שיסן... איך שיס?.. אַז יענע ווילן נישט אָפּגעבן די פירערס, ווילן זיי נישט אָפּגעבן...

און איצי איז גלייך אַרויס אין דרויסן.

די שטאָט — אַ גאַנצפריענדיקע, אַ ניכטערע — האָט געשווינדלט אין די אויגן מיט איר אויפגערודערטקייט. מענטשן האָבן זיך געדרייט אין משונהדיקער איילעניש. אין מאַרק — אַקעגן צוויי-גאָרנדיקן הויז, וווּ עס געפינט זיך די ליי- און שפּאָר-קאַסע — איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, געשוויגן און געוואַרט. עס האָט זיך געדאַכט: אָט-אָט וועט מען פונעם צוויי-גאָרנדיקן הויז אַרויסטראָגן אַ מיטה מיט אַ מת, און אַלע וועלן אָן לשון זיך אַ לאָז געבן נאָך דער לוויה. פון אינעווייניק, פון דער שפּאָרקאַסע אַליין, האָבן זיך געטראָגן אַזעלכע קולות, גלייך מען רייסט דאָרט ביי עמיצן ציין, מען וויל דאָרט אַ גאַנצן מנין מענטשן מיטאַמאָל אַריינוואַרפן אין אַ ברענענדיקן קאַלך-אויוון און יענע ווערן זיך מיט משוגענע קולות, מיט שרעק. — דאָס האָבן דאָרט פון גאַנצפרי אָן באַנייס זיך געקריגט די אָרטיקע פאַרזאַמלטע גבירים, באַנייס געמאַכט אַ צעטל, וויפל יעדערער זאָל אַריינטראָגן געלט.

איצי זשוואָוועס האָט זיך דורכגעשלייכט דורך פיל מענטשן, וואָס שטייען אויף די טרעפּלעך, זיך אַריינגעקוועטשט אין קאָרידאָר, און פון קאָרידאָר — אין ערשטן גרויסן צימער. דאָרט איז די לופט געווען טונקל פון מענטשן, דער געמורמל — אָן אויסגעמישטער, גלייך ער טראָגט זיך פון אַ ווילד-אויפגערעגטן בייזן בינשטאָק. מען האָט געגרויכערט מאַכאָרקע, געשפּיגן, געפינטלט מיט די אויגן. ביים גרויסן טיש, אַרום וועלכן עס זענען געזעסן די גבירים, איז מען אין אַקעגנדיקע זייטן אַלע רגע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, זיך געשאָלטן אין טאַטן און געדראָט איינער דעם צווייטן מיט די פויסטן. אין עק טיש, ביי אַ ווייסן בויגן פּאַפּיר איז מיט אַ הענטל-פען אין האַנט געזעסן ברוך-הירש דער בוכהאַלטער, געזעסן איינגעהויקערט, באַגראָבן אַלץ טיפער און טיפער די שאַרפע נאָז מיטן שאַרפן פּנים און נישט געוווּסט, וועמען צו פאָלגן.

— שרייב! — האָט אַלעמאָל אַן אַנדער גביר צו אים געשריגן, — מאַך דאָס צעטל, ווי איך זאָג דיר.

ביי מיכל שליאַמעס — דעם רייכן שניטקרעמער — זענען די פאַר־געלטע נישט געגאָלטע באַקן שוין געוועזן טויט, ווי ביי אַ מת, דאָס קול שטאַרק הייזעריק, די ליפּן פאַרטריקנט, די הויט אויף זיי האָט זיך געשפּאָלטן און געשיילט: אַלע ווײַלע איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט און האָט געקלאַפּט אין טיש:

— איז וויפל גיט ער? — האָט ער געבליצט מיט די אויגן אויף משה־לייבן פון די קאָנדיטער־בעקערייען, וואָס זיצט ברייטלעך פונקט אַקעגן אים ביים טיש, — טאָ זאָל ער זאָגן כאָטש אַ וואָרט:.. וויפל גיט ער? פרעג איך ביי אים.

משה־לייב — אַן אַלטער ייד, אַ גיבור מיט אַ העליש־רויטן פעסטן קאַרק און מיט אַ ברייטער מילך־ווייסער באָרד האָט זיך נאָך אַלץ ברייטלעך געהאַלטן „פּאָדבאָקאָם”, נאָך אַלץ געפינטלט מיט די אויגן און געשאַרט די ליפּן מיט אַזאַ מינע, גלייך ער פאַרזוכט אַרבע כוסות. ער האָט סוף־כל־סוף אַרויפגעלייגט ביידע שווערע פעטע הענט אויף די קני, זיך איינמאָל־צווייַמאָל אַ שאָקל געטאָן און אַרויסגע־לאָזט פון מויל אַזאַ נישטיקע ציפער, פאַר וועלכע אַלע אַרום טיש האָבן זיך דערשראָקן. מען איז באַנייס מיט קולות אויפגעשפּרונגען פון די ער־טער, געטרייסלט מיט די פויסטן, און דער הייזעריקער שטאַרק פאַרגעלטער מיכל שליאַמעס האָט ווידער אַלעמען איבערגעשריגן:

— ווער ווייסט דען נישט? ער האָט אָנגעשאַרט מיליאָנען:

— ישראל־דוד! ישראל־דוד! —האָט געשריגן איצי זשוואַוועס. ער האָט פון אונטן פאַר די פלייצעס געטרייסלט זיינעם אַ נאָענטן שכן, אַ סטאָליער — אַ ברייטלעכן יידן, אַ כעסן, וואָס טראָגט סיי זומער, סיי ווינטער אַ פעלצן לייבל אונטערן גרויען וואָכעדיקן כאַלאַטל און פאַר־שפּרייט אַרום זיך תמיד אַ ריח פון אַ פרישן אָפּגעהובלטן ווערער סאָסנאָווע ברעט, — ישראל־דוד, הער וואָס איך רעד צו דיר, ישראל־דוד!

ישראל־דוד האָט נישט געהערט.

ישראל־דוד האָט איצט געהאַט אַ קהלשן געדאַנק ביי זיך אין קאָפּ און ווי שטענדיק אין אַזעלכע מינוטן האָט מען דעם געדאַנק ביי

אים נישט געקענט אַרויסרייסן נישט מיט קיין צוואַנגען און נישט מיט אַלערליי אַנדערע שטייפע סטאַליערישע געציייגן. ער האָט נישט געפילט, אַז מען טרייסלט אים, נישט געוווסט, ווער סע טרייסלט אים, זיך מיט עקשנותדיקן כוח צוגעשטופּט ביז צום טיש מיט די גבירים און געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ מיטן פויסט:

— פאַרוואָס שטעלט מען צום צעטל איסערליסעס אלמנה, פאַרוואָס?! איז וואָס, אַז זי איז אַמאָל געווען רייך, איז וואָס?

זיינע אויגן האָבן דאָרט אַ ווילדע אַלעמען אָנגעקוקט ווילד. אים אַליין איז נאָך פּאַר יום-טובים געקומען ביי דער דאָזיקער אלמנה עט-לעכע רובל פּאַר אַרבעט, און ער האָט ביי איר נישט געמאָנט; ער האָט געוואָלט, מען זאָל עס וויסן...

און פון הינטן, אַביסל ווייטער פון טיש, צווישן בינטל גבירישע ווייבער, וואָס אין ווינקל, האָט משהלע קלוגמאַנס ווייבל אינעם פּשוטן מאַנטל און ווייסן שאַלעכל נאָך אַלץ געהאַט אַזאַ פּנים, גלייך זי קומט אָן פון אַזאַ אָרט, וועגן וועלכן מאַנסבילן טאָרן נישט וויסן. זי איז צוויי מאָל — איינס נאָכן אַנדערן — געפאַלן אין חלשות; געמינטערט האָט מען זי, ווי אום יום-כּיפּור, מיט חלשות-טראָפּן און מיט נאַסע טיכער. מען האָט דערציילט, אַז דער מאַן האָט איר נאָך אינדערפרי צוגעשיקט פון טורמע אַ צעטעלע: „עס האַלט מיט מיר שלעכט, טו, וואָס דו קאָנסט...”, האַלט זי זיך טאַקע אין איין שווערן, אַז אין די קנאַפּע דריי הונדערט טויזנט, וואָס זי האָט אַריינגעטראָגן, איז שוין פאַראַן אי אייגנס, אי פרעמדס. איטלעכס מאָל, וואָס צו איר אין פּנים האָבן זיך אומגעקערט די פאַרבן, האָט זי פונסנייע גענומען כליפּען און דערציילן, וויאַזוי איר משה האָט זיך נישט געריכט, און וויאַזוי זי האָט אים פאַרטאָג בשעתן אַרעסט געבעטן, ער זאָל מיטנעמען מיט זיך עסן, נאָר ער האָט נישט געוואָלט און האָט גענומען נישט מער ווי אַ קישעלע:

— אַ קליין קינדערש קישעלע.

איר האָט זיך געדאַכט, אַז דווקא אָט די מעשה: קיין עסן האָט ער נישט געוואָלט מיטנעמען... בלויז אַ קינדערש קישעלע — דווקא אָט די מעשה מוז ווירקן אויפן עולם. אויף איר אַליין האָט דאָס יעדנפאַלס געווירקט ביז גאָר-איטלעכס מאָל, וואָס זי האָט די מעשה איבערגעחזרט,

איז זי געווען גרייט זיך נאָכאַמאָל אויסגליטשן און נאָכאַמאָל אַ פאַל-טאָן אין חלשות.

ישראל-דוד! — האָט איצי געצויגן צו זיך זיין צעהיצטן שכן דעם סטאָליער, — אָבער זאָג מיר איין וואָרט: פאַרוואָס לאָזט מען פריי די איבריקע? פרעג איך ביי דיר, אַ?

ישראל-דוד איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים גבירישן טיש, נאָך אַלץ געקוקט אויף די גבירים מיט ווילדן כעס אין די אויגן. ער האָט זיך געוווּנדערט אויף זיך אַליין:

— וואָס שטיי איך?.. פאַרוואָס גיב איך זיי קיין פּעטש נישט, פאַרוואָס?

איצין האָט זיך געדאַכט: ער האָט זייער אַ וואַזשנעם געדאַנק — מען מוז אים פאַר עמיצן אַרויסזאָגן, ער האָט זיך גענומען אַרויסקוועטשן אין דרויסן. נאָר אינדרויסן, אַראָפּקוקנדיק פון די טרעפּלעך, האָט ער עפּעס ווי נישט דערקענט דעם גרויסן עולם אַקעגן. אים האָט זיך גע-דאַכט: נישט היינט האָט ער דעם דאָזיקן עולם דאָ איבערגעלאָזט, נאָר שוין זייער לאַנג, לפּחות צוריק מיט אַפּאָר צענטליק יאָר. ער איז פאַרטומלט געוואָרן, און אויפן זינען איז אים אַרויף אַ צווייטער גע-דאַנק, נאָך אַ מער וואַזשנער פונעם ערשטן, — אַזוי האָט זיך אים גע-דאַכט. ער האָט אָפּגעזוכט צווישן עולם איינעם פון די אָרטיקע סאָציאַ-ליסטלעך — משה דעם חזנס ייִנגל און האָט אים גענומען טרייסלען:

— כאַצקל, זאָג מיר, איך בעט דיך: איין גביר אַרט דען, אַז מען שיסט דעם אַנדערן, אַ? משה-לייבן פון די בעקערייען אַרט דען, אַז מען וועט שיסן קלוגמאַנען, אַ?

— נו, יאָ...

דאָס סאָציאַליסטל האָט באַקומען אַן אומעטיק פּנים און זיך אָנגעהויבן אַרויסמאַכן:

— נו יאָ, די בורזשואַזיע ווייסט נישט פון קיין ערבות:

— אָט, אָט-אָט..: אָט דאָס מיינט דער פּסוק, — האָט זיך אָנגעכאַפּט איצי זשוואַוועס, — ווי האָסטו עס געזאָגט?..

שפּעטער אַביסל האָט ער צווישן עולם געפּאַקט ישראל-דוד דעם סטאָליער.

— קום, — האָט ער אים געשלעפּט, — שוטה איינער! קום, לאָמיר

זאָגן אין רעוווקאָם, אַז די בורזשואַזיע ווייסט נישט פון קיין ערבות.

ישראל-דוד האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים, געמיינט, עס האַנדלט זיך אַלץ וועגן דער אלמנה איסערליס, וואָס מען האָט זי ביים טיש געשטעלט צום צעטל; פאַרכעס! ער זיינע עטלעכע רובל לאָזט ביי איר שטיין, און זיי, די הולטאַיעס, שטעלן זי דאָ צום צעטל! אויפגערעגטערהייט האָט ער פאַרשפּיליעט אויף זיך די קנעפּלעך און איינאיינעם מיט איצין אַוועקגעשפּאַנט אין רעוווקאָם.

אין רעוווקאָם. אין פּאָדרעצימער האָבן געוואַרט אַן שיעור מענטשן. ביי אַלע — אומעטיקע פאַרזאָרגטע פּנימער. אויך דער „איינער פון רעוווקאָם”, וואָס איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען, האָט געהאַט אַביסל אַ פאַרדאגהט צעטראָגן פּנים. ער האָט לאַנג גערעדט מיט יעדן פון די, וואָס וואַרטן שוין פון פריער; איבערהויפּט האָט אים לאַנג פון זיך נישט אָפּגעלאָזן איינער אַן אַלטער גוי מיט אַ גראָען קאָפּ; דער גוי האָט געהאַט זעקס חזירים און דעם זיבעטן חזיר האָבן ביי אים היינט איינדערפרי רויטאַרמייער אַוועקגעקוילעט. ווען דער „איינער פון רעוווקאָם” איז סוף-כּל-סוף צוגעגאַנגען צו איצי זשוואַוועס און צו ישראל-דודן, האָט ער אויסהערנדיק זיי געקנייטשט דעם שטערן, זיך געקראַצט אין האַלז-און-נאַקן, געהויבן די אַקסלען, געהויבן די ברעמען.

— איך פאַרשטיי נישט... וואָס?

ער האָט אַלעמאָל פונסניי געבויגן צו זיי דעם אויער:

— וועלכע בורזשואַזיע?

ער האָט סוף-כּל-סוף גענומען ביי זיי פרעגן, מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך, געוואָר געוואָרן, אַז איינער איז אַ ווינאָקור, דער צווייטער אַ סטאָליער, זיי אויסגעזידלט, אַלמאַי זיי חנפענען זיך צו דער בורזשואַזיע, קומען בעטן פאַר גבירים; ער האָט זיי אויף אַ פּשוטן אופן אָנגעוויזן אויף דער טיר.

איצי זשוואַוועס איז פון דאָרט אַרויס אַ טיף באַליידיקטער, מיט אַן איבערצייגונג: דער רעוווקאָם טויג אויף זיבן-און-אַכציק כּפּרות:

— אויך מיר אַ רעוווקאָם, — האָט ער געזאָגט, — אַבי איך האָב געמיינט, ס'איז עפּעס רעכטס.

ישראל־דודן האָט ער פאַרלוירן נאָך אויפן וועג — דעם סטאָליער האָט אָפּגערופן זיין ווייב: מיט איבערגעפלאָכטענע הענט אויף דער ברוסט איז זי געשטאַנען אינדרויסן לעבן אַ צעלעכצטן איבערגעקערטן צובער.

— ישראל־דוד, — האָט זי פויל געדופן, — פונעם וואָליסט איז מען שוין צוויי מאָל געקומען פרעגן אויף די טישלעך.

אינדרויסן האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן.

איצט זענען שוין רעדלעך געשטאַנען אַפילו דאָ אין די הינטער־געסלעך; גערעדט האָט מען, אַז די ווייבער פון די צען אַרעסטירטע האָבן שוין אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט מזומן; אַז משהלע קלוגמאַנס ווייב האָט שוין אָפּגעגעבן איר צירונג און די פערל; אַז מען איז שוין נאָכאַמאָל געגאַנגען בעטן אין רעווקאָם, און אַז מען האָט דאָרט געענטפערט:

— וואַרטן וועט מען נאָך אַ מעת־לעת, נאָר אויב מען וועט די גאַנצע פינף מיליאָן נישט אַריינטראָגן, וועט מען מאָרגן זעקס פאַרנאַכט שיסן אַלע צען אַרעסטירטע מיטאַמאָל.

איצי זשוואַוועס האָט איצט באַגלייך מיט אַלע אויסגעזען צעטראָגן.

— איז וואָס־זשע קלערט מען טאָן? — האָט ער דערשראָקן געפרעגט.

מען האָט אים געענטפערט:

— וואָס זאָל מען טאָן? מען האָט גערעכנט: מען וועט אָפּנעמען בײַ זיי דאָס ביסל מינץ און מען וועט זיי אָפּלאָזן: לאָזט זיך אויס: סע האַלט טאַקע בײַ שיסן...

— איז דאָך שלעכט...

— הערסט, אָט דאָס רעדט מען דאָך: אַוודאי איז שלעכט...

## IV

דער ערשטער פון די צען, וואָס זענען אָנגעצייכנט געשאָסן צו ווערן — סקרופּניק פון דער גוראַלניע, האָט זיך אויסגעבעטן, מען זאָל

אים אָפּלאָזן אַהיים, זיך געזעגענען. אים האָבן פּאַמעלעך געפירט צוויי באַוואָפנטע רויטאַרמייער. פון הינטן האָבן אַנדערע צוויי רויטאַרמייער נאָך מער פּאַמעלעך נאָכגעריטן אויף פערד. — געווען איז דאָס אַרום צען אַזייגער אינדערפרי. אונטערן כמורנעם הימל זענען נידעריק אַרומגעפלויגן פּשוטע גרויע פייגעלעך און האָבן פּשוט פריילעך פאַרשריגן די לופט.

די רויטאַרמייער מיט סקרופּניקן האָבן אויסגעמיטן די שטאָט אין איר רעכטער זייט, פּאַמעלעך קוים-קוים זיך גערוקט מיטן גרויסן גליטשיקן און קויטיק-פּאַראומרייניקטן טאָרהאָווע-פּלאַץ, נישט אויסגערעדט צווישן זיך קיין וואָרט. פּונוויטנס האָט זיך געדאַכט: מיטן גיין איז מען גאָרנישט אויסן — מען מאַכט נאָר אַ שפּאַציר.

סקרופּניק — אַ מיטליאָריקער, אַ צעוואָקסענער מיט אַ מיוחסדיק אויפגעבלאָזענעם בויך, ווי ביי אַ חשובער מעוברתער יידענע, מיט עטלעכע גראָלעכע האָר אין דער שוואַרצער בלאָנזשע מיט אַ גאווהדיק-טויבלעכן אויער, — סקרופּניק איז געגאַנגען אין מיטן בינטל, ווי אַ פּוסט-און-פּאַסניק, נישט געהאַט קיין איין געדאַנק ביי זיך אין מוח, געהאַלטן די ליפּן צונויפגעקוועטשט אויף אַזאַ אופן, אַקוראַט ווי ער וואָלט מיט זיי וועלן אַרויסגעבן אַן אומאָנשטענדיקן קלאַנג. ער האָט אידיאָטיש געקוקט אַרום זיך אין אַלע זייטן: זיין איינציק געפיל איז איצט באַשטאַנען דערין, וואָס דער צעקנייטשטער בעקעש, אין וועלכן ער האָט זיך צוויי נעכט אין טורמע געוואַלגערט, איז גראָד געוואָרן דווקא דאָרט, וווּ ער איז אויף אים תמיד געווען ענג — אַז ער לייגט אַריין ביידע הענט אין די טאַשן און שאַרט דעם בעקעש הין און צוריק פילט ער נישט, אַז פון הינטן האָט ער אַ הויכן בויך: אינעווייניק אין זיך איז ער נאָך אַלץ געווען רויק, געטראָגן די זיכערקייט, אַז סע וועט גאָרנישט נישט זיין:

— נעכטיקע טעג... מען וועט נישט שיסן:

צופרידן איז ער געווען, וואָס מען פירט אים כאָטש נישט דורך דער שטאָט, ווו ער האָט אַסך שונאים: נישט לאַנג האָט דער נייער לערער פון דער יידישער שול געמאַכט אַ חשבון, אַז ער, סקרופּניק, האָט פאַרלייקנט שטאָטיש געלט: פאַר אים האָבן זיך דעמאָלט איינגעשטעלט כמעט אַלע קאָוואַליעס לעבן דער ברוק: זיי האָבן אָפּגענומען

זייערע קינדער פֿון דער שול, און דעם לערער האָבן זיי אין אַנפּיצטערן אָוונט געפּאַקט הינטערן מאַרק און האָבן אים אָפּגעשלאָגן די כריפּעס. נאָר אים, סקרופּניקן, האָט מען דאָך פֿון דער קהילה אַרויסגעוואָרפֿן און אין שטאָט זענען אים צוגעקומען נייע שונאים. ער האָט נישט געוואָלט, די שונאים זאָלן איצט זען, ווי מען פֿירט אים און האָבן אין אים אַ נקמה.

אינדערהיים האָט ער געטראָפֿן אַ פּוסטע, מעת־לעת־ווייז נישט צוגעקליבענע וווינונג, נישט געהייצטע חדרים מיט נישט קיין פֿאַרבעטע בעטן, שיריים פֿון מאכלים אויף די טישן פֿאַרשפּרייטן אַ ריח פֿון געפּגרטע מייז: באַגעגנט האָט אים דאָרט נישט מער ווי די באָרוועסע, צעפּאַטלטע און האַלב חסר־דעהדיקע דינסטמויד; זי האָט געגעבן אַ הירזשע און אַ פּאַטש מיט די הענט, גלייך אַהיים האָט זיך אומגעקערט אַ מת; זי איז מיט אַ לאַנגן משונהדיקן קוויטש גלייך אַרויסגעלאָפֿן אינדרויסן און באַלד האָבן אין שטוב אָנגעהויבן זיך שיטן ווייבער, קינדער, שוועסטער, קרובים און גלאַט אַזוי נאָענטע שכנים, מענטשן פֿון דער גאַס. די לופֿט אַרום אים האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן: אַלע האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן אַזאַ יללה מיט אַ געוויין, גלייך ער איז שוין לאַנג געשטאָרבן און מען טוט אים איצט זיין רעכטס: וואָס מער מענטשן עס זענען צוגעקומען, אַלץ גרעסער די יללה: פֿון אָנהויב האָט סקרופּניקן פֿאַרדראָסן, וואָס מען וויינט אַזוי שטאַרק:

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צעוואָיעוועט?! — האָט ער אויפֿן עולם אָנגעשריגן, — וואָס קלאָגט איר אַזוי אויף מיין קאָפּ?!..

נאָר פֿון זיינע ווערטער האָט דער עולם אָנגעהויבן שטאַרקער צו וויינען, אים איז גלייך קלאָר געוואָרן: וועדליק דער עולם קלאָגט, איז אַ סימן, אַז ס'האַלט טאַקע שלעכט — זיי, דאָ אין שטאָט, ווייסן בעסער...

— איז וואָס־זשע, — האָט ער צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן, — וועט מען טאַקע שיסן?

און פּלוצים האָט ער דערפֿילט אַ גרויס רחמנות צו זיך און צום אַרומיקן עולם, וואָס באַקלאָגט אים, געעפֿנט אידיאָטיש דאָס מויל און אויסגעגלאָצט די אויגן. ער האָט נישט געפֿילט, ווי די

רויטאַרמייער שלעפּן אים שוין פון הינטן פאַרן אַרבל, איילן, ער זאָל גיין צוריק.

— טראָג זיי אַוועק דיין צירונג, — האָט ער דערשראָקן צום ווייב אַ זאָג געטאָן, — טראָג זיי עס אין רעווקאָם אַריין.

— אוי !.. — האָט דאָס ווייב זיך אַלץ געשאָקלט, אַלץ געשריגן מיט אַ ניגון פון תחינות, ווי מען באַוויינט אַ מת, — שוין אַוועק־געטראַגן... שוין אַוועקגעטראָגן...

דערביי האָט זי נישט געקוקט צו אים, זיך געשלאָגן מיט ביידע פויסטן אין קאָפּ אַריין.

— זאָלן זיי נעמען די גוראַלניע. — האָט ער ווידער שטיל ווי פאַרטראַכט געזאָגט.

נאָר דאָס ווייב האָט זיך אַלץ געשאָקלט, אַלץ געוואָיעוועט מיטן פריערדיקן ניגון:

— זיי ווילן נישט... זיי ווילן נישט.

זי האָט זיך אויסגעשנייצט די נאָז אין דער גאַנצער זשמעניע און האָט פאַרענדיקט פשוט, שוין אָן אַ ניגון:

— די גוראַלניע, זאָגן זיי, איז סיי־ווי־סיי זייערע. זיי ווילן זי, זאָגן זיי, סיי־ווי־סיי צונעמען...

דעמאָלט איז סקרופּניק געבליבן שטיין שטאַרק פאַרטראַכט און פאַרטומלט, ווי אַ טויבער. ער האָט אָנגעשטעלט די האַנט אויף אַזאַ פרעגנדיקן אופן, גלייך ער וואָלט מיט אָט דער האַנט זיך געוואָלט אַן עצה האַלטן און ביי איר פרעגן:

— וואָס נאָך אַשטייגער ?.. וואָס נאָך וואָלט איך זיי געקענט אָפּגעבן ?

פאַר די אַרבל פון בעקעש האָבן אים אָנגעהויבן שלעפּן די רויטאַרמייער:

— קום... די צייט איז שוין אַריבער.

— זייט געזונט !.. — האָט ער שטיל און האַלב כּליפּענדיק אַראָפּ־געשלונגען.

און ווי נאָר ער האָט די ווערטער אויסגערעדט, אַזוי באַלד האָט זיך די יללה אַרום אים אַ וויג געטאָן, זיך פאַרשטאַרקט, זיך דער־הויבן צו אַ הויכער יאָמערדיקער כוואַליע, וואָס האָט ביי אים אַליין

מיטאַמאָל אונטערגעבראָכן דאָס האַרץ. ער איז באַנייס שטאַרק פאַר־טומלט געוואָרן, נישט געדענקט, ווען איז זיין ווייב אים אויפן האַלדז געפאַלן, נישט געדענקט, ווען איז ער אינאיינעם מיט די רויטאַר־מייער אַרויס צוריק אין דרויסן. ער האָט געהערט, ווי אין חלום: עמעצער פון זיין הויזגעזינד וויל אים נאָכלויפן, די רויטאַרמייער אויף די פערד לאָזן נישט. זיי שטעלן אָן די ביקסן, נאָר אַליין איז ער שוין געווען מאָדנע קאַלט; נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט און זיך נישט אומגעקוקט. איצט האָט מען אים צוליבן קורצן וועג גע־פירט דורך דער שטאָט, און דווקא דורך דער הויפּטגאַס, אָבער אויך דאָס האָט צו אים שוין מער קיין שייכות נישט געהאַט. פון די הייזער איז מען געלאָפן קוקן. אָט האָט הינטן עמיצער אַ היכץ געטאָן:

— אוי־ווי!.. מען פירט אים שוין שיסן...

איבערן וועג האָט זיך אַ יאָג געגעבן אַ דאַר־גופיק ווייבל אין אַ סיצן קליידל און סיצן קאָפּטל; דאָס ווייבל איז נאָר־וואָס אַרויס אין דרויסן אויף דער קעלט, געוואָלט איבערלויפן דעם וועג; דאָס ווייבל האָט פּלוצים זיך אַ דריי געטאָן אויף איין אָרט, ווי עס וואָלט מיט איר דרייען אַ שטויביקער שטורעם. זי האָט פאַרוואָרפן איר קעפּל אָן אַ זייט. ווי אַ יונגע און דאַרע גויִשע גאָטיכע מיט אַ געבויגן הענטל ביים פּנים, — אַזוי האָט דאָס ווייבל אויסגעזען דעם צעטומלטן סקרופּניקן. ער האָט דערזען, ווי זי קוקט מאָדנע אומעטיק אין זיין פּנים אַריין און האָט זי דערקאָנט: אסתּר־רחל די „אויסגעלאַסענע“. (אין שטאָט זאָגט מען: זי גייט צו אים אין די פענצטערע נעכט אויף דער גוראַלניע.) אַרום־און־אַרום האָבן זיך געטראָגן און גע־שטיפּט אַסך מענטשן, נאָר סקרופּניק האָט חוץ דעם ווייבלס פּנים מער קיין פּנימער נישט דערקאָנט; ווי מען וואָלט אים איצט פירן אין אַ פרעמדער שטאָט, — אַזוי איז אים איצט אויסגעקומען. ער האָט דערזען דעם גרויסן עולם, וואָס שטייט נאָך אַלץ פאַר דער שפּאָר־קאַסע און האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ כליפּ:

— יידן!.. זייט געזונט...

דער עולם האָט זיך צו אים אויסגעדרייט און איז פאַרגליווערט געוואָרן.

— יידן! זייט מיר מוחל...

אין הינטערשטע רייען האָט מען אָנגעהויבן אונטערכליפּען.

— יידן, כ'האָב אַוודאי קעגן אייך געזינדיקט...

— קום, קום!

די רויטאַרמייער האָבן אים גענומען שמיידיק אונטעראײַלן... דער עולם האָט זיך צו אים אַ לאָז געגעבן. די רויטאַרמייער אויף די פערד זענען אַריין אינמיטן און האָבן דעם וועג איבערגעצוימט.

— קום, קום!

איצט איז שוין דער עולם ווידער געשטאַנען ביי דער שפּאָר־קאַסע און האָט געגראַגערט מיט אַזויפיל קולות, וויפל מיילער ער האָט פאַרמאָגט:

— אַרוח'ן די גבירימס טאַטנס טאַטן אַריין!

— זיי ווילן קיין געלט נישט צאָלן!

— אַ בראַנד אויף זיי! דערפאַר, וואָס זיי ווילן נישט געבן די פּויטיקע, וועט מען סקרופּניקן שיסן!

— מען דאַרף קלייבן אויף פּדיון־שבויים.

— לאָמיר זיך צונויפלייגן.

— פון פינף־און־צוואָנציקערס ווערט אויך געלט.

— דער רעווקאָם נעמט אָן זילבער.

— קומט־זשע, וואָס־זשע שטייט איר?

— לאָמיר זיך לאָזן פאַרלעכווייז איבער דער שטאָט.

— איצי זשוואַוועס! ווו איז ערגעץ איצי?

## V

איצי אין ברייטן געליגענעם מאַנטל האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן הינטערגעסל צו ישראל־דוד דעם סטאָליערס שטוב, אַריינגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען, ווי ישראל־דוד שטייט אין פעלצענעם לייבל ביים וואַרשטאַט און הובליעוועט מיטן גרויסן כאַבאַניק די קאַנט פון אַ לאַנגער סאָסנאָווער ברעט.

— ישראל־דוד! — האָט ער אים אין פענצטער אָנגעקלאַפּט, — ביסט דול? צי משוגע? אין שטאָט וועט מען באַלד שיסן מענטשן, און דו קאַרצסט די ברעט, קאַרצסטו?

— איז וואָס דאַרף מען טאָן?

דערשראָקן איז ישראל־דוד אַרויסגעקומען צו אים אינדרויסן און מיטן וועג געשלעפּט אויף זיך זיין גראָ כאַלאַטל.

— קום, לאָמיר אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט, בהמה דו. די קאָוואַליעס אַרבעטן שוין נישט, אַלע קוזניעס ביים טייך זענען גע־שלאָסן. די שניידער שטייען אויך אַלע אין מאַרק; מען קלייבט פינף־און־צוואָנציקער, ווי איך בין אַ ייד.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן סענדער דעם באָנדער, וואָס שלאָגט אָן אַ קאַדעפּ אינדרויסן ביי דער שטוב, אים געהייסן אויס־טאָן דאָס פאַרטעך און אים גענומען מיט זיך. דערנאָך האָבן זיי יונה דעם שטריקלדרייער געהייסן אויפהערן דרייען די ראָד און זענען אַלע פיר אַוועק אין מאַרק. זיי האָבן זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף די מיידלעך פון דער טאַבאַטשנע פאַבריק, וואָס שטייען אַלע אינאיינעם אין די וואַטאָוועגע לייבלעך און הערן זיך איין, ווי עס שרייט איינע אַ בלאַסע אַרבעטערין אין אַ רויט שאַלעכל:

— די גבירים!.. אַז טאַקע זיי אַליין וועלן זיין שולדיק, אויב מען וועט עמעצן פון זיי שיסן.

— וואָרים געלט האָבן זיי און געבן ווילן זיי נישט.

איצט האָט דאָרט פאַרלאָרן די דריי מיט וועלכע ער איז גע־גאַנגען, זיי געזוכט אַ ווײַלע, נישט געפונען און באַנייס זיך גענומען אַריינשטופּן אין דער באַלאַגערטער שפּאַרקאַסע. איצט האָבן שוין דאָרט געשריגן באַלעבאַטים, בעל־מלאכות און אַלערליי לופט־מענטשן. ביים גרויסן טיש, אַרום וועלכן די גבירים האָבן זיך אַ גאַנצע נאַכט געשאַלטן אין טאַטן, האָבן שוין איצט דעם אויבן פאַר־נומען פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, געטומלט, צוגענומען די פינף־און־צוואָנציקער און די זילבערנע לעפל, וואָס איינציקע פונעם עולם טראָגן צו. צווישן זיי איז ווי איינער אַליין געזעסן דער רייכער שניטקרעמער מיט די פאַרטריקנטע פאַסטנדיקע ליפּן, אַלע ווײַלע האָט ער געשפּאַרט זיין פּנים מיט די אומגעגאָלטע געלע באַקן אויף

דער האַנט, ווי צו תחנון, אַלע ווײַלע זיך אויפגעכאַפּט, ווי צו „אל מלך ושב".

— ברוך-הירש, — האָט מען דאָרט אַלע ווײַלע געמינטערט דעם איינגעהויקערטן בוכהאַלטער, — פֿאַרשרײַב, ברוך-הירש, אַ פּופּציקער פֿון לאה דער געלער! אַ זילבערנער לעפֿל פֿון אַלטער דעם הראָבן.

דעמאָלט האָט זיך צום טיש מיט גרויס מאַטערניש צוגעשאַרט אַן אַלטיטשקע איינגעבויגענע מאַמע מיט אַ צעקנייטשט און שוואַרץ פּנים — איצי זשוואַוועס מאַמע. פֿונעם אַלטן אָפּגעריבענעם שאַל, וואָס אויף איר שטאַרק-געבויגענעם רוקן, שמעקט מיט געסמאַלעטע היגער, די דאַרע האַנט, וואָס זי נעמט אַרויס פֿון אונטער אַט דער שאַל, איז נאָך שוואַרצער איידער איר פּנים. איצי זשוואַוועס האָט אין דער דאָזיקער האַנט דערזען דאָס אַלטע יאָרן-לאַנגע באַקאַנטע זילבערנע ירושה-בעכערל. אַ ווײַלע האָט די אַלטע ווי אַן לשון געקלאַפּט מיטן צײַנלאָזן מויל.

— שאַ! — האָט מען בײַם טיש געשריגן, — לאָז מען הערן, וואָס אַ מענטש זאָגט.

אינעם שווײַגן, וואָס האָט זיך אויף אַ רגע איינגעשטעלט, האָט זיך געהערט, ווי די זקנה כליפּעט אונטער, קרעכצט און שמאָרעט ווייַנענדיק מיט דער נאָז, גלײַך זי קלאָגט זיך פֿאַר אַ דאָקטאָר.

— אַוודאי איז ער קעגן מײַן איצין אַ גזלן — סקרופּניק, אינמיטן ווינטער אים פֿון גוראַלניע אַרויסגעוואָרפֿן. אָבער שיסן?.. נאַט אײַך, כ'האָב אײַך געבראַכט מײַן קידוש-בעכערל.

געריירט פֿון זיך אַליין, פֿון דעם, וואָס זי גיט אַוועק פֿאַר איר שונא איר איינציק בעכערל, האָט זי ווידער אַ כליפּע געטאָן. בײַ איר אין נאָז און אין די אויגן האָט נאָך לאַנגע יאָרן פֿון טרוקעניש זיך נאָך אַמאָל באַוויזן פֿייכטקייט — זי האָט גענומען אונטערשמאָרען און קוועטשן די אויגן. פּלוצים האָט אַן אָפּגעריסענע שטימע פֿון דרויסן עפּעס אַרײַנגעשריגן, אַלע האָבן אַ יאָג געטאָן צו די פֿענצטער, צו דער טיר צעבראָכן שויבן, אַרויסגעלאָפֿן משוגענערווײַז, ווי צו אַ שׂרפֿה.

— וואָס?

— וואָס ?

— גאָרנישט, מען פירט משהלע קלוגמאַן צוריק אין טורמע. מען האָט אים אויך אָפּגעלאָזן אַהיים, זיך געזעגענען.

ווען איצי זשוואַוועס איז אין געמיש מיט פיל אַנדערע אַרויס אין דרויסן, האָט ער שוין נאָר געזען, ווי מען לויפט צעוואָרפן; פון אַלע זייטן יאָגט מען שטאַרק אַרויף מיט דער גאַס. זען זעט מען שוין נישט מער, ווי דאָס הירטל רויטאַרמייער, וואָס ווערט פאַר־שוווּנדן אין סאַמע עק ביי דער בריק — דאָס הירטל רויטאַרמייער, וואָס פירט קלוגמאַנען צוריק אין טורמע. אַ נגידיש מיידל, אַ גראָב־לעכע, מיט געדיכטע רויטלעכע האָר, וואָס הייבן אָן זיך פונאַנדערצע־שיטן, האָט אַ יאָג געגעבן פון איר הויז צו דער גאַס צו, אויס־געצויגן ביידע הענט, גלייך זי וויל מיט זיי כאַפּן אַ הון, נאָר שטיין געבליבן, מיט דער העכסטער אָקטאַווע זיך איינגעגריבלט היס־טעריש און ווילד אין דער לופט. פלוצים האָבן אַ מענטשן צען — רייטער זיך באַוויזן אַקעגן. די רייטער האָבן דורכגעלאָזט דאָס הירטל רויטאַרמייער, וואָס פירט קלוגמאַנען, און דעם איבעריקן עולם פאַרצוימט דעם וועג.

---

אין יענעם זעלבן אָוונט האָט מען די צען אַרעסטירטע גבירים אַרויסגעלאָזט פון טורמע.

סע איז געווען נישט מער, ווי אַ סטראַשונעק — אָט דאָס, וואָס דער רעווקאָם האָט פריער מיט אַפּאָר טאָג אַרויסגעהאָנגען אַ צעטל, אַז מען וועט די גבירים שיסן. מיט דעם האָט דער רעוו־קאָם בלויז געמיינט אַרויסקוועטשן פון די גבירים מער געלט.

די גאַנצע שטאָט האָט זיך געפילט, ווי אָפּגענאַרט, נישט גע־קאָנט מוחל זיין זיך אַליין:

— וואָס איז מען אַזוי פאַרבלענדט געוואָרן ?

— וואָס האָט מען אויפגעהויבן אַזאַ געוואַלד ?

איבערהויפּט האָט זיך אַליין נישט געקאָנט מוחל זיין איצי־זשוואַוועס.

— אַ שאָד, — האָט ער באַדויערט, — מיין זילבערן בעכערל...
פֿאַרפֿאַלן!.. אוי, קומט מיר שמיץ... אוי, בין איך געווען אַ נאַר!..
אַפֿילו זיין אַלטע מאַמע מיט איר קויטיקן קאָפּן-טיכל מיטן צעקנייטשטן פּנים און שוואַרצער נאָז איז אויך געזעסן זייער אומעטיק אויף איר בעט.
— אייסעך, — האָט זי געזאָגט, — די גאַנצע מעשה... נישט געווען כּדאַי...

# דער לאָך, דורך וועלכן איינער
# האָט פֿאַרלוירן

# דער לאָך, דורך וועלכן איינער האָט פאַרלוירן

אין נעפּל פּרעסן ווערים דעם רעגנדיקן האַרבסט — גליטשיקע ווערים, קיינער באַמערקט זיי נישט.

די שטאָט הייסט קיעוו.

גרויס, ברייט — צעשפּרייט.

נאָר ווי אַוועקגעוואָרפן וואַלגערן זיך אירע קלויסטערס אויף די שפּיצן פון די בערג. איבער איר וועלקנדיקן הימל פליען באָמבעס.

דורך הויכשטאָקיקע פענצטער זעט עס יאָנאָ גריגאָריעוויטש, ווי בגנבה, כאָטש ער איז דער „איינער־אַליין" אין זיין פאַרשפּינוועבטער פיר־צימערדיקער וווינונג. ער איז הויך און ברייט — אַ מאַכיניע. פאַרוואָקסן איז ער שוין אויך געניוג: דער קאָפּ, די וואָנצעס און די באָרד. פון שטענדיקער קעלט אין זיינע פאַרשטויבטע פּוסטע צימערן זעען אים זיינע הענט פאַרגליווערט רויטלעך, ווי געשוואָלן, און אַליין איז ער שוין אויך געוואָרן רויטלעך און פעטלעך און שטויביק־געשוואָלן. ווי אַן אַרעסטאַנט טראָגט ער אין זיך דעם טעמפּן ווייטיק, וואָס יאָט־רעט אין זיכּרון מיטן אָנדענק פון איינעם אַ פרימאָרגן, אַ יונגן, אַ לעצט־זוניקן.

זי האָט פון פרימאָרגן אָן געפּאָרפּלט אין שלאָפּצימער, דענסט־מאָל, ווען ער האָט פּאַמעלעך, פרידנסצייטיק אויפן טעפּיך אין זיין שווער־באַביכערטן קאַבינעט זיך געשאָקלט אין דער וויגשטול. זי איז געווען פריש צוגעפּודרעט, ווען זי איז נאָכדעם דורכגעגאַנגען פאַרביי. ער קאָן שווערן:

— עס איז אַזוי געווען:

זי האָט דענסטמאָל טיף אין זיך אָן אַ קול געזונגען אַ זמרל.

אים, דעם פעטן מאַנסביל — אין זיין פעסטער טונקל־ברוינער געשוירענער באָרד האָט זיך געפּילט נישט ווייניקער עקשנות, ווי אין זיין פעסטן ציכטיק־געשוירענעם האַלז־און־נאַקן — אים איז געגאַנגען, ווי אין לעבן, נישט אויסצורעדן קיין איין וואָרט, זיך וויגן רויק אין דער שטיל, זיך וואונדערן:

— משונה... ווי גלייך איך האָב צוריק מיט עלף יאָר חתונה געהאַט מיט איינער פון אירע דריי עלטערע שוועסטער, נאָר ליב געהאַט האָב איך די גאַנצע צייט דווקא זי — די יינגערע.

גראָד אין יענעם פרימאָרגן האָט זיך שטאַרקער ווי תמיד גע־לאָזט פילן איר יונגער טעם און איר יונגער ריח, כאָטש צוריקגע־רעדט: קיין אַכצן־יאָריק מיידעלע איז זי שוין אויך נישט געווען.

צווישן זיי — מאַן און ווייב — איז דענסטמאָל פאָרגעקומען דער שמועס:

— גייסט אַוועק, איוואַ?

— איך גיי אַוועק, יאָני.

— אויף שטענדיק, איוואַ?

— אויף שטענדיק, יאָני.

— זיי געזונט, יאָני.

— בלייב געזונט, איוואַ.

אַזוי האָט יענער פרימאָרגן זיך געיאַטרעט ביי יאָנאַ גריגאָר־יעוויטש אין זכרון.

דער אמת איז אָבער, אַז זי האָט אים דענסטמאָל נישט געזאָגט „זיי געזונט” און ער האָט איר נישט געענטפערט „בלייב געזונט”.

---

דער אמת איז אַזאַ:

אַ קאַרג יאָר צוריק — נאָכדעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן אין פּעטערבורג פאַרכאַפּט די מאַכט — האָבן אויף איינמאָל געטראָפן צוויי אומגליקן מיט יאָנאַ גריגאָריעוויטשן, דעם אינזשעניער, וואָס איז באַלד נאָכן ענדיקן געוואָרן אַ פּובליציסט, זייער אַן אָנגעזעענער, זייער אַ היציקער און טרעפלעך־שלאָגנדיקער (צוליב זיין גרויסן בייסנ־דיקן טעמפּעראַמענט האָבן אים אַלע נאָך אין דער צאַרישער צייט גערעכנט פאַר אַ מאַסקירטן עקסט־לינקן):

ער, וועמען גרויסע לינקע צייטונגען האָבן מלחמה־צייט געהאַלטן אין איין אויסדינגען איינע ביי דער אַנדערער, האָט פּלוצים ווי מיט אַ מאָדנע חולשות אויפגעהערט צו שרייבן און ווי אויף אייביק פאַר־לוירן דעם חשק צו שרייבן.

און אין דער זעלבער צייט האָט אים דאָ אין שטאָט, כמעט אָן אַ „זיי געזונט”, אַוועקגעוואָרפן זיין ווייב איוואַ אַבראַמאָוונאַ און איז אַוועקגעפאָרן צו איר פּעטערבורגער משפחה — צו אירע ברידער און שוואָגערס, וואָס האָבן דאָרט, צום פאַרכאַפּן די מאַכט, געהאַט זייער אַ נאָענט שייכות.

טאָן האָט זי עס געקענט דערפאַר, וואָס אונטער דער ווירקונג פון די געשעענישן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, האָט זי דאָ אינדערהיים אָנגעהויבן נישט נאָר זיך גיכער באַוועגן, נאָר אויך גי־כער צו קלאַפּן מיט איר אויפגעשרויפט, תמיד־ברייענדיקן פּיסקל:

— אין פּעטערבורג איז די הויפּט־זאַך אָפּגעטאָן.

— עס מוז זיך אָנהייבן עפּעס לעבעדיקס.

— דאָ דאַרף מען זיך אָנגרייטן טיפע קאַלאָשן צום נאַציאָנאַלן זומפּ.

— עס שמעקט מיט פּאַרצייטיקע שטייענדיקע ריחות.

טאָן האָט זי עס אָבער אויך געקאָנט פּשוט דערפאַר, וואָס פון אים, יאָנאַ גריגאָריעוויטשן, איז זי יינגער אויף גאַנצע צוועלף יאָר (ער — דריי־און־פערציק, זי — איין־און־דרייסיק), און קיין קינדער האָט זי מיט אים נישט — און וואָס קאָן דען אין אַ צייט פון וועלט־אויפטרייסלונג בינדן אַ פּאָר־פּאָלק, אויב נישט קיין קינדער און נישט קיין ליבע?

איז מילא. יאָנאַ גריגאָריעוויטש האָט אפילו נישט געהאַט קיין חשק צו טרייסטן זיך מיט דעם, וואָס זי האָט גערעדט באַנאַל און איז אַוועק באַנאַל. סיי־ווי־סיי איז זיין ערשטער אומגליק געווען פיל גרעסער און האָט איינגעשלונגען דעם צווייטן.

ווי אַ מענטש אַ באַדענקטער, אַ שטילער און — דער עיקר — אַן אָרגאַניזירטער, האָט ער נישט געוואָלט מאַכן פון דעם קיין טומל, סיי קיין אויסערלעכן, סיי קיין אינעווייניקסטן — נישט בלויז אין זיין פירצימערדיקער אינטעליגענטיש־שרייבערשער וווינונג האָט יעדע מינדסטע קלייניקייט באַדאַרפט ליגן אָדער שטיין־בלייבן דאָרט, ווו זי איז פריער געלעגן און געשטאַנען, נאָר אויך אין אים, יאָנאַ גריגאָר־יעוויטשן גופא, האָבן אויך אַלע געדאַנקען און געפילן געדאַרפט ליגן בלייבן אויף זייערע פריערדיקע ערטער. דאָ האָט געהאַט פיל צו זאָגן זיין קינדהייט, — זי איז פאַרבראַכט געוואָרן אין אויסלאַנד, ווו נאָכן טויט פון זיין פאָטער, דעם פּאָליטישן עמיגראַנט, האָט אים זיין מוטער (איצט אַ זקנה, אַן אַקושאָרקע אין קאַזאַן) אויפגעצויגן אין אַ שטרענגער דייטשישער דיסציפּלין.

אַ פאַקט איז, אַז אין יענעם פרימאָרגן, ווען איוואַ איז פון אים אַוועקגעגאַנגען, האָט ער, דער „אַליינגעבליבענער", כמעט אָן שום אויפרעגונג זיך געשאָקלט אין דער וויגשטול. די ברעמען מיט די גרויסע טונקעלע האָרן־ברילן זענען נאָר געבליבן ביי אים אַביסל אונטערגעהויבן; די ליפּן — צונויפגעלייגט און אויסגעצויגן, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס וויל זאָגן:

— נו יאָ... געוויס... מען קאָן דאָך נישט גיין אַקעגן דער נאַטור!..

אַ קיצור:

זיין עיקר־באַפרידיקונג אין יענע טעג — זיין אַרט אונטערגעבן זיך דעם גורל — אַ שטילער פילאָזאָפישער אַרט. די הויפּט־טרייסט איז דער גרינטלעך־שכלדיקער פאַרשטיין:

— דער אומגליק האָט געמוזט געשען.

דעריבער איז איבעריק יעדער פּראָטעסט, אפילו מאַכן אַ באַוועגונג צו פּראָטעסטירן — איבעריק און במילא אויך קאָמיש. אין דעם זינען איז ער דענסטמאָל געווען קאָנטעט מיט זיך אַליין, — קאָנטעט,

וואָס ער שאָקלט זיך גאַנצע טעג אין דער וויגשטול אויפֿן ווייכן טעפּעך אין זיין שווער-באַביכערטן קאַבינעט; ער מאַכט דערביי צום ווייניקסטן באַוועגונגען און דעריבער איז ער צום ווייניקסטן קאָמיש.

זיינער אַ געדאַנק אין יענע טעג:

— דער פּאַראַדאָקס איז אייגנטלעך שטענדיק אַ לאָגישע זאַך, נאָר ער ווערט אָפּגעלייקנט דורך דעם אַרומיקן לעבן, וואָס נישט שטענדיק וויל ער וויסן פֿון לאָגיק. איצט אָבער, ווען אַלע יסודות זענען אויפגעטרייסלט און קיין ווירקלעך לעבן איז נישטאָ, איז דער פּאַראַדאָקס אַן אַבסאָלוטער אמת — יעדער פֿון די אַרומיקע מענטשן איז איצט פּונקט, ווי ער, יאָנאַ גריגאָריעוויטש, נישט קיין אמתער מענטש, נאָר אַן אמתער פּאַראַדאָקס.

דער אויספֿיר:

— אין אַ צייט, ווען פֿיל מענטשן זענען פּונקט ווי ער גע-וואָרן נישט מער ווי פּאַראַדאָקסן — אין אַזאַ מין צייט, אַז מען פֿאַרלירט אַ דרייערל, איז גענוג, אויב מען געפֿינט כאָטש דעם לאָך, דורך וועלכן מען האָט דאָס דרייערל פֿאַרלוירן.

ער, יאָנאַ גריגאָריעוויטש, איז דאַן געווען באַשעפֿטיקט זוכן דעם לאָך...

---

יאָנאַ גריגאָריעוויטש איז געווען צופֿרידן, וואָס די געבליבענע דינסט האַלט אונטער די געמיטלעכקייט אין זיין וווינונג. זי טוט איר אַרבעט אָן ווערטער, ווי גלייך עס איז גאָרנישט געשען. זי גייט ווי פֿריער אַלע פֿרימאָרגן זיך שטעלן אין די לאַנגע רייען נאָך ברויט און נאָך אַנדערע לעבנסמיטלען.

די שטאָט אין יענע טעג:

געלע, שוואַרצע אוקראַינישע „וואָרעטשיקעס"*) טראָגן זיך איבער איר אָפּ און אויף אויף נייע גלאַנציק-פֿאַרדריפּעטע אויטאָמאָבילן.

אויף באַלעבעטע גאַסן זענען טראָטואַרן פֿול.

גרויע דורכגייער פֿליסן דורכאויס אין געדיכטן געמיש. מען

*) היטלען מיט אָראָפּגעהאָנגענע עקן.

שטעלט זיך אָפּ אויף צו קוקן מיט שינאה-אויגן, ווי אויסגעניכטערט נאָך אַ בייזן שלאָף:

— האָסטו דיר!

— באַנייס אַ קאָן.

— מזיקים.

— אומשטיינס געזאָגט: אויך מיר „עקסעלענץ"!..

פאַרוואָרפנדיק, ווי צו שחיטה די קעפּ, קוקט מען אין די לאַנגע ברויט-רייען צו אַן אַעראָפּלאַן, וואָס ברינזשעט הויך אין קוי־טיקער לופט.

מען חוזקט.

מען שפּייט קלעק.

עס האָט דערעטן שלעכט ברויט, פלעקן בלוט, אַלעמאָל הרוגים גייען אויף פרימאָרגנדיקע גאַסן; די שטאָט האָט דערעסן זיך אַליין:

— אַלטער לעקיש — שטאָט!.. ווער עס קומט, דער מעלקט זי.

דערצו־נאָך — דער טיפער אָסיען אינדרויסן. נישט עס רעגנט, נישט עס שנייט. הוילע פליסיקייט. קליינע פיצלעך לייכטן פאַרקלעפּן די אויגן, מעקן צו די שאַרפע קאַנטן אויף די ראָגן.

קורץ:

אַ גוט וועטער פאַר יאָנאַ גריגאָריעוויטשן, וואָס שאָקלט זיך אין וויגשטול ביי זיך אינדערהיים און איז באַשעפטיקט מיט... זוכן דעם לאָך, דורך וועלכן ער האָט פאַרלוירן:

— טאַקע צוריקגערעדט: פאַרוואָס האָב איך, יאָנאַ גריגאָריעוויטש, איצט אויפגעהערט צו שרייבן?.. געשריבן, געשריבן און אויפגעהערט... פאַרוואָס?..

און אין אַפּאָר וואָכן אַרום האָט יאָנאַ גריגאָריעוויטשן אָוועק־געוואָרפן אויך זיין דינסט, — אַוועקגעוואָרפן עפּעס זייער פלוצים, זייער שטום, זייער פאַרעקשנט און זייער ברוגז, ווי אַ דינסט קאָן... געוועזן איז דאָס פונקט אין יענער וואָך, ווען צו דער שטאָט האָבן אָנגעהויבן צוצוטרעטן פרישע פּאָלקן פון אַ נייער מאַכט, און איבער דער שטאָט זענען געפלויגן די באָמבעס, און אַז זיי האָבן אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט צו פליען, האָט מען אין די לאַנגע רייען, וואָס ביי די ברויט-קראָמען, פאַרריסן מיט האָפענונג די קעפּ צו יעדן דורכפליענדיקן

אַעראָפּלאַן. און יאָנאַ גריגאָריעוויטש, וואָס איז דענסטמאָל געווען אינעווייניק פאַרשטיינערט און אַזוי גליינגילטיק, אַז ער האָט נישט געלייענט קיין צייטונגען, נישט געגאַנגען אין דרויסן, נישט גערעדט מיט קיינעם און נישט געוואָלט וויסן, ווער די נייע מאַכט איז (כאָטש ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס זענען די באָלשעוויקעס) — יאָנאַ גריגאָריעוויטש האָט פאַרשטיינערטערהייט אינאיינוועגס שוין אויך נישט געוואָלט וויסן פאַרוואָס איז די דינסט פון אים אַוועק:

דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געוואָלט בלייבן מיט אים איינע אַליין אָן אַ „שומר" אין דער וווינונג?

דערפאַר, וואָס נקבות — ווער זיי זאָלן נישט זיין — האָבן בכלל פיינט יענעם מאַנספּיל, ווען דאָס ווייב וואַרפט אַוועק?

צי אפשר גאָר דערפאַר, וואָס זי איז אינעווייניק געווען אָנגעווייטיקט נישט ווייניקער פון יענע אַלע, וואָס פאַרוואַרפן אין די ברויט־רייען זייערע קעפּ צום דורכפליענדיקן אַעראָפּלאַן, און האָט קיינמאָל אין איר לעבן אויף קיינעם נישט געהאַט אַזויפיל האָפענונגען, ווי אויף דער נייער צוטרעטנדיקער מאַכט.

אין די ערשטע טעג האָט יאָנאַ גריגאָריעוויטש אַפילו ווי געהעריק נישט באַמערקט, אַז די דינסט איז פון אים אַוועק: אויף אַזויפיל איז ער דאַן געווען באַשעפטיקט מיט מאַכן וואָס־ווייניקער באַוועגונגען, כדי צו זיין וואָס ווייניקער קאָמיש.

אַ געפיל איז ביי אים געווען אַזאַ:

דאָס וואָס די צוריקקומענדיקע מאַכט רופט אַרויס מיטגעפיל ביי דער באַפעלקערונג, דאָס וואָס אים האָט אַוועקגעוואָרפן זיין ווייב און דאָס וואָס ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן, — דאָס אַלץ מישט עמיצער אויס אין איין קנויל און שעפּטשעט אים דערביי זייער געשווינד גלייך אין אויער:

— אַ פלאָנטער, יאָנאַ גריגאָריעוויטש... אַ גרויסער פלאָנטער!..

ער האַלט דעריבער אין איין ענטפערן — שוין צופיל פאַמעלעך און צופיל רויק.

— גאָרנישט אַזוי די מעשה... גאָרנישט אַזאַ פלאָנטער...

און אין נעפּלדיקן דרויסן פרעסן דערווייל גליטשיקע ווערים דעם רעגנדיקן האַרבסט, און איבער דער שטאָט פליען אַלץ באָמבעס. — דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען פון שטענדיקער קעלט

אין זיינע פאַרשטויבטע פּוסטע צימערן האָבן אים זיינע הענט אָנגעהויבן צו ווערן פאַרגליווערט, רויטלעך, ווי געשוואָלן, און אַליין האָט ער אויך אָנגעהויבן צו ווערן רויטלעך און פעטלעך און שטויביק־געשוואָלן. זיין קערפּער האָט דאַן, אַוועקמאַכנדיק פון זיך דעם שכל, אָנגעהויבן זעלבשטענדיק הנאה צו האָבן פון דעם, וואָס ער איז דאָ אַליין — אַפילו אָן אַ דינסט — און וואָס צום פלאָנטער אין שטאָט קוקט ער דורך זיינע הויכשטאָקיקע פענצטער, ווי בגנבה. ווי אַ גנב האָט ער געבראָכן קעסטעלעך אין זיין פאַרדומפּענער קיך, ווו עס שמעקט מיט מייזן־קויט און מיטן לעצטן לאַנג־נישט־אַרויסגעטראָגענעם עמער מיסט. מיט פוילע געשוואָלענע פינגער האָט ער געשפּאָלטן די ברעטעלעך אויף דינע שטעקעלעך און געהייצט מיט זיי ביי זיך אין צימער דעם קאַמין. און אַז זיי האָבן זיך צעברענט, אָט די שטעקעלעך, איז ער געזעסן אַקעגן מיט אַ געפיל פון אַ פאַרוואָקסענעם ווילדן, ווען עס איז גוט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז פאַרוואָקסן און ווילד. זיינע ברעמען מיט די גרויסע טונקעלע האָרן־ברילן זענען דערביי געווען אַביסל אונטערגעהויבן און די פאַרזאָרגטע ליפּן — צוזאַמענגעלייגט און אָנגעשטעלט, ווי אויף אַ פייף צו טאָן. — ער האָט געהאַלטן ביי געפינען דעם לאָך, דורך וועלכן ער האָט פאַרלוירן...

---

די לופט האָט געפּלאַצט, ווי די לעצטע באָמבע. אין שטאָט איז אַריין אַ נייע מאַכט.

יאָנאַ גריגאָריעוויטשעס פנים — אַ פראַגע־צייכן:

— באָלשעוויקעס ? !

מיט אַ מאָדנער שמחה איז די דינסט אויפן דריטן אָדער פערטן טאָג געקומען אָפּנעמען אייניקע פון אירע פאַרגעסענע זאַכן. זי האָט געבראַכט מיט זיך אירס אַ חברטע, גערעדט מיט איר אין קיך הויך, פריילעך, אַקוראַט ווי יאָנאַ גריגאָריעוויטש איז נישטאָ אינדערהיים. זייערע קולות האָבן אים אויפגעוועקט פון אַ שווערן בייטאָגעדיקן שלאָף. געדאַכט האָט זיך: די דינסט האָט היינט חתונה; איר חברטע — אויך: ביידע נעמען איינע ביי דער אַנדערער אונטערפירנס.

דער טאָג ווי אומיסטן — אַ לויטערער, אַ זוניק-פּראָסטיקער. ליידיק-גייערישע שעהן האָבן מיט פאַרלייגטע הענט זיך געדרייט לעבן דעם יום-טוב פון פריש-אויסגעהאָנגענע רויטע פאָנען.

אין שטאָט האָט מען געטומלט מיט גרויס פּאַראַד — אָן אַ פלוידער פון קלינגענדיקע קלויסטערס — פויזעס פון ווינט און פון זוניקן פראָסט און טרערן פון מוזיק — ווייטע לאַנגזאַמע טרערן האָבן באַגלייט צו קבורה די געפאַלענע קרבנות.

אין די גאַסן האָט מען געמיטינגט.

מיט אומצופרידנקייט האָט יאָנאַ גריגאָריעוויטש אין יענעם ביי-טאָג באַמערקט:

אַוועקמאַכנדיק פון זיך דעם שכל, פילט זיך זיין קערפּער זעלבשטענדיק, יום-טובדיק, אויפגערעגט, אַקוראַט ווי צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס האָבן זיך אין שטאָט אַריין אומגעקערט אַלערליי גליקן; זיין פרוי איוואַ אַבראַמאָוונאַ — אויך; זי קאָן יעדער רגע אָנקלינגען אין טעלעפאָן, אין טיר, אַריינקומען אין שטוב.

אַזוי איז עס געווען אין יענעם טאָג:

— דער שכל — אַ קלוגער; דער קערפּער — אַ נאַר.

כדי צו דערווייזן דעם קערפּער, אַז ער איז אומזיסט אויפגע-רעגט, האָט יאָנאַ גריגאָריעוויטש אים, דעם קערפּער, אָנגעטאָן אין אַ קורצן פוטערנעם לייבל און אין אַפּאָר שטיוול (קליידער, וואָס זענען אים פאַרבליבן פון אָנהויב מלחמה, ווען ער האָט ווי אַן אינ-זשעניער געאַרבעט אויף אַ פאַבריק). ער האָט זיך מיטן קערפּער אַוועקגעלאָזט אין גאַס אָט אַזוי, ווי מען לאָזט זיך אַוועק שפּאַצירן מיט אַ קינד — אָן שום ווילן, נאָר פּשוט, כדי צו דערווייזן דעם איבערווייניקסטן אויפגערעגטן יום-טוב, אַז אינדערהיים איז נישטאָ אויף וואָס צו וואַרטן — קיינער וועט דאָרט אין טיר נישט אָנקלינגען.

נאָר אין שטאָט האָבן אומזיכטבאַרע קנוילן ליכט געקייטלט סיי דעם יום-טוב, סיי די מענטשן. יעדערער באַזונדער איז דאָרט געווען אַ גאָרנישט, אַ פּוסטער יאָדער-קנאַקער, און אַלע צוזאַמען — ערנסט און וויכטיק, פול מיט באַשלאָסנקייט — די שטרענג-וואָרענענדיקע בליקן. אויף אַלע פּלעצער האָט מען געמיטינגט לאַנג, לאַנג. די לופט

איז געווען הייזעריק. און בייטאָג, ווען די הייזעריקייט האָט זיך שוין געפילט אין יעדן ווינקעלע, האָט דאָרט יאָנאַ גריגאָריעוויטשן זיין קערפּער נאָך אַלץ, ווי אַ קינד, געשלעפּט פון איין מיטינג צום אַנדערן, געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך: אויף איינעם פון די מי־טינגן וועט אין אַ לעדערנעם לייבל מיט פאַרפלאָמטע באַקן שטייען אינדערהויך איוואַ אַבראַמאָוונאַ און וועט האַלטן אַ רעדע.

— פאַרוואָס דען נישט?.. די גרויסע חכמה?.. · אַ פּאָליטקאָם!..

דאָס האָט דער קערפּער זיך אונטערגעחנפעט צו יאָנאַ גריגאָר־יעוויטשעס אומצופרידנקייט, צו זיין אָרט טראַכטן. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער הינקט — אויף אַזויפיל איז אים געווען שווער זיך נאָכצושלעפּן נאָך זיין קערפּער פון איין פּלאַץ צום צווייטן, פון איין מיטינג צום אַנדערן — זיך נאָכשלעפּן מיט פאַרדריסלעכער אויפגע־רייצטקייט, נאָר אָן כּעס. אויף יעדן פּלאַץ האָט ער דעם קערפּער באַוויזן, ווי מען באַווייזט אַ קינד:

— נאַ זע: איוואַ אַבראַמאָוונאַ איז נישטאָ.

— וואָס ווילסטו נאָך?

— ביסט דאָך שוין מיד.

— קום אַהיים.

דער קערפּער איז שוין ווירקלעך געווען מיד און האָט זיך אונטערגעגעבן. עס האָט געהאַלטן, אַז יאָנאַ גריגאָריעוויטש זאָל אָן גאָרנישט זיך אומקערן אַהיים און זיך דאָרט פאַרנעמען מיט דעם זעלבן, מיט וואָס ער האָט זיך פאַרנומען פריער — מיט זוכן דעם לאָך, דורך וועלכן ער האָט פאַרלוירן.

נאָר געטראָפן האָט אַנדערש.

---

נידעריק אויפן ברעג פון דניעפּער, וווּהין יאָנאַ גריגאָריעוויטש איז פאַרקראָכן, האָט מען אויך געמיטינגט. דער גרויסער עולם — אַ קורץ־לייבלדיקער, אַן אָרעם־באַשטיוולטער, אַ שטאָלענער. און די וואַסער אין דניעפּער — אויך אַזעלכע: נישט געפרוירן, נאָר קעלטער פון אייז; ערטערווייז איז זי געקנייטשט, ערטערווייז — גלאַט.

שוואַרץ, שווער און בייז און בליי־פּליסיק, אַ ביינאַכטיקע פינצטערניש אין איר שויס, אָן אַ שאָטנדל אַרום זיך, אָן אַ מינדסטער אָפּשפּיגלונג אין איר טיף.

דעם מיטינג האָט געבלאָזן אַן עסעריקער ווינט אין פּלייצע; דעם דניעפּער — אויך.

אַן אָפּגעטיילטע גרופּע — **ברעג־אַרבעטער**, יונגוואַרג און גלאַט אַזוי פרייליכע יאָדער־קנאַקער — האָט דאָרט אַרומגערינגלט אַן עלטערע בייזע מויד, וואָס איז אָנגעטאָן, ווי אַ גלחס אַ פּאַרזעסענע טאָכטער: אָרעמלעך און מיט פאַרשטויבטע שטרויס־פעדערן אויפן פאַרצייטיקן ברייט־קאַנטיקן הוט.

— וועגן וואָס רעדט זי? — האָט מען זיך דערפרעגט.

— וועגן דער געוועזענער קייסערין?

— אַ רחמנות, זאָגט זי?.. אַ רחמנות?..

און דער עולם האָט געקנאַקט יאָדערן און געלאַכט פון איר. עמיצער האָט אַ געשריי געטאָן:

— קרוינט זי!

און אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן קעפּ אין מיטן דער גרופּע. אַפּאָר הענט, וואָס זענען געוווינט צו הייבן שווערע מאַסע, האָבן געטאָן אַ ריס אַראָפּ דעם אַלטמאָדישן הוט פון דער מוידס קאָפּ, זיך מיט אים צעוויגט אויף רעכטס, אויף לינקס און אים אַ שלייַדער געטאָן אין נאָענטן דניעפּער. דער עולם האָט פאַרגעסן אָן דער מויד און מיט אַ פרייליכן געלעכטער זיך אַ לאָז געגעבן נענטער צום וואַסער קוקן, ווי דער הוט שווימט. די מויד איז שטיין געבליבן איינע אַליין. אויף איר אַנטבלויזטן קאָפּ האָט דער ווינט אַ שויבער געטאָן די שיטערע האַלב־גראָע האָר — קורצע האַלב־אויסגעפאַלענע האָר, וואָס דערגרייכן קוים צום האַלדז. די מויד האָט געוויינט. אירע פאַרקנייטשטע באַקן האָבן באַוויזן זייער דאַרע מאָגערקייט, און דענסטמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר מויל איז זייער ברייט — אַ מויל, וואָס ווייַנט אומאָפּהענגיק פון פונעם פנים, און עס איז אויף דעם אומאָפּהענגיק פון גאָרנישט אַ רחמנות. עס איז קיינעם מער נישט אָנגעגאַנגען, וואָס חוץ אָט דעם ברייטן וויינענדיקן מויל זענען נאָך פאַראַן וויינענדיקע אויגן, אַ וויינענדיקע נאָז און בכלל — אַ פנים. זייער געהיט און נישט מיט־

אַמאָל איז דענסטמאָל צו דער מויד פּאַמעלעך צוגעגאַנגען איינער אַ מיטלוווקסיקער יונגערמאַן, אָנשטאָט אַ באַגריסונג, זיך צו איר אומ־זיכער אַ שאָקל געטאָן, געדעדט איבער איר, אַפּנים, זי געטרייסט, זי אָנגענומען אונטער דער האַנט און פּאַמעלעך, ווי מען פירט אויף אַ לוויה די נאָענטסטע קרובה פונעם געשטאָרבענעם, זי אָפּגעפירט צו איינער פון די קורצע אַקעגנקוקנדיקע שטאָט־גאַסן.

יאָנאַ גריגאָריעוויטש האָט נישט געוואָלט קוקן אין יענער זייט, ווייל די וווקס און די באַוועגונגען פונעם יונגנמאַן, וואָס האָט אַוועקגע־פירט די מויד, זענען אים געווען זייער קענטלעך, ווי די וווקס און די באַוועגונגען פון זיין ווייבס קרובים. ער, וואָס שלעפּט זיין קערפּער אַהיים, ווי מען שלעפּט אַהיים אַ בענקענדיק קינד, אַ יתום, האָט איצט, נאָך חוץ דעם, נישט געהאַט דעם מינדסטן ווילן צו באַגעגענען זיך דאָ מיט באַקאַנטע. זיין פּנים, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אַקעגן רעדנער אינמיטן מיטינג, איז דעריבער געווען אַביסל אָנגעשטרענגט, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס וויל דערגיין דעם שכל:

— וואָס וויל ער?.. וווהין פירט ער?..

נאָר אַביסעלע שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין דער יונגערמאַן ווידער געהאַט געשטאַנען זייער נאָענט לעבן אים — געשטאַנען אין גרויס צעטראָגנקייט, ווי אַ פאַרגעסענער און איבערגע־לאָזטער. זיין לענגלעך און מאָגער פּנים איז געווען נישט פריש געגאָלט און האָט דעריבער אויסגעזען, ווי אַשיק. זיין פוטערן היטל מיטן פו־טערנעם מאַנטל זענען געווען פון יענע, וואָס מען קאָן זיי איינצייטיק אָננעמען סיי פאַר שטאַרק רייכע, סיי פאַר שטאַרק אָפּגעקומענע. דער מאַנטל איז נאָך דערצו געווען ברייט־פונאַנדערגעשפּיליעט, כאָטש עס האָט געבלאָזן אַ גענוג עסעריקער ווינט און דער יונגערמאַן איז געווען אַביסל אָנגעבויגן און האָט זיך געהויקערט, ווי פון קעלט. די אונ־טערשטע פון זיינע צוויי שמאָלע בלאָע ליפּן איז געווען אָפּגעבויגן און האָט אַנטפּלעקט ווייסע, לענגלעכע און באַזונדער־חנעוודיקע ציין — די חנעוודיקע ציין פון יאָנאַ גריגאָריעוויטשעס ווייבס משפּחה. די גרויסע און קרומבלעכע מזרח־שפּאַלטן פון זיינע טונקל־גרויע ערנסט־צעטראָגענע אויגן זענען אים געווען פאַררויטלט — פון נישט שלאָפן אַסך נעכט אָדער פון אַסך געדאַנקען, וואָס שטופּן זיך אויף איינמאָל אַלע צוזאַמען

אין מוח אַריין, — זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט זייער גאַנצער אָפּנקייט און מיט זייער גאַנצן צעטראָגענעם ווונדער צום רעדנער אינמיטן הויכער געדיכטער קעפּעדיקייט, נאָר אין דער זעלבער צייט האָבן זיי מיט ווונדער געוואָרפן בליקן אויך אויפן אַרומיקן הערנדיקן עולם, געכאַפּט פון אַ שכן אַ וואָרט און אים באַלד געשווינד און מיט ווונדער באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס.

איצט האָט צום עולם גערעדט אַ כּעסדיק־גרויסער מאַנסביל אין אַ גרויער כּעסנטע — אַ שינעל; אַ קרעפּטיקער „יונג מיט ביינער", — אַז מען וועט וועט דאַרפן, וועט ער זיך געשווינד פונאַנדערשפּליטן און וועט פאַרן עולם אין די אויגן מיט איין מסוכּנער באַוועגונג צערייסן אויף זיך דאָס העמד.

דער יונגערמאַן האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, פאַרקרומט די קינבאַקן און אויסגעצויגן אַן אויער, כּדי נישט צו פאַרלירן דעם רעדנערס קיין איינציק וואָרט. ער האָט אין צעטראָגנקייט פּלוצים אַ זאָג געגעבן צום נאָענט־שטייענדיקן יאַנאַ גריגאָריעוויטשן:

— איר הערט, צי ניין?

— עס שיט, ווי מיט שטיינער...

— מיט איין וואָרט... אַז איך זאָג אייך — סאַמבאַטיע!..

און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אין גרויס צעטראָגנקייט אָפּגעזאָגט, האָט ער איבעראַנייס צעעפנט אויף יאַנאַ גריגאָריעוויטשן די אויגן און האָט אים דערקענט:

— אַך!..

— איר?..

— יאַנאַ גריגאָריעוויטש?

— נישט דערקאַנט, איכלעבן... לאָזט נאָר אויף זיך אַ קוק טאָן... וואָס טראָגט איר עס פאַר אַ „פּאָרמע"?.. זיך די גאַנצע צייט נאָכגעפרעגט — געוואָלט אָפּנעמען פון אייך גרוסן, נאָר די לעצטע צייט האָט אייך אין שטאָט, ווי אויף צולהכעיס, קיינער נישט געזען... קומט אַהער, אַביסל אין אַ זייט; קומט, וועלן מיר גיין אַביסל... איך האָב געמיינט: אויך איר זייט אַוועק; אַ קלייניקייט, וויפל מען איז פון שטאָט די לעצטע צייט צעפאָרן!..

---

דאָס איז בלויז אַ טייל פון די ניין מאָס רייד, מיט וועלכער דער יונגערמאַן האָט זיך אויף יאָנאַ גריגאָריעוויטשן אַרויפגעוואָרפן:

— היינטיקע צייטן ווילט זיך פשוט וויסן: ווער איז „דאָ", ווער איז „דאָרט" און ווער איז גלאַט געבליבן אינדערהיים? וואָס?.. יאָ — „אַרבעטסלאָז", אַזוי צו זאָגן... איר קוקט זיי אָן — אָט אָ־די? (דער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויף דער מענטשן־מחנה, וואָס איז געבליבן מיטינגן אויפן ברעג) איר קוקט זיי אָן? ווען מיר מיט אייך וועלן שוין פון לאַנג זיין פאַרפוילט אין דער ערד, וועט מען וועגן זיי נאָך אַלץ שרייבן און שרייבן געשיכטע... איוואַ אַבראַמאָוונאַ איז אין פּעטערבורג — דאָס ווייס איך — אַ באַל־שעוויטשקע, וואָס? נו יאָ — מיין משפחה. אויף איר האָט מען זיך גע־קאָנט ריכטן. קינדווייז, געדענק איך, איז איוואַ געווען אַ פלוידערקע — מסוכן! זיך געדרייט מיטן יינגערן ברודער, מיט וואָלאָדיען, אין די „געהיימע קרייזלעך". ביי אַ יאָר אַכצן־ניינצן, אָט דאַן, ווען איר האָט זיך מיט איר באַקאַנט, איז זי געהאַט געוואָרן אַ צוריקגעהאַלטענע, אַ שווייגערין. דאָס טרעפט אָפּט מיט מיידלעך, ווען זיי דערפילן אין זיך דעם ערנסט פון יאָ ווערן אָדער נישט ווערן פרוי־און־מוטער, נו און איצט — ווידער...

און ווייל דער שטיינגעבליבענער יונגערמאַן האָט דאָ איבער־געכאַפּט דעם אָטעם, האָט יאָנאַ גריגאָריעוויטש געמוזט אַ הויב טאָן דעם קאָפּ מיט די האָרן־ברילן אַזוי, ווי גלייך ער וויל זען, צי דער הימל איז לויטער, צי ניין, אַ צי געבן די צונויפגעלייגטע ליפּן מיט אַ מינע פון אַ מענטשן, וואָס וויל זאָגן: „נו יאָ, מען קאָן דאָך נישט גיין אַקעגן דער נאַטור". ער האָט אַ פּאָנפע געטאָן די געציילטע מוז־ווערטער:

— נו יאָ... איוואַ... זי איז די לעצטע צייט געווען אַזוי אומ־געדולדיק, אויפגעשרויפט

נאָר דער יונגערמאַן האָט ווי נישט איינגעהערט און האָט שוין ווייטער געשיט:

— מיר האָט נישט לאַנג געזאָגט איינע מיינע אַ באַקאַנטע, אויך אַ קאָמוניסטקע: „לעבן מיט דער צייט איז איצט פיל אינטע־רעסאַנטער, ווי צו לעבן מיט אַ מאַן". דרויף האָב איך איר געענטפערט:

„ראשית, ווען דאָס זאָגט נישט קיין שיין ווייבל, וואָלט עס געהאַט אַ פּנים פון חוזק. און צווייטנס — אַ שיין ווייבל, מערסטנטייל, נישט זי לעבט מיט דער אינטערעסאַנטער צייט, נאָר זי איז מזנה מיט איר". אויפן ערן־וואָרט, אַזוי האָב איך איר געענטפערט. איך האָב זיך ערשט היינט דערוווּסט: איוועס ייִנגערער ברודער, וואָלאָדיע, איז איצט איינער פון די אָנגעזוענסטע, אַן אַלטער באָלשעוויק, וואָס קערט וועלטן. אַ קאָפּ האָט ער שטענדיק געהאַט אַ גוטן, אַ נאַטור — אויך: פריסיק, פייער! ער שטאַמט פון אַזאַ משפּחה — געוואַגטע סוחרים, און דעם כּלל זאָלט איר האָבן: אַ געוואַגטער רעוואָלוציאָנער איז ווי אַ געוואַגטער סוחר — ער גייט „וואַ באַנק"; לאַכט נישט. סע דאָ אַ שייכות. כ'האָב דאָ היינט אינדערפרי באַגעגנט, — ווייסט איר וועמען? זאָלאָטאָנאָשן. מען האָט אים אַהער קאָמאַנדירט פון מאָסקווע — מסוכּנע פולמאַכטן! „אַך אַזוי? — האָט ער זיך געוווּנדערט — יאָנאַ גריגאָריעוויטש איז הי? — ער טוט גאָרנישט? אַ שאָד. און מיר האָבן אים מלחמה־צייט איבער עפּעס גערעכנט פאַר אונזערן אַ מענטשן — ער האָט געשריבן בייסיק און האָט זיך אָפּט דערדערט ביזן סוף"... וואַרט אַ רגע, וואַרט... מיר איז איצט אַרויף אַ געדאַנק... ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן?..

ער איז אין צעטראָגענער פאַרטראַכטקייט געבליבן שטיין אַזוי פלוצים, אַז אויך יאָנאַ גריגאָריעוויטש האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. ער האָט צוגעשטעלט אַ פינגער צו דער נאָז און האָט געקוקט אויף יאָנאַ גריגאָריעוויטשן מיט אַזעלכע אויגן, גלייך ער קווענקלט, צי ער זאָל עס אים זאָגן, צי ניין. ער האָט צוזאַמענגעצויגן די אויגן און האָט געקוקט אויספרווונדיק אין יאָנאַ גריגאָריעוויטשעס פּנים אַריין:

...ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן? מיר איז אָט אין דער רגע קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס איר האָט אויפגעהערט צו שרייבן. הערט מיך אויס, ס'איז פּשוט: וואָס האָט אייך אַלע יאָרן געקוועטשט? איר האָט דער געזעלשאַפט, כ'מיין — דער קאַפּיטאַליסטישער, אַלע אייערע יאָרן געוואָלט זאָגן: „כאַפּט דיך אַ שוואַרץ יאָר!", נאָר אַזויווי איר האָט, ווי יעדער געבילדעטער מענטש, נישט געקאָנט רעדן פּראָסט, האָט איר דאָס צעצויגן אין אַן אַ שיעור טאַלאַנטפולע אַרטיקלען. איצט אָבער מיטן קומען פון די באָלשעוויקעס איז דאָך קלאָר געוואָרן:

ס'איז אַלצאיינס, צי איר האָט עס צעצויגן, צי ניין. איר האָט אָקאָרשט געהערט, ווי מען רעדט דאָ אויף די מיטינגן? — מען זאָגט עס פּשוט און קורץ און שאַרף מיט אַ פּשוטער קללה אין דער מאַמען אַריין... וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?.. איך בין מאָגער געוואָרן?.. יאָ, איך זע אויס שלעכט... איך בין דריי חדשים געליגן צו־בעט... אַ האַלבער מת... מיין אַלטע קרענק לייקאָמיע...

און ער האָט דערציילט יאָנאַ גריגאָריעוויטשן, אַז צו־בעט איז ער דריי חדשים אָפּגעלעגן אין אַ פּריוואַט־קליניק — אַ מין סאַנאַ־טאָריע: זיך אַריינגעלייגט אין בעט אַריין, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַוועקצוגיין, און איז אויפגעשטאַנען איצט, ווען עס זענען אַריינגעקומען די באָלשעוויקעס:

— וואָס?.. יאָ, אַ באַזונדער פאַרגעניגן — כ'האָב אָנגעזען אין די אויגן מיט צוויי מאַכטן ווייניקער... נו יאָ, אין אַזאַ צייט איז מען אין אַ סאַנאַטאָריע אַביסל מער געזיכערט מיטן לעבן. נאָר פון דער אַנדערער זייט — ס'איז אַ סאַנאַטאָריע נישט פאַר קיין קראַנקע און נישט פאַר געזונטע, טאַקי ווייל מען זיכערט זיך דאָרט דאָס לעבן, איז דאָס כמעט אַ משוגעים־הויז... וואָס איך האָב זיך דאָרט אָנגעזען!.. און בכלל — דער גאַנצער אַרום־און־אַרום... הערט, יאָנאַ גריגאָרעוויטש, נעמט מיך אָן, איך בעט אייך, אונטער דער האַנט... אָט פאָרט גראָד אַן איזוואָשטשיק... איך בעט אייך: זעצט מיך אויף און פירט מיך אָפּ אַהיים... מיר דרייט זיך עפּעס צו שטאַרק דער קאָפּ... כ'האָב אפשר נאָך גאָרנישט געטאָרט אויפשטיין פונעם בעט, נאָר עס הייבט מיך... איך קאָן נישט איינליגן... איצט... איצט...

און נאָכדעם איז ער געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן אויפן איזוואָשטשיק, אויף וועלכן יאָנאַ גריגאָריעוויטש האָט אים אָפּגעפירט אין סאַנאַטאָריע. זיין קרענקלעך פּנים איז געווען אַשיק־טויט און זיינע פאַרבלאָזע ליפן האָבן זיך נאָך אַלץ אינערט געשאָקלט און פון זיך, ווי אין היץ, געשאָטן מיט שוואַכע ווערטער:

— אַז עס שיט מיט שטיינער... סאַמבאַטיע!.. אַרום און אַרום... מענטשן, סאַנאַטאָריע־מענטשן לעבן איצט נישט מיט אייגענע געפילן, נאָר מיט פרעמדע, מיט פריעריקע... איר האָט געזען די מויד אָנעם

הוט?.. אַן אָרעמע, אַ קבצנטע... אַ העסלעכקייט... ס'נישט איר געפיל — איך מיין: איר רחמנות אויף דער קייסערין... ס'איז אַ געפיל פון פריער, אַ פרעמדס... נו, און איך וויל עס נישט. לעבן זאָל מען מיט אייגענע געפילן... מיט אייגענע... נאָך ווייט, אַ?.. נאָך ווייט צו דער סאַנאַטאָריע?..

---

עס איז געווען נאַכטיק-טונקל, ווען יאָנאַ גריגאָריעוויטש האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים. פונעם גאַנצן באַגעגעניש מיטן יונגנמאַן, וואָס איז איוואַ אַבראַמאָוונעס אַ גליד-געשוועסטערקינד און האָט זייער אַ צעטראָגענע ביאָגראַפיע מיט זייער אַ פשוטן יידישן נאָמען — מוני, פונעם גאַנצן פלוידער, וואָס ער האָט פון אָט דעם מונין אויסגעהערט, און פון אַלע זיינע באַוועגונגען האָט יאָנאַ גריגאָריעוויטש בלויז געדענקט די מינע זיינע, בעת ער האָט זיך מיט אים אָפגעשטעלט אויפן פלאַץ, נישט ווייט פונעם מיטינג און האָט אים געזאָגט, פאַרוואָס ער, יאָנאַ גריגאָריעוויטש, האָט אויפגעהערט צו שרייבן:

„— וואָס האָט אייך געקוועטשט?.. איר האָט געוואָלט זאָגן: „כאַפּט אייך אַ שוואַרץ יאָר!..” איר האָט עס צעצויגן אין אָן אַ שיעור טאַלאַנטפולע אַרטיקלען. איז צוליב וואָס?.. הערט, ווי מען זאָגט דאָס איצט פשוט און קורץ און שאַרף, מיט סך-הכל איין קללה אין דער מאַמען אַריין...

מיט אונטערגעהויבענע ברעמען, מיט צוזאַמענגעלייגטע אויסגעצויגענע ליפּן איז יאָנאַ גריגאָריעוויטש ביז שפּעט אינאָוונט אַרומגעגאַנגען ביי זיך אין צימער. ער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס וויל זאָגן: „נו יאָ, געוויס... מען קאָן דאָך נישט גיין אַקעגן דער נאַטור!”, און אַליין האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלויבן:

— שוין-זשע זאָל ער האָבן געזאָגט דעם אמת, אָט דער מוני?.. שוין-זשע זאָל אָט דאָס באמת זיין דער לאָך, דורך וועלכן ער, יאָנאַ גריגאָריעוויטש, האָט פאַרלוירן?.. געשיקט זיך?.. אַזוי פשוט?..

# ג ע ב ו ר ט

# געבורט

אַ יונגער דאָקטאָר, אַ כירורג, אַ ביינערדיק מענטשל, וואָס טוט דריי מאָל אַ טראַכט, דריי מאָל אַ קוק אויף אַ קראַנקן, איידער ער ענטפערט אַ וואָרט. אַז ער וויל שמייכלען, באַקומט ער בלויז אַ צורה פון אַ מפונק.

און אַ כעס אויף דער וועלט האָט ער, משמעות, פון תמיד אָן אַ גרויסן, אַ פריקרען און משוגעוואַטן כעס, גלייך אַלע מענטשן זענען אומלייט, נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי, און נאָר ער איינער אַליין איז אָרנטלעך ביז גאָר, און ער ווייסט, אַז קיינער וועט אים דערפאַר גאָרנישט נישט צאָלן, נאָר דאָך — ער בלייבט טיף-לייטיש בלויז פון עקשנות, בלויז ווייל אים, דעם מפונק, איז מיאוס צו זיין אַזוי עקלהאַפט, ווי די אַרומיקע.

אָט אַזוי איז מיט אים געווען אָנהויב מלחמה — כמעט אַלע באַקאַנטע יונגע דאָקטוירים האָבן געגעבן כאַבאַר, מען זאָל זיי לאָזן אינדערהיים ביי די אָרטיקע שפּיטאָלן, און ער איז (פון מיאוסן זיך זיי נאָכצוטאָן) געווען אויפן ערשטן פייער ביז ער האָט געקריגן אַ קויל אין דער לינקער ליטקע. אָט אַזוי איז מיט אים געווען אויך נאָכדעם, ווען די לופט איז אויפגעקלויצעט געוואָרן פון בירגער-קריג. עס הערן זיך יידישע פּאָגראָמען און אַליין האָט ער שוין דעמאָלט געהאַט אַ פיר-יעריק קינד און אַ ווייב אַ וווקסיקע, אַ שטאַלטנע, אַ בלאָנדע, וואָס איז מעוברת מיטן צווייטן קינד — פון מיאוסן זיך צו זיין געראָטן אין די אַרומיקע האָט ער באַלד נאָך פּראָסקוראָווער פּאָגראָם אָפּגעשיקט דאָס קינד מיטן מעוברתן ווייב קיין טעריעוו צו

איר פאַרמעגלעכן פּאָטער אויף קימפּעט, און טאַקע באַלד, ווי ער האָט זי אָפּגעשיקט, האָט ער זיך אַליין מאָביליזירט, ווי אַ דאָקטאָר, אין דער רויטער אַרמיי.

דאָס איז, בערך, אַלץ.

און איצט קאָן מען אָנהויבן.

## I

די ידיעה, אַז אין טעריעווער פּאָגראָם האָט מען צווישן הונדערטער אַנדערע געהרגעט אויך זיין מעוברת ווייב הענקען און זיין פיר־יעריק מיידעלע, האָט דער דאָקטאָר מאָטי שטיינבערג אויפגענומען פאַרעקשנט־שטום, כמעט אָן שום באַוועגונגען אין פּנים, ווי עפּעס אַ מאָדנע־פריצישער גזלן, וואָס מיאוסט זיך נאָכטאָן אַנדערע און אויפהייבן אַ גוואַלד אָדער מאַכן אַ היסטעריקע.

מיט אים איז יענעם טאָג גאָרנישט נישט געשען, אויב מ'זאָל נישט רעכענען דאָס, וואָס ער האָט מיט אַ פאַרשטיינערט בלאַסלעך פּנים אַקעגן אַפּאָר שעה אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק ביי זיך אין דער קוואַרטיר, און וואָס אין מיטן אַרומשפּאַנען האָט ער זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט פאַרן קליינעם שפּיגל, פּלוצים געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין יונגער, האַרט־געפּרעסטער און געצאַצקעטער באָרד, פּלוצים אַ נעם געטאָן דאָס שערל און פּלוצים אָט די באָרד אָפּגעשוירן — זי אָפּגעשוירן מיט אַזאַ פאַרקרומט פּנים, ווי גלייך ער וואָלט וועלן זאָגן:

— פּעז!.. אַז אַ מענטש טראָגט אַ באָרד, קומט אויס, אַז יעדע האָר איז ביי אים טייער.

די ידיעה אַליין:

אַ פאַרשפּעטיקטע און אויסגעוועפּטע:

„— הענקען מיטן קינד וועסטו נישט אויסגראָבן".

„— זיי ליגן שוין ביי צוועלף מעת־לעת אין דער ערד".

און אַרום דער ידיעה — אַ קאַלטע גלייכגילטיקייט:

— ווילסטו, גלויב, ווילסטו נישט, גלויב נישט...

איז מילא... מיט אַ באָרד, אָן אַ באָרד — וועמען גייט עס אָן?

געפונען האָט ער זיך דענסטמאָל אין דער רויטער אַרמיי אויף קאָרעסטינער פראָנט, און געאַרבעט האָט ער דאָרט אין באַוועגלעכן פעלד-שפּיטאָל, געשניטן ביי פאַרוואונדעטע רויטע אַרמייער און ביי פּאָוסטאַנצעס פאַרבלוטיקטע הענט, געזעגט צעשעדיקטע פיס, און בלוט האָט זיך אַרום אים געגאָסן גענוג — בלוט פון ייִנגערע און עלטערע דאָרפישע שקצים, וואָס גייען אויף אומקומען. קרעכצן, געשרייען און האַלב-טויטע גסיסות האָבן דאָ אין שפּיטאָל זיך ביי אים אויסגעמישט מיטן בלוט, מיט די געשרייען און מיט די גסיסות פון זיין אייגן ווייב, אייגן קינד, פון אַלע אַנדערע הרוגים אין טעריטעווער פּאָגראָם, און דאָס אַלץ האָט אים ווי צוגעגעבן קראַפט נישט אויסצוורעדן קיין איינציק וואָרט צו זיינע געהילפן: דער „שוועסטער" און עלטערן סאַניטאַר. אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג מיט אַ כירורגישן מעסער, וואַשן די הענט פון איין בלוטיקער ווונד און זיך באַלד גריבלען מיט זיי אין אַ צווייטער, און אַליין האָט ער דערביי פון נאָך דער ידיעה אָן געהאַט אַ שווערן טשאַד אין קאָפּ, און אַ געפיל איז געווען ביי אים אַזאַ, גלייך ער האַלט אַ גאַנצן טאָג אין איין אומאויפהערלעכן איינגעמען ריצנאייל, און עמיצער פון דער זייט וויל אים די גאַנצע צייט גרינגער מאַכן און טראָגט אים עפּעס נאָך: „נאַ... איינגעמאַכץ... נעם איין אויף זיסן". און אים ווערט דערפון נאָך ערגער, און ער ענטפערט אָן לשון: „לאָזט מיך צורו, איך וועל איינגעמען אַזוי..."

עס זענען אַזוי אַריבער דריי אָדער פינף טעג — דאָקטאָר שטיינבערג האָט, ווי אַ מאָדנער פּזרן אויף צייט, יענע טעג נישט געציילט.

ס'איז געווען אין מיטן זומער, דאַכט זיך, שטאַרק הייס, ביז גאָר פאַרנע און ביז גאָר לויכטיק, ווי פאַר אַ רעגן אָדער פאַר אַ ליקוי-חמה — דאָקטאָר שטיינבערג האָט דענסטמאָל, ווי אַ מאָדנער פּזרן אויף אַלערליי לויכטיקייטן, אויך דאָס נישט געדענקט.

עס זענען, דאַכט זיך, געווען אומגליקן אויפן פראָנט, ס'האָבן זיך, דאַכט זיך, געהערט אַסך גייע יידישע שחיטות — דאָקטאָר שטיינבערג האָט אויך דאָס קלאָר נישט געוווסט, פונקט ווי ער האָט נישט געוווסט קלאָר, וויפל טעג זענען אַוועק זינט ער האָט באַקומען די ידיעה.

און דענסטמאָל איז אים אָנגעקומען אַ בריוו מיט פּרטים וועגן טויט פון הענקען און פונעם קינד און וועגן טעריעווער פּאָגראָם — אַ שחיטה אין פּאַרלויף פון גאַנצע דריי הייסע זומערדיקע טעג, און הענקע מיטן קינד זענען אומגעקומען נאָך אינעם ערשטן טאָג אַרום צען אַזייגער אינדערפרי לעבן די טרעפּלעך פון דאָקטאָר פּשיבולסקיס גלעזערנעם גאַניק, וווהין זי איז, ווי צו איר מאַנס אַ קאָלעגע, געלאָפן מיטן קינד זיך באַהאַלטן. זי האָט דאָרט זייער לאַנג געקלונגען אין גלעקל און פון אַקעגן האָט מען געזען, ווי דער זעקספּודעוודיקער פּוילישער דאָקטאָר — זייער אַן אָנגעזעענער, אַ נקביש-ווייכער און נקביש-ווייסער — האָט זיך באַוויזן אין גלעזערנעם גאַניק און האָט אַליין, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, נאָך שטייפער פאַרריגלט די טיר, און נאָכדעם האָט מען געזען, ווי מען האָט טאַקע דאָרט, לעבן די טרעפּלעך, הענקען מיטן קינד דערשאָסן.

און נאָך אַ קלייניקייט:

מיט צוויי טעג פריער, איידער דער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען דעם זעלבן זעקספּודעוודיקן נקביש-ווייכן און נקביש-ווייסן דאָקטאָר פּשיבולסקין גערופן צום שווער אין שטוב, ער זאָל באַטראַכטן די טראָגנדיקע הענקען, ווייל הענקע האָט געטראָגן זייער גרויס, און דער דאָקטאָר פּשיבולסקי — אַ געניטער גינעקאָלאָג — מען צאָלט אים זייער טייער פאַר וויזיטן — האָט ביים שווער אין שטוב הענקען באַטראַכט, געפונען, אַז ביי איר הייבט זיך אָן דער נייַנטער חודש, און נאָכדעם האָט ער געזאָגט די עלטערן בסוד, — הענקע זאָל נישט הערן, — אַז דאָס טראָגן איז ביי איר נישט אינגאַנצן נאָרמאַל און אַז מען דאַרף זייער און זייער אַכטונג געבן, זי זאָל זיך איבערהויפּט האַלטן רויק, און ווער שמועסט נאָך אין אָט די שווערע טעג, ווען יידן לעבן דאָ אין גרויסער שרעק פאַר פּאָגראָמען...

פון אָט די אַלע ידיעות איז ביי שטיינבערגן אין קאָפּ געבליבן בלויז איין בילד:

ביים שווער אין שטוב געפינט זיך דער גוידערדיקער פּשיבולסקי מיט הענקען אין איין צימער און טאַפּט איר דאָרט אַרום דעם נאַקעטן מעוברתן בויך...

און נאָך איין פּרט איז ביי אים אין קאָפּ געבליבן:

געהרגעט אין טעריטאָריע האָבן דאָרפישע שקצים מיט אַ פּעט־לורישן אַטאַמאַן.

דענסטמאָל האָט ער אַפּאָר נייע טעג נאָך מיט אַ גרעסערן טשאַד אין קאָפּ געטאָן זיין אַרבעט אין פעלד־שפּיטאָל: געמאַכט אָפּעראַציעס די פאַרוואונדעטע, וואָס האָבן מיט זייער אוקראַיניש לשון און מיט זייערע אוקראַינישע פּנימער זיך ביי אים אויסגעמישט מיט יענע, וואָס האָבן אין טעריטאָריע פאָגראָם געהרגעט הענקען מיטן קינד ; מינוטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער שניידט „יענע", און אין דער איבעריקער צייט איז אים געווען אַלצאיינס, צי ס'איז „די" אָדער „יענע". און דענסמאָלט — אין מיטן אַ העלן טאָג — האָט ער פּלוצים זייער פאַמעלעך גענומען אויסטאָן דעם ווייסן כאַלאַט — משונה פאַמעלעך, ווי ער וואָלט איצט האָבן געענדיקט נישט בלויז די אַרבעט פון היינטיקן טאָג, נאָר די אַרבעט פון זיין גאַנצן לעבן.

נישט געכאַפּט, גלייך ער וועט פון היינט אָן שוין אייביק זיין אַ ליידיקגייער, איז ער אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן און האָט דערזען, אַז ס'איז שטאַרק הייס, ביז גאָר לויכטיק און ביז גאָר פאַרנע, ווי פאַר אַ רעגן. און אפשר דאַכט זיך אַזוי, ווייל דער פראָנט איז נאָענט און די שיסערייען פון האַרמאַטן דערטראָגן זיך אַהער, ווי אַ לאַנגער פאַרטויבטער דונער, וואָס אָט דרעמלט ער איין און אָט לאָזט ער באַנייס זיך הערן.

פון אונטן, פון דער איינקלאַסיקער דאָרפס־שול, ווו דער פעלד־שפּיטאָל האָט זיך געפונען, האָבן מיט שרעק פאַר זיין פאַמעלעכקייט און פאַר זיין שווייגן אים גערופן דער עלטערער סאַניטאַר און די „שוועסטער", נאָר ער האָט נישט געהערט, ווי מען רופט אים און האָט זיך נישט אומגעקוקט

פונקט איבערן וועג, אַקעגן דעם פעלד־שפּיטאָל האָט געפּוסטע־וועט די פאַרלאָזטע יידישע שטוב, פונוואַנען די באַלעבאַטים זענען אַנטלאָפן ערשט צוריק מיט אַפּאָר טעג, ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט, און אין פּוסטן קרעמל, וואָס לעבן אָט דער שטוב, איז ביי אַ נידעריקן קיך־טיש געזעסן דער אָנגעפאָרענער דיוויזיע־קאָמאַנ־דיר, דער אַרמענער סטאַראַנדזשאַראָוו, און ביי דער טיר האָבן געוואַרט

די רייט־פערד און די איינגעשפּאַנטע בריטשקעלעך פון יענע, וואָס זענען געקומען צו אים זיך פּראַווען. ס'האָבן געוואַרט אַ מענטשן אַכט מיליטער־לייט און צווישן זיי — איינער זייער אַ פאַרברודיקטער מיט אַן איבערגעבונדענער שטאַרק־געשוואָלענער באַק און מיט נישט קיין געגאָלט פּנים.

— טע מאָוואָ, — האָט ער אַ שלעפּ געטאָן שטיינבערגן פאַרן אַרבל, — טע בע מניע זוב ווערוואַל.

נאָר שטיינבערג האָט נישט געענטפערט. ער איז געשטאַנען לעבן איינעם פון די בריטשקעלעך, געקייט אַ שטרוי, געקוקט און געקוקט, ווי צום קאָמאַנדיר גייט מען אַריין איינציקווייז און איז צוּ־לעצט צו אים אויך אַריינגעקומען.

— לאָזט מיך אָפּ, — האָט ער געזאָגט צום קאָמאַנדיר, — באַ־פרייט מיך. איך קאָן מער נישט אַרבעטן. איך פיל, אַז איך שנייד נישט קיין מענטשן — איך שנייד האָלץ, פיל איך, איך שנייד מיסט.

אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט דעם קאָמאַנדיר. און נאָך ערגער האָט ער אים געזאָגט:

— איך שנייד טינוף...

דער קאָמאַנדיר, וואָס האָט אים געקענט, ווי איינעם פון די אי־בערגעגעבנסטע דאָקטוירים דאָ אויפן פראָנט, האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי גלייך ער טוט אַ שמעק־טאַבעק, און האָט אויף אים אַ קוק געגעבן פריער צעטראָגן, נאָכדעם — בייז, ווי ער קוקט דאָ שטענדיק אויף פאַרשידענע סימולאַנטן, און ערשט נאָכדעם האָט ער אויף אים אַ קוק געגעבן מיט זיין געוויינלעכן אַרמעניש־קלוגעטשקן בליק און מיט אַ שמייכעלע.

— נו יאָ, — האָט ער זיך צו אים אַ שאָקל געטאָן מיט געמאַכטן ווייעגדיקן מיטגעפיל, — טייבעלע מיינס, טייערס, טינוף שניידסטו, אַ?.. און וואָס דען האָסטו געוואָלט? — גאָלד האָסטו געוואָלט שניידן? ווער זאָל דיר דען געווען צוגרייטן גאָלד! גאָלד, טייבעלע מיינס, מוז מען ערשט צוגרייטן — מען דאַרף נאָך דערויף אַביסל האָרעווען!

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, דער קאָמאַנדיר — אַזוי פריילעך איז אים געוואָרן פון דער אייגענער חכמה, וואָס ער האָט געזאַגט, נאָר פלוצים האָט ער זיין געלעכטער איבערגעהאַקט און זיך דערשראָקן פאַר

שטיינבערגס קלאַפּ אין טיש, פאַר זיינע משוגענע אויגן, פאַר זיין משו־געָנעם אויסגעשריי:

— איך זאָג: לאָזט מיך אָפּ!

— איך זאָג: מען האָט געהרגעט מיין ווייב און מיין קינד!..

## II

ער האָט זיך געלאָזט קיין טעריעוו, ווי ער שטייט און גייט — אין די זומערדיקע רויטאַרמייִשע קליידער, אָן אַ שינעל אַפילו. און אַ געפיל איז ביי אים געווען, ווי דאָס פאָרט נישט ער און עפּעס יאָ ער. אין טאַש האָט ער בלויז געהאַט אַ רעוואָלווער און צווישן טשאַד, וואָס אין קאָפּ, האָט ער געהאַלטן פעסט דעם באַשלאָסענעם פּלאַן: ער וועט אָנקלינגען צום דאָקטאָר פּשיבולסקי ביי דער טיר פון גלעזערנעם גאַניק. ער וועט אָנקלינגען אין יענעם זעלבן גלעקל, אין וועלכן די מעוברתע הענקע האָט געקלונגען, איידער מען האָט זי דערהרגעט, ער וועט אַריינקומענדיק אַהין אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער און וועט זאָגן צום דאָקטאָר פּשיבולסקי: „דריי זיך אויס צו דער וואַנט — — ק סטיענקע, מערזאַוועץ!".

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געפאָרן אין צוג, — אַקעגן אַנ־דערטהאַלבן מעת־לעת — האָט ער געזען פאַר זיך בלויז אָט דאָס בילד: ער שטייט מיטן רעוואָלווער אין האַנט אַקעגן דעם דאָקטאָר פּשיבולסקין, דער זעקספּודעוודיקער פּשיבולסקי ליגט אין אַ טייך בלוט ביי זיך אין קאַבינעט.

און ווייל ער האָט מיט אַ מאָדנער קלאָרקייט געזען פאַר זיך בלויז אָט דאָס בילד, האָט ער דעריבער אויפן גאַנצן וועג פאַרזען אַרום זיך אַלע אַנדערע בילדער, נישט באַמערקט די מענטשן, מיט וועלכע ער פאָרט, כאָטש אין די צוגן איז, ווי בכלל אין יענער צייט, געווען לעצט־ענג. און אַלע זענען געשטאַנען אויף די פיס, און מענטשן האָבן נישט בלויז זיך געדרייט אַרום אים, נאָר זיך געריבן אָן אים, אים געשטויסן ווילנדיק, צי נישט־ווילנדיק. און איינמאָל, ווען מען האָט אים שוין צו שטאַרק געשטויסן, האָט ער אויך דאַן אַ טראַכט געטאָן נישט וועגן זיי, נאָר וועגן זייער מיאוסקייט, וועגן דעם, וואָס ער קען

זיי — ער ווייסט, אַז ווען ער גלעטשט זיך אויס צווישן זיי און פּאַלט אום, וואָלטן זיי גלייך אָנגעהויבן טרעטן אויף זיין קערפּער און וואָלטן געווען צופרידן, וואָס זיי איז געוואָרן גראַמער.

און נאָך אַנדערטהאַלבן מעת־לעת, אַז ער איז מיט טאָגליכט אַרויס פונעם וואַגאָן און האָט זיך אָוועקגעלאָזט צופוס פונעם לעצטן וואָקזאַל, איז אים געווען אַ גרויסער וווּנדער, וואָס חוץ דעם דאָקטאָר פּשיבולסקין, וועמען ער דאַרף שיסן, איז איצט, נאָך דער שחיטה, ווי פאַר דער שחיטה, נאָך אַלץ פאַראַן אונטערן באַרג אַ שטאָט, וואָס הייסט טעריעוו, און הייזער און גאַסן זענען דאָ נאָך אַלץ פאַראַן, און אַ מאַרק — אַן אַלטער, אַ קיילעכיקער, אַ ברוקירטער מיט קרומע הייזער, וואָס קוקן מיט אַן אַלטן בליק פון הונדערט צוואָנציק און פון הונדערט פופציק יאָר, מיט אַפּאָר איינפאָרן, און מיט אַ ווייסן שטאָט־קלויסטער אין רעכטן עק — אַ געוויינלעכער ריין־אויסגעקערטער מאַרק...

ס'איז געווען ביי זון־אויפגאַנג און אין די זייט־געסלעך האָט, ווי ביי געוויינלעכן זומערדיקן זון־אויפגאַנג, געשמעקט מיט נעכטן־אויסגעגאָסענעם ציבער, מיט אַנטלויפנדיקן נאַכט־שאָטן, מיט פערדישן קיזיק. אים האָט עמיצער, אַפּנים, דאָרט אין די זייט־געסלעך דערזען; עמיצער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער איז געקומען, און דענטסמאָלט איז זיין שוויגער — אַן עלטער מענטש שוין — אַרויסגעלאָפן צו אים אין דרויסן מיט אַ געוויין, מיט וועלכן ווייבער לאָזן זיך צום אָרון־קודש, מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— אוי, מאָטי!.. אוי, מאָטי!..

און דער שווער — נאָך אַ מער עלטערער מענטש — איז געבליבן אין שטוב און האָט דאָרט געקאָכעקעט — אַפּנים, נאָך פון ביינאַכט אָן — מיט אַ לאַנגן יאַדעשליוון הוסט, און געדאַכט האָט זיך: דער הוסט איז פיל עלטער פון אים, דעם שווער אַליין. און נאָך האָט זיך געדאַכט: ער הוסט אומיסטן, כדי ער זאָל נישט דאַרפן אַרויסגיין אַקעגן. און דענסטמאָל, אַז שטיינבערג איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָט ער דאָרט צו אַלעם ערשט אַ קוק געגעבן נישט צום שווער, נאָר צו דער קיך, וווּ עמעצער פאָרעט זיך, ווי מיט ברויט־באַקן, און אַ טראַכט געטאָן האָט ער אויך נישט וועגן שווער און נישט וועגן קיינעם, נאָר בלויז וועגן דעם פאַקט, וואָס אָט:

— אַ דינסט, פונדעסטוועגן, האַלט מען...

אים האָט דאַן גלייך אָנגעכאַפּט אַן אומבאַשיידענער עקל, און אַ אַ טראַכט געטאָן האָט ער בײַ זיך, צי האָט ער נישט דאָ אין טעריעוו קיין מער נאָענטע מענטשן, צו וועמען ער האָט איצט, באַלד נאָך זיין קומען, געדאַרפט אַרייַנגיין.

דערנאָך איז ער, פול מיט אָט דעם עקל, געזעסן מיט שווער-און-שוויגער בײַם טיש, און דערלאַנגט האָט מען פון קיך טיי מיט מילך — מיט געפּראַזשעטער מילך, וואָס איז אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אין אויוון — און אַלע האָבן געשוויגן. דער שווער האָט צו אים נישט געקוקט און האָט ווידער געהוסט, אַפּנים — כּדי נישט צו רעדן. און פּלוצים האָט דער שווער זיך אַ וואַרג געגעבן מיטן אויס-געהוסטן לייכעץ, וואָס ער האָט אַ פול מויל, נישט אויסכראַקענדיק דעם לייכעץ, זיך אונטערגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אויפן טיש, אַ גלעט געטאָן מיט די פינגער פון דער צווייטער ציטערדיקער האַנט די סעראַטע און, פאַרגלאָצנדיק די אויגן, מיטן לייכעץ אין מויל אַ זאָג געטאָן:

— מען האָט מיך פיין געשטעלט צום צעטל.

ער האָט אַ קוועטש געטאָן דעם טראָפּ אויפן לעצטן וואָרט.

ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לייכעץ, באַקומען פאַרטערטע אויגן און האָט צוגעגעבן:

— מען האָט מיר באַראַבעוועט מיין קראָם... אפשר אויף הונ-דערט מיט צוואָנציק טויזנט רובל האָט מען מיך באַראַבעוועט...

דענסטמאָל האָט שטיינבערג אַ היפּשע ווײַלע אויף אים געקוקט און געטראַכט וועגן דעם, וואָס די אויגן, די נאָז, דאָס מויל — אַלע אברים, וואָס זענען בײַ העבקען געווען זייער חנעוודיק און שיין, זענען בײַ אים, דעם פאָטער אירן, מיאוס און העסלעך. אים איז דערבײַ אַרויף אויפן זינען, אַז ער האָט זיך אומזיסט צוגעאײַלט מיט די ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אין דאָרף אַקעגן פעלד-שפּיטאָל זיך געווענדט צום דיוויזיע-קאָמאַנדיר:

— „איך שנייד טיבוף".

און אַ וווּנדער איז אים געווען, וואָס אָט די ווערטער זענען גאָר צוגעפּאַסט צו אָט דעם שווער זייַנעם.

— ס'איז נישט קיין מענטשן. — האָט ער, קוקנדיק אויפן שווער, אַ טראַכט געגעבן.

דאָס געפיל, וואָס הייסט רחמנות — אַ געפיל, וואָס ער האָט, אַגב, אויך פריער זעלטן-ווען געהאַט — האָט אים איצט אינגאַנצן אויפגעהערט צו פעלן, און די אומקלאָרע השגה, וואָס ער האָט וועגן זיך די לעצטע טעג געהאַט, איז פון דעם אויגנבליק געוואָרן ביי אים אַ קלאָרע און אַ פאַרגליווערטע — אַן השגה וועגן אַ מלאך-המוותדיק-טרוקענער באַשעפעניש, וואָס איז אַהער אַראָפּגעקומען צונעמען אָן שום וואַקלענישן דאָס לעבן ביי אַ זעקספּודעוודיקער בריאה, וואָס הייסט פּשיבולסקי. און נאָך איין זאַך איז אים געוואָרן קלאָר:

אַנדערע זענען נישט בעסער פון פּשיבולסקין, און לעבן צווישן זיי איז מיאוס.

אין יענעם זעלבן פרימאָרגן, ווען די זון, וואָס האָט אָנגעגליט די שויבן פונעם דאָקטאָר פּשיבולסקיס גלעזערנעם גאַניק, האָט שטאַרק געוואַרעמט און געררויטלט די פּאָמידאָרן מיט די פעפערלעך, וואָס ליגן מאָדנע רויק אויף אַלע פענצטערדיקע ביישטידלעך און האַלטן רויק אין פאַרטיק ווערן, איז שטיינבערג געשטאַנען ביים דאָקטאָר פּשיבולסקין אין קאַבינעט, געהאַלטן דעם רעוואָלווער אין דער אויפ-געהויבענער האַנט און איז געווען שטאַרק פאַרחידושט, וואָס דאָס בילד איז אַרויסגעקומען לחלוטין אַנדערש, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט:

אויף דער פּריצישער קאַנאַפּע איז אין ווינקל שטאַרק צונויפ-געקוצירובעט געזעסן דער זעקספּודעוודיקער, נקביש-ווייסער און נקביש-ווייכער דאָקטאָר, פאַרשטעלט מיטביידע פּעטע הענט דאָס פּנים, און אין גרויס שרעק, מיט אַ קול, וואָס איז דערוואָרגן פון שווערער אַסטמע, געבעטן רחמנות ביי אים, דעם מלאך-המוותדיק-טרוקענעם.

— פאַרשיוויעץ, — האָט שטיינבערג זיך געוווּנדערט, וואָס די ווערטער, וואָס ער רעדט איצט, זענען לחלוטין נישט יענע, וואָס ער האָט צוגעגרייט, — זאָג: פאַרוואָס האָסטו געהייסן אָפּוואַשן דאָס בלוט?.. דאָס בלוט אויף די טרעפּלעך לעבן גאַניק...

ער האָט געזען, ווי די גוידערדיקע בריאה הייבט זיך פון קאַ-נאַפּע פּאַמעלעך אין גרויס שרעק, זי פאַלט אים צו די פיס, פּויזעט

אַרום זיינע טריט, קושט זיינע רויטאַרמייִישע שטיוול. און דענסטמאָל איז מיט אים געשען דאָס, וואָס אים איז די גאַנצע צייט אַפילו איינ-מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז עס קאָן מיט אים געשען: ער האָט פּלוצים דערפילט צו אָט דער פעטער פויזנדיקער בריאה דאָס זעלבע געפיל, וואָס ער האָט פריער דערפילט צום שווער, בעת יענער האָט אַראָפּגע-שלונגען דעם לייכעץ:

— ס'איז נישט קיין מענטש, ס'שטינקט... — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

און אין דער זעלבער רגע האָט ער דערפילט, אַז אויסשיסן אין אָט דער בריאה איז אים פונקט אַזוי מיאוס, ווי אים וואָלט געווען מיאוס אויסצושיסן אין שווער.

— נאַ, — האָט ער געזאָגט, באַהאַלטנדיק דעם רעוואָלווער צוריק אין טאַש, — איך שענק עס דיר אַ נדבה, דיין שטינקענדיק שטיקל לעבן... נישט מחמת רחמנות, נאָר ווייל מיר איז מיאוס אין דיר צו שיסן. האַלט זיך מיט דעם!

און ערשט נאָכדעם, ווען ער איז שוין געהאַט אַרויסגעגאַנגען צוריק אינדרויסן אויף דער זון, וואָס גליט די שויבן ביים גלעזערנעם גאַניק, האָט ער זיך דערמאָנט, וויאַזוי פּשיבולסקי האָט פונדעסטוועגן נאָך אָט די ווערטער אַרויסגעוויזן גרויסע פרייד און האָט שיער נישט געטאַנצט, וויאַזוי ער האָט אים, שטיינבערגן, אַרויסבאַגלייט מיט ציטערנדיקער שמחה און וויאַזוי ער האָט דערביי פון דאַנקבאַר-קייט צו אים, שטיינבערגן, נישט אויפגעהערט אין גרויס אויפרעגונג זיך צו שווערן:

— ס'וועט בלייבן צווישן אונז... קיין פליג אויף דער וואַנט וועט נישט וויסן... קיין פליג אויף דער וואַנט וועט נישט וויסן...

דענסטמאָל איז געווען ביי טאָג, און צו אים — צום שווער, פונ-וואַנען ער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין אומבאַמערקט — איז מיט האַלב-משוגענע אויגן, מיט אַ האַלב-משוגען, לאַנג נישט געגאָלט און לאַנג נישט געוואַשן פּנים געקומען דער אָרטיקער לערער פרידקין — יענער זעלבער, וואָס האָט ערב-פּאָגראָם אָנגעפירט מיט דער טעריטעוועדער זעלבשוץ. פרידקינס יונגע ליפּן זענען געווען בלאַס און האָבן געצי-טערט, ווי ביי אַ זקן, און אַליין האָט ער געהאַלטן אין איין ציפּן די

שטעכלקעס אויף זיין פאַרוואָקסן פּנים, אין איין ווילד־צעטראָגענעם קוקן מיט די אויגן און אין איין געבן ענטפערן אויף פראַגן, וואָס מען פרעגט אים גישט.

— פּטור, נו...

— דער פאָלק, וואָס שטייט איצטער אין שטאָט? פּטור, נו...

— אַ סאָוויעטישער פאָלק איז ער? פּטור, נו...

ער האָט דערציילט, וויאַזוי די זעלבשוץ — אַ מענטשן אַכצן — האָבן העכער צוויי מעת־לעת נישט אַריינגעלאָזט די באַנדע פון דער וואָקזאַל־זייט, נאָר נאָכדעם, אַז ביי דער זעלבשוץ איז אויסגעגאַנגען קוילן, האָט מען גאַנצפרי, ביי זון־אויפגאַנג, זיך געמוזט אומקערן אין שטאָט אַריין, און ווען מען האָט זיך אומגעקערט, האָט מען דער־זען, אַז אין שטאָט האָבן זיך שוין אַלע באַהאַלטן — ווער, ווו עס האָט געקאָנט, און אים, פרידקינען, האָט דאָ קיינער נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין שטוב:

— פּטור, נו... ווייל איך האָב דאָ נישט קיין קרובים און ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז איך האָב אָנגעפירט מיט דער זעלבשוץ.

אים איז אויסגעקומען זיך אַרומדרייען איינער אַליין איבער די פּוסטע גאַסן.

— גיי איך מיר אַזוי פּאַמעלעך באַרג־אַרויף און באַגעגן קיינעם נישט ביז קאָנאָוואַלאָווס גוישן געסל, און ביי קאָנאָוואַלאָוון אין הויף איז אויך קיינער נישטאָ, און דער טויער פון דער שאָפּע איז דאָרט אַביסל אָפן — אַ פּוסטקע. פּטור, נו, טראַכט איך, איך וועל אַריינקו־מען אין שאָפּע.

ער איז אין שאָפּע אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם און זיך אַנידער־געלייגט אויפן היי. דערנאָך האָט ער דערזען, אַז אין שאָפּע צווישן אָנגעהאַקטן האָלץ און צווישן דער וואַנט איז געבליבן אַ ליידיק אָרט, ווו מען קאָן זיך באַהאַלטן. ער האָט פונעם בוידעם גענומען אַהין אַראָפּלאָזן די פיס, שטופּט ער און שטופּט אַהין די פיס און פילן פילט ער: ער טרעט אָן אויף עפּעס לעבעדיקס, און הערן הערט ער: מען שעפּשעט זיך. ער קוקט זיך אום — פּטור, נו... צווישן דער וואַנט און צווישן האָלץ האָט זיך באַהאַלטן ליפּע ליכט־מאַן מיט זיין ווייב און מיט זיינע קינדער. ליפּעס ייִנגעלע, וואָס

האָט געלערנט אין שול, האָט זיך דערפרייט: „אוי, אָט איז דער לע־רער פרידקין!", נאָר ליפּע מיט זיין ווייב האָבן דאָס קינד געקנייפּט, עס זאָל שווייגן, און אַליין האָבן זיי אָנגעהויבן בייז צו שעפּטשען און צו פּאָדערן פון אים, פרידקינען, ער זאָל אַוועקגיין, ווייל ער האָט אָנגעפירט מיט דער זעלבשוץ, און איבער אים וועט מען אויך זיי הרגענען. „גייט אייך פונדאַנען! גייט אייך פונדאַנען!" האָבן זיי אויף אים געבליצט מיט די אויגן, זיי האָבן אים געשטויסן מיט די עלנבויגנס:

— פּטור, נו... איך האָב געמוזט אַרויסנעמען דעם רעוואָלווער און ביי זיי פרעגן: עס וועט נישט זיין שטיל?.. נו און ווייטער?.. וואָס זאָל זיין ווייטער? פּטור, נו...

אַז דער פּאָלק, וואָס האָט פאַרטריבן די באַנדע, איז אַריין אין שטאָט, איז אים, פרידקינען, גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז עס קאָנען זיין אַזעלכע פּאָלקן, וואָס שטייען שטאָל־און־אייזן פאַר די סאָוויעטן און הרגענען קאָמוניסטן און ראַבעווען אַליין אונטער. אויפן דריטן טאָג האָט ער פון קאָנאָוואַלאָווס בוידעם דערזען, ווי עס גייען דריי מיט ביקסן און מיט רויטע שטערן אויף די היטלען. ער איז געשווינד אַראָפּגעלאָפן צו זיי און האָט יעדן פון זיי אָנגעכאַפּט פאַר די הענט: „טאָוואַרישטשי! — האָט ער געוואָלט זיך מיט זיי צעקושן, — טאָ־וואַרישטשי!", נאָר יענע — געזונטע, אייזערנע — האָבן זיך ווי דער־שראָקן פאַר זיין אויסזען און פאַר זיין פריילעכן געשריי. „ווער ביסטו?" — האָבן זיי ביי אים געפרעגט. זיי האָבן דערהערט, ווי ער שרייט פריילעך אויס: „אַ מיטפילנדיקער קאָמוניסט בין איך!" און האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רציחה: „קאָמוניסט?!... טאַק ק סטיענקע ראָמטערדרי־באָם!", און זיי האָבן אַלע דריי אויף אים אָנגעשטעלט די ביקסן. ער, פרידקין, פּטור, נו... ער האָט זיך קוים ביי זיי אויס־געבעטן... אַ?.. און וואָס וועל איך איצט טאָן?..

פרידקין איז געווען ביז גאָר פאַרוווּנדערט, וואָס מען שטעלט אים גאָר אָט די פראַגע:

— פּטור, נו, — האָט ער געענטפערט, — וואָס פאַר אַ פראַגע? איך האָב איין אויסוועג, איך טרעט אַריין אין דער פּאַרטיי.

עס איז געווען בייטאָג, ווען פרידקין איז אַוועקגעגאַנגען, און

שטיינבערג, וואָס האָט נאָך אַלץ אַרומגעשפּאַנט הין־און־צוריק, האָט געדענקט די גאָרע אַרומיקע מיאוסקייט, פון וועלכער פרידקין איז אַרויס מיט משוגענע אויגן, און באַמערקט האָט ער דערביי, ווי דער שווער האָט זיך, פאַר הענקעס טויט, צוגעלייגט דרעמלען נאָכן עסן, ווי די שוויגער העלפט אין קיך דער דינסט — אַפּנים צוגרייטן עפּעס אויף וועטשערע העלפט זי איר, און עס קומט אויס, אַז נאָך אַלץ, וואָס איז געשען, איז ער, שטיינבערג, דאָך אַ גאַסט, און דערפאַר וועט די וועטשערע הייַנט איינאָוונט זיין אַ בעסערע, ווי אַלע טאָג... אים איז דערפון געוואָרן ביז גאָר שווער, האָט ער זיך שטיל אַרויסגעגנבעט פון שטוב, זיך אַוועקגעלאָזט צופוס צום וואָקזאַל און שפּעט בײנאַכט, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע, זיך דאָרט דערוואַרט אויף אַ מסוכן־געפּאַקטן צוג, וואָס גייט קיין קיעוו. מען האָט זיך געשטופּט דעם גאַנצן וועג — אַנדערע האָבן אים געשטופּט, ער האָט געשטופּט אַנדערע — אים איז דאָס געווען אַלצאיינס. ער האָט זיך דערמאַנט, אַז מען קאָן טאָן מיט זיך אַליין, דאָס וואָס ס'איז געווען מיאוס צו טאָן מיט פּשיבולסקין, און אים האָט אויפגעהערט צו ווערן סיי שווער, סיי גרינג, פּונקט ווי אַ זאַך, וואָס ווערט געדריקט פון אַלע זייטן מיט אַלצאיינע שווערקייטן, הערט אויף צו וועגן אַוועלכע נישט איז וואָג.

III

אין קיעוו אויף די גאַסן האָבן קאָקעטיש געקלאַפּט ברעטלעך פון הילצערנע סאַנדאַלן, און זון איז געווען אַסך, אַסך.

זון און קלאַפּעריי פון הילצערנע סאַנדאַלן — דער געזאַנג פון יענעם זומער.

גאַסן אָן טראַמווייען — טויטע גאַסן. אָפּגעברענטע מויערן אויף די ראָגן, דורכגעלעכערטע פענצטער, באַדעקט מיט אַזוי פיל לאַטעס, וויפל מאָל די שטאָט איז באַשאָסן געוואָרן, וויפל מאָל זי איז איבערגעגאַנגען פון מאַכט צו מאַכט. נאָר גלוסטעניש האָבן געפלאָסן, ווי אַ טייַך, ווי דער זוניק־זילבערנער דניעפּער, וואָס מען זעט אַרויס פון די

בערג — גלוסטעניש‎ן צו ברויט, וואָס איז טייער, צו קליידער, וואָס פעלן אויס, צו זומערדיקער זון פון מאָרגנדיקן טאָג.

ס׳איז געווען בייטאָג, ווען מען האָט אויסגעשאָטן פון אַלע סאָוויעט־אַנשטאַלטן — אָן אַ שיעור אַנשטאַלטן — און די גאַסן האָבן אויסגעזען, ווי פאַר דער מלחמה, ווי אין אַ הייסן אויגוסט־טאָג, ווען עס פאַרפלייצן זיי אָן אַ שיעור נייע סטודענטן און קורסיסטקעס, פּראָווינציעל־חנעוודיקע, פולע מיט דורשט אָנצופרעסן זיך אויף גיך, אויף גיך מיט גרויסער שטאָט.

ס׳איז געווען בייטאָג, ווען זון האָט פאַרגאָסן איין זייט קרעשטשאַטיק און שאָטנס האָבן געקילט זיין צווייטע זייט, און שטיינבערג איז דענטסמאָל קווער צוגעקומען פון דער זוניקער זייט און האָט מיטאַמאָל דערזען די גאַס מיט די איבערגעפולטע טראָטואַרן, מיטאַמאָל דערהערט דאָס קאָקעטישע קלאַפּערײַ פון די הילצערנע סאַנדאַלן. זיין באַציונג צו דער גאַנצער גאַס מיט מענטשן, צו אָט די אַלע, וואָס ווילן לעבן פאַר יעדן פּרייז — אַ מלאך־המוותדיק־טרוקענע באַציונג פון אַ גרויסן מפונק צו אַ בר־מינן; זיין באַציונג צו דער זון אַרום אים — ווי צו דער לעצטער זון, וואָס ער זעט אין זיין לעבן, און אין אים — אַ זיכ׳ערקייט, אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי — אַ זיכערקייט אָן שום באַשלוסן— היינט מאַכט ער אַן עק.

פאַרשוויצט, פאַרטויבט דורכאויס מיט אַלע זיינע אינעווייניקסטע חושים, איז ער לאַנג געגאַנגען אַרויף־גאַס מיט דער זון, געבלאָנקעט זיך צווישן פיל מענטשן, ווי איינער אַליין אין אַ מדבר. פאַרוווּנדערט אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט נאָך דורשט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בודקעלע אויסטרינקען וואַסער. דאָרט צווישן דעם מענטשן־פּלאָנטער, וואָס פליסט פון פיר ראָגן, האָט ער האַרט ביים בודקעלע דערזען אַ יונגן באָרוויסן גוי — אַפּנים אַן אַרבעטער, וואָס האַלט אַ וויינענדיק קינד אויף די הענט און דינגט זיך מיטן פאַרקויפער פאַר אַ שטיקל שלעכטן שאָקאָלאַד. דאָס קינד רייסט זיך צום שטיקל שאָקאָלאַד מיט ביידע הענטלעך, מיטן גאַנצן שטאַרק־פאַרקרומטן וויינעדיקן פּנימל, און דער גוי מיט זיין יונגער גוייע, וואָס שטייט לעבן אים, הערן זיך נישט אויף מיטן פאַרקויפער צו דינגען, זיך דינגען מיט אימפּעט, ווי אויף אַ יאַריד: די פּרייז, וואָס מען וויל ביי זיי, איז פאַר זיי אַן אוממעגלעכע,

זיי שווערן זיך, אַז זיי פאַרמאָגן נישט אַזויפיל געלט. שטיינבערג האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל שאָקאָלאַד פון גויס הענט, אַ כאַפּ געגעבן נאָך אַפּאָר שטיקלעך פון יענע, וואָס ליגן אויפן געעפנטן לאָדן, און האָט זיי דערלאַנגט דעם וויינענדיקן קינד אין די אויסגעשטרעקטע הענטלעך. דער יונגער גוי האָט זיך ווי דערשראָקן פאַר שטיינבערגס אויסזען, פאַרן כעס, מיט וועלכן ער צעצאָלט זיך מיטן פאַרקויפער, נאָר זיין גייץ האָט אים גלייך געטאָן אַ שטויס מיטן עלנבויגן:

— גולם איינער! — האָט זי צום מאַן געזאָגט, — וואָס אַרט דיך?.. נעם... זעסטאָך: אַ מתנה...

שטיינבערג האָט גלייך פאַרגעסן אָנעם גוי, אָן דער גויקע, אָנעם קינד, אָן זיין דאָרשט, אָנעם שטופּעניש, וואָס אַרום אים, אָנעם גראַגעריי פון די צייטונגס-פאַרקויפער — אַ גראַגעריי וועגן נייע פּאָגראָמען אין געגנט, וועגן אַ דעניקינישע כמאַרע, וואָס רוקט זיך אויף דער שטאָט פון דרום. מיט אַ געפיל פון אַ מפונק צו אַ בר-מינן. מיט צוריק-פאַרטויבטע חושים איז ער שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט פון בודקעלע, נאָר פּלוצים האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז מען רופט אים צוריק — פיל מאָל רופט מען אים צוריק, נישט ביים נאָמען, נאָר דאָך — רופן רופט מען אים. ער האָט זיך אָן חשק אומגעקוקט און אָפּגעשטעלט אָן חשק דערזען דעם מענטשן-פלאָנטער, וואָס פליסט פון די פאַרבייַיקע ראָגן. קעגנאיבער דעם מענטשן-פלאָנטער איז אַקעגן אויפן טראָטואַר געשטאַנען אַן עלטער מיידל, אַ יידישע, זייער נישט קיין שיינע. אין דעם, ווי איר פּנים האָט זיך שעמעוודיק געקנייטשט, ווען ער האָט זיך אומגעקוקט, אין דעם, וואָס אירע אַ האַנט האָט זיך עטלעכע מאָל אַ הייב געטאָן און זיך מאַכטלאָז צוריק אַראָפּגעלאָזט, בעת זי האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו אים, — אין דעם אַלעם איז געווען קענטיק, אַז דאָס האָט זי אים עטלעכע מאָל גערופן, און נאָך איז גע-ווען קענטלעך: צוגיין צו אים, דעם אומבאַקאַנטן, און אים זאָגן דאָס, וואָס איז נויטיק אים צו זאָגן, איז איר ביז גאָר שווער — זי האָט שוין, ווי עטלעכע מאָל דערויף חרטה געקריגן, נאָר דאָך - צוגיין צו אים עפּעס זאָגן מוז זי.

— האָט קיין פאַריבל נישט. — האָט זי, צוקומענדיק, אָנגעהויבן אויף רוסיש.

איר פנים — אַ בלאַס פנים פון אַן עלטערן זייער נישט קיין שיין מיידל, איר מאַנסבילשע נאָז און מאַנסבילש מויל האָבן אַ ציטער געגעבן, אירע אויגן — פאַרטרוקנטע, ווי פון נאָך לאַנגן וויינען — האָבן זיך אַ קנייטש געטאָן פון וועלן און נישט קאָנען אַ קוק געבן אים אין פנים.

— איך... איך קאָן אייך נישט,—האָט זי גענומען שטאַמלען, — איך האָב אייך נאָר געוואָלט זאָגן...

שטיינבערג האָט ווי אינסטינקטיוו דערפילט, אַז אויף אים רוקט זיך אָן עפּעס אַן אָפּהאַלט, עפּעס אַן אָנשיקעניש. ער האָט געפרעגט אומעטיק און קאַלט:

— וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן? איר קאָנט מיך דאָך נישט.

— ניין, — האָבן ביים מיידל די אויגן זיך באַנייס פאַרקנייטשט פון וועלן אַ קוק געבן אויף אים און נישט קאָנען, — מיינט נאָר נישט, אַז איך וויל עפּעס ביי אייך... איר פאַרשטייט?.. אָט דער גוי... דער באָרוועסער מיטן קינד אויף די הענט... איך האָב אייך געמוזט אָפּשטעלן.

אירע אַראָפּגעלאָזטע הענט זענען געווען שטייף צוגעדריקט צו די זייטן און אויסגעצויגן, ווי ווייט מעגלעך, אירע פינגער האָבן ציטעריק אַ טאַפּ געגעבן דעם זוים פון איר אָרעמלעכן קאָפּטל און זיך ענדלעך פאַרפלאָנטערט אין די טרעלדלעך פונעם שאַרף, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון איר קאָפּ. זי האָט זיך פלוצים אָנגענומען מיט אַלע כּוחות און האָט אויף אים אַ קוק געגעבן דרייסט, כּמעט מיט עזות:

— איר קוקט מיך אָן, ווי אַ משוגענע?

און פלוצים האָט זי ווי חרטה געקריגן אויף אַלץ, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געזאָגט. אין אירע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ בייז פייערל:

— איך ווייס אַליין... איך האָב אייך אפשר גאָרנישט באַדאַרפט אָפּשטעלן... איר זייט מיר אַ פרעמדער, איר זייט מסתּם אויך אַזעלכער, ווי אַלע... איר קאָנט מיך נישט. קומט אַביסל אהער אין אַ זייט, איך מיין: איר וועט אייביק נישט וויסן, ווער איך בין. און דערפאַר קען איך אייך זאָגן: מיינט נישט, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען... איך בין פון אַ שטעטל, פון אַ פּאָגראָם. פאַר מיר אין די אויגן האָט מען געהרגעט..

איך האָב אַליין געזען... מענטשן זענען שלענג, חיות, ערגער ווי חיות — אַ חיה הרגעט נאָר, ווען זי וויל אויפעסן, און נישט גלאַט אַזוי פאַר פאַרגעניגן ווענן. איך בין אַנטלאָפן. איך בין געקומען אַהער אין שטאָט... איר וועט אייביק נישט וויסן, ווער איך בין, דערפאַר קאָן איך עס אייך זאָגן. איך פאָדער דאָך ביי אייך גאָרנישט, מעגט איר עס מיר גלייבן: איך בין געקומען אַהער אין שטאָט זיך נעמען דאָס לעבן, ווייל מענטשן זענען שלענג, זיי הרגענען פון פאַרגעניגן ווענן. איך דאַרף זיי מער נישט... איך בין פון זיי אַנטלאָפן. וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?.. (אירע טרוקן-פאַרוויינטע אויגן האָבן געגומען קוקן מיט אַ בליצל איבער זיין אַקסל און ערגעץ ווייט, ווייט) איך בין פון זיי אַנטלאָפן. וווּהין בין איך פון זיי אַנטלאָפן? אַהער אין דער פרעמדער שטאָט, צו מיין טויט בין איך פון זיי אַנטלאָפן... איך האָס זיי, די מענטשן, איך האָב זיי פיינט... איך שפיי אויף זיי. וואָס הער איך זיי? איך נעם זיך דאָס לעבן. איך גיי אַרום דאָ אין שטאָט, — דעם צווייטן טאָג, אַז איך בין אַהער געקומען, — איך גיי אַרום איבער די גאַסן און זע, ווי זיי זענען פאַסקודנע... מיאוס זענען זיי, שלענג זענען זיי אַלע, אַלע... איך קוק, ווי זיי זענען פאַסקודנע... און מיר ווערט גרינגער — גרינגער זיך צו נעמען דאָס לעבן. אָט דער יונגער גוי מיטן קינד אויף די הענט, דער באָרוויסער... איך גיי אים נאָך פון אָנהייב גאַס אָן, ביי יעדער בודקעלע האָט ער זיך אָפגעשטעלט אויסדינגען דעם קינד אַ שטיקל שאָ- קאָלאַד. ער האָט נישט געהאַט אַזויפיל געלט, וויפל מען האָט ביי אים געוואָלט, צי אפשר האָט ער נאָר געזאָגט, אַז ער האָט נישט. לעבן אַכט בודקעס, האָב איך איבערגעציילט, האָט ער זיך אָפגעשטעלט, און דאָס קינד האָט געוויינט, זיך געריסן צום שטיקל שאָקאָלאַד און געוויינט. און מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען אַזוי פיל, אַזוי פיל — מער גליקלעכע, ווייניקער גליקלעכע... און קיינער פון זיי, — איר הערט? — קיין איינער האָט זיך נישט אָפגעשטעלט, קיינעם פון זיי איז נישט אָנגעגאַנגען, וואָס אַ קינד וויינט און רייסט זיך מיט די הענטלעך צו אַ שטיקל שאָקאָלאַד. האָב איך געקוקט, און אין מיר איז געוואָקסן די פרייד, וואָס איך שפיי אויף זיי, וואָס איך גיי זיך נעמען דאָס לעבן. איך האָב שוין געוואָלט גיין אַהין, ווו איך וועל עס טאָן. מיר איז געווען אַזוי גרינג, אַזוי גרינג און מיטאַמאָל שוין

דאָ, ביים לעצטן בודקעלע... דאָ האָט איר זיך געפונען... איר האָט דערזען, ווי אַ קינד ווײנט און אים געקויפט שאָקאָלאַד... איר האָט מיר קאַליע געמאַכט... איר, איר... איר האָט מיר אַוועקגענומען מיין פרייד. איך שעלט אייך, איך פיל צו אייך די גרעסטע שינאה, וואָס איך האָב אין מיין לעבן געפילט. ווער זייט איר? — איר, וואָס האָט געקויפט אַ וויינענדיקן קינד אַ זיסע זאַך... איר זייט דאָך, מסתּם, נישט בעסער פון „זיי" אַלע... אויך אַ שלאַנג זייט איר... אויך אַ חיה!.. איר האָט מיר פאַרשאַפט אַזאַ ווייטיק! אַזויפיל שלעכטס אין מיינע לעצטע מינוטן איצט... נאָר פון דער אַנדערער זייט... איר זייט דאָך פאָרט דער איינציקער, וואָס האָט באַמערקט, ווי אַ קינד וויינט, ציענדיק זיך צו אַ זיסער זאַך... און איך האָב נישט געקאָנט אַנדערש. איך ווייס אַליין נישט: זאָל איך אייך שעלטן? זאָל איך אייך בענטשן?.. וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

שטייענדיק אַקעגן מיידל, האָט שטיינבערג געהאַט אַזעלכע מינוטן, ווען ער האָט לחלוטין פאַרגעסן, אַז ער שטייט אַקעגן איר. צוערשט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמיצער האָט זי אומיסטן אונטערגעשיקט צו אים, ווי זיינע אַ קאַריקאַטור — עמיצער האָט עס געטאָן מיט אַ כּיוון, אים אויסצולאַכן און אים שטאַרק צו באַליידיקן אין די לעצטע שעהן, איידער ער נעמט זיך דאָס לעבן. אים האָט זיך אויסגעוויזן: ביי דער זייט שטייט עמיצער און חוזקט און לאַכט...

ער, דער מלאך־המוותדיק־טרויקענער מפונק, וואָס באַציט זיך צו אַלע אַרומיקע, ווי צו אַ בר־מינן, האָט פּלוצים זיך דערפילט ביז גאָר בײליק מיט אַלע זיינע געדאַנקען זיך צו נעמען דאָס לעבן, ביז גאָר געראָטן אין דעם עלטערן, זייער נישט שיינעם מיידל, וואָס האָט אַ מאַנסבײלשע נאָז און אַ מאַנסבײלש מויל... און אַזעלכע נישט־שיינע פאַרזעסענע און איבערגעוואָקסענע מיידלעך קאָנען דאָך אָפּט קומען צו געדאַנקען וועגן נעמען זיך דאָס לעבן אין גאַנץ רויקע צייטן, און פּשוט — פשוט, ווייל זיי זענען זייער נישט קיין שיינע, ווייל עס געפינט זיך נישט, ווער עס זאָל מיט זיי וועלן חתונה האָבן. און ווייל ער האָט איצט נאָך אַלע איבערלעבונגען בשום אופן נישט געוואָלט זיין ענלעך צו אַזעלכע, האָט ער עס דעריבער גלייך אַ זאָג געגעבן:

— הערט! — האָט ער מלאך־המוותדיק־טרוקן איר איבערגעשלאָגן, — וואָס דערציילט איר מעשיות? איר וואָלט דאָך גאָרנישט באַמערקט נישט מיך און נישט דאָס וויינענדיקע קינד און נישט אַלע, ווען איר זאָלט נאָר זיין אַ שיינע...

ער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן.

— אָט־אָט־אָט...

דאָס מיידל האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט אין עקסטאַז, אין גרויס דאַנקבאַרקייט:

— אָט־אָט־אָט... טייערינקער, מיאוסינקער, שלעכטינקער!.. איר זייט אויך אַזעלכער, ווי אַלע... גיט אייער האַנט... גיט אייער האַנט...

איידער ער האָט באַוויזן עפּעס צו טאָן, האָט דאָס אויפגעזאָטענע מיידל מיט ציטעריקע ליפּן אים אַ קוש געטאָן אין דער האַנט — אַ קוש געטאָן עטלעכע מאָל מיט פייער, כמעט ווי געביסן, אַזוי אַז זיין האַנט איז געבליבן נאַס פון איר שפּייעכץ.

און איידער ער האָט באַוויזן זיך אומצוקוקן, איז זי אַוועק פון אים מיט דער קווער־גאַס, אַוועק מיט ציטעריקע אַקסלען און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויסגעצויגענע הענט, וואָס זענען שטייף צוגעדריקט צו ביידע זייטן.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען ווי אַן אויפגעוועקטער און האָט דעם מיידל נאָכגעקוקט, — נאָכגעקוקט זיין קאַריקאַטור, וואָס האָט אים מיאוס געמאַכט אויך דעם לעצטן באַשלוס זיינעם, דעם באַשלוס צו נעמען זיך דאָס לעבן.

— איז וואָס קלערט מען איצט טאָן? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מעכאַניש און מיט אַזאַ געפיל, גלייך ער שטייט דאָ אויפן ראָג מאָדנע נאַקעט און מוז זיך געשווינד צודעקן.

ער האָט זיך דערמאָנט אינעם לערער פרידקינס יונגע ליפּן, וואָס ציטערן ווי ביי אַ זקן, אָנעם ענטפער, וואָס פרידקין האָט שוין איינמאָל אויף דער פראַגע געגעבן:

— „פּטור, נו, וואָס פאַר אַ פראַגע? איך האָב איין אויסוועג — איך טרעט אַריין אין דער פּאַרטיי“.

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אינעם פעלד־שפּיטאָל, וואָס אין ווייטן דאָרף לעבן פראָנט, אינעם עלטערן סאַניטאַר און אָן דער „שוועסטער“,

ווען ער האָט דאָרט נישט געענטפערט, בשעת זיי האָבן אים גערופן צוריק אין שפּיטאָל. ער האָט געדענקט, ווי דער דיוויזיע-קאָמאַנדיר האָט אים דאָרט געזאָגט:

— „טייבעלע מיינס... און וואָס דען האָסטו געוואָלט שניידן? ווער זאָל דיר דען געוועזן צוגרייטן גאָלד? גאָלד, טייבעלע מיינס, מוז מען ערשט צוגרייטן... מען דאַרף נאָך דערויף אַביסל צוהאָרעווען".

# הערשל טאָקער

# הערשל טאָקער

## 1

פון באַראַק נומ. 12, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון אַ דאָרף אויף יענער זייט רוסישער גרענעץ, האָט געשמעקט מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזעגעכץ און מיט דעם באַזונדערן ריח, וואָס שמעקט שטענדיק אַרום קראַנקע אויף פלעק-טיפוס. נאָר געדאַכט האָט זיך, אַז די אַלע ריח:ת פילן זיך נישט נאָר פון דעם באַראַק אַליין; מיט יאָדאָפאָרם, מיט דזעגעכץ און מיט פלעק-טיפוס שמעקט דער טיף-דורכגעפוילטער אָסיען, וואָס האָט קיין סוף נישט; מיט זיי שמעקט דער שטאַרק-נידעריקער, קויטיקער הימל, וואָס זיפּט טאָג און נאַכט זיין פליסיקייט, ווי דורך אַ געדיכטער זיפּ, און אויך די צייט שמעקט אַזוי — די גאַנצע צייט, וואָס האָט קיין זון נישט, די צייט, וואָס נאָך אַ קריג.

רעכטס פונעם באַראַק, מיט דעם בלאָטיקן וועג צום שטרויענעם דערפל — אַ דערפל, וואָס פוילט אונטער דעם דריבנעם, קלעפּיקן רעגן — זענען געגאַנגען צוויי סאָלדאַטן מיט גיכע טריט פון מענטשן, וואָס האָבן עפּעס אין דאָרף צו זאָגן. זיי האָבן געפירט אַ נאַסן קודלאַטן הונט אויף אַ קייטל.

אין דאָרף, אין איינער אַ כאַטע, איז געזעסן די גרענעץ-מאַכט און האָט טאָג ווי נאַכט געגאָסן אַרום זיך קאַרבאָל, געגאָסן מיט גרויס מורא אָנצושטעקן זיך מיט דער טיפוס-קרענק, וואָס פרעסט מענטשן אין באַראַק, געגאָסן נאָך מיט גרעסערער מורא צוצולאָזן צו זיך עפּעס אַ פאַרהוילענע געפאַר פון קעגנאיבער דער פרעמדער עזותדיקער גרענעץ, פון דאָרט, פונוואַנען עס פילט זיך אַהער אַ שטענדיקער גאווהדיקער שפּאָט, נאָר אַז מען קוקט זיך איין

דורך בינאָקלען זעט מען גאָרנישט אויסער פוסטע, נאַסע שטרעקעס, און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרטן איז אָסיען — אויך דאָרט גיסט און גיסט דער רעגן.

צווישן די דריי אויסגעפוצטע אָפיצערן, וואָס שפּילן אָן אויפהער אין קאָרטן און האָבן צו שאַפן אין דאָרף איבער אַפּאָר צענטליק סאָל־דאַטן, האָט דעם אומזיכטבאַרן אויבנאָן פאַרנומען דער סאַמע ייִנגסטער און מער פריצישער — אַ ווייבעריש־געפודערטער לייטענאַנט. ער האָט גערדרייט זייער אָפט מיט די נאָזלעכער און מיט די ליפּן, ווי גלייך זיי בייסן אים, נאָר ער וויל נישט קראַצן; ער האָט געדרייט מיט זיי נישט אַזוי צוליב זיין קרומען מויל, ווי צוליב די נאָך מער קרומע און טונקעלע וואָנצעס.

פון אים האָט געשטאַמט דער איינפאַל, אַז אַלע יידן, וואָס קומען אַהער צופוס פון יענער זייט גרענעץ, אַלע, וועלכע געבן זיך אָן פאַר אָרטיקע בירגער און מען איז חושד אין באָלשעוויזם, זאָל מען, ביז די זאַך וועט קלאָר ווערן, נישט אָפּשיקן ווייטער אין לאַנד, נאָר מען זאָל זיי פאַרהאַלטן דאָ ביי דער גרענעץ אין באַראַק פאַר טיפוס־קראַנקע. זיין בריוו, אין וועלכן ער האָט וועגן דעם ראַפּאָרטירט צו זיין „נאַטשאַלסטווע“, האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„אום צו פאַרשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע... לייג איך פאָר“... און אַזוי ווייטער.

פאַר אָט דעם איינפאַל „צו פאַרשפּאָרן אומזיסטע ענערגיע“ האָט ער באַקומען פון זיין „נאַטשאַלסטווע“ אַ דאַנק, אַ ווונק, אַז ער גייט אויפן ריכטיקן וועג און וועט געשטעלט ווערן צום צעטל אויף צו באַקומען אַ העכערן ראַנג. ער האָט גלייכצייטיק דערפילט, אַז ער איז זייער אַ וויכטיקער און וואָגיקער מענטש און אַז פאַר זיין קומענדיקער גרויסער קאַריער איז בעסער, ער זאָל זיין וואָגיקע וויכטיקייט טראָגן אין זיך און זאָל זיין גליק פאַר קיינעם נישט אַרויס־ווייזן.

דער עיקר איז געווען צו בלייבן אויסערלעך קאַלט. וועגן זיין געלונגענעם איינפאַל האָט ער דעריבער געשוויגן, ווי גלייך ער געהערט נישט צו אים אַליין, נאָר צו זיין גאַנצן פיינעם פאָלק,

און אויב, שפּילנדיק אין קאָרטן, האָבן זיינע פריינט פאַרפירט וועגן דעם אַ שמועס, האָט ער תּמיד וועגן דעם געענטפערט נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ שיינעם זשעסט ביים געבן די קאָרט, — אַ זשעסט, וואָס לויבט נישט אים אַליין, נאָר זיין גאַנצע נאַציע. איין זשעסט האָט ביים געבן די קאָרט געהאַט צו זאָגן:

— מיר זענען אייראָפּעער...

אַ צווייטער זשעסט:

— דער עיקר איז טאַקט... טאַקט...

אַ דריטער:

— מיר לערנען ביי די פראַנצויזן, ביים אַלטן רוים.

אַ פערטער זשעסט — מיט אַ בליק צום פענצטער:

— און דאָרט — זיי, פון יענער זייט גרענעץ — ביי וועמען לערנען זיי?

דערביי האָבן ביי אים פון אויפרעגונג נאָך אָפטער ווי תּמיד זיך געדרייט די נאָזלעכער מיטן קרומען מויל.

איצט זענען די צוויי סאָלדאַטן, וואָס פירן דעם קודלאַטן הונט אויפן קייטל, געקומען אָנזאָגן, אַז פאַרטאָג האָט מען מיט דער הילף פונעם הונט געכאַפּט אויף דער גרענעץ „צוויי“ — די ערשטע „צוויי“, וואָס דאַרפן לויט דער נייער פאַראָרדענונג פאַרהאַלטן ווערן אין באַראַק פאַר פלעק-טיפוס-קראַנקע.

דעם הונט האָבן די אַלע דריי לייטענאַנטן געגלעט, נאַס מאַכנדיק די הענט אין דער טיף פון זיין נאַסער האָריקער פעל. ווי פון זיך האָבן אַלע דערפילט, וועמען עס קומט דער ערשטער „כיבוד“ אויסצופרעגן די נייע „צוויי“ און זיי באַזעצן אין באַראַק. דער יונגער לייטענאַנט האָט זיך דערפילט זייער יום-טובדיק. צוליב דער וויכטיקייט פון דער נייער אַרבעט, וואָס שטייט אים פאָר, איז ער אַוועק אין צווייטן קלענערן צימער זיך אויספּוצן. דערצו נאָך איז פּונקט צו יענער צייט פון באַראַק פריילעך, ווי אַן אייגענער מענטש, אָנגעקומען דער דאָקטאָר, און בעת מען האָט דאָ פריינטלעך פון ביידע זייטן געבלאָזן אויף אים מיט קאַרבאָל, האָט ער דערווייל מיט שטאַרק פאַרמאַכטע אויגן דערציילט, אַז ער האָט די „נייע צוויי“ געזען איינדרויסן לעבן באַראַק, אַז איינער פון זיי איז אַ יונגערמאַן, אויף

ווען ״אַלץ״ איז קענטיק — אַ ייד, פאַרשטייט מען, און אַז די צווייטע — אַ יונג מיידל, אויך אַ יידישע:

— טאַ־טאַ... טאַ־טאַ... זי מאַכט זיך גלייך, ווי דעם יונגנמאַן קען זי נישט. נאָר אַליין איז זי... ווי?

אָנשטאָט אַ ווונק צו געבן האָט דער דאָקטאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ קנאַק געגעבן מיט צוויי הויך־אויפגעהויבענע פינגער, אַ קוש געגעבן זיי, ווי נאָך טאַפּן אַ מזוזה, און האָט אַריינגעשריגן אין צווייטן קלענערן צימערל:

— יאָ, פּאַן... עס לוינט... אָנטאָן זיך וואָס שענער!

און מיט אַפּאָר מינוט שפּעטער האָט ער שוין געשפּילט מיט די איבעריקע צוויי ביים טישל. אַריינקוקנדיק אין זיינע קאָרטן, האָט ער אַ ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אויף יונגן מיט די קרומע וואָנצעס, וואָס קומט אַרויס אַ פריש־ראַזירטער און פריש־אויסגעפּוצטער.

— גוט... — האָט ער אַ פּאָנפּע געגעבן צו זיך אין דער נאָז.

און שווער איז געווען צו וויסן, אויף וואָס דער ״גוט״ גייט: אויף דעם אַרעסטירטן מיידל, וואָס ער האָט געזען זיצן לעבן באַראַק, אויף דער אויסגעפּוצטקייט פון דעם לייטענאַנט, וואָס מיט די קרומע וואָנצעלעך, אָדער אויף דער ערשטער האַנט קאָרטן, וואָס אים איז אויסגעפאַלן.

— גוט!... — האָט ער אַריינקוקנדיק צו זיך אין די קאָרטן איבער־געחזרט — אויסגעצייכנט!..

## 11

אײַזדרויסן האָבן געשוויצט שטייענדיקע טונקל־ברוינע וואָלקנס.

עס האָט געמראָקעט דין און פויל, ווי אויף קיינמאָל נישט אויפצוהערן. עס האָט ווען־נישט־ווען אַ שוויצער געגעבן אַ פייגעלע ערגעץ־ווו צווישן פאַרדאַרטע שטעכלקעס און דערנער, וואָס ביי די זייטיקע וועג־גראָבנס — אַ שוויצער געגעבן בייז, אָן ווילן, ווי פאַרקאַטערט.

אַקעגן דעם לייטענאַנט, וואָס שפּאַנט מיט רעסאָרנדיקע אָפיצערישע

טריטעלעך, איז מיט דעם וועג צום דאָרף אָן אָטעם געלאָפן אַ סאָל־דאַט, און אין זיין לויפן האָט זיך געפילט די שלעכטע בשורה, וואָס ער האָט אָנצוזאָגן — אַ שלעכטע בשורה וועגן זיך און יענע אַלע סאָלדאַטן, וואָס היטן אין דער בייטאָגעדיקער וואַרטע דעם באַראַק. נאָענט ליבן אָפיצער האָט ער מיט אַ לעצטן שפרונג זיך אַוועקגעשטעלט אין פראָנט, באַקומען אויסגעגלאָצטע גלעזערנע אויגן, זיך צוגעבויגן, ווי אויף צוצופאַלן אַ פאַרגליווערטער צום אָפיצערס קרומע וואָנצעלעך, און האָט אויסגעפּלאַצט מיט זיין לעצטן אָטעם:

— די מויד איז אַנטלאָפן!...

פון זיין נאָענטן אָטעם האָט אַ בלאָז געגעבן מיט נעכטן־געגעסענע ציבעלעס און קנאָבל און מיט אַלערליי ריחות, וואָס פילן אָן אַן ענגע פויערישע כאַטע.

ביים אָפיצער האָבן נערוועז אַ ציטער געטאָן די נאָזלעכער. זיינע קרומע וואָנצעלעך האָבן זיך אַ בייזן דריי געגעבן אויף איבערצוקרימען דעם סאָלדאַטס ווערטער:

— קקקע!.. וואָס הייסט עס... „אַנטטט־לאָפן”?

דער אויסגעצויגענער סאָלדאַט האָט אַלץ סאַלוטירט, אַ פאַר־שטאַרטער, מיט זיינע הויך־אויפגעהויבענע אַקסלען. זיינע גלעזערנע אויגן מיטן אָפענעם מויל זענען געווען אויסגעליידיקט, ווי ער אַליין — ער האָט מער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. דער אָפיצער האָט פאַר־קלעמט די ציין און האָט פון כעס אויסגעציילט אַלע זילבן, וואָס אין די ווערטער:

— און־דער־צוויי־טער?

דער סאָלדאַט האָט זיך אויפגעטרעסלט, ווי גלייך די מעשה מיט דער אַנטלאָפענער מויד איז אים שוין פאַרגעבן. ער איז ווי געווען צופרידן, וואָס ער קאָן צוגעבן:

— דאָרט... ער זיצט...

און ער האָט מיט אַן אויסגעצויגענעם אַרבל, וואָס זעט אויס ליידיק, ווי אָן אַ האַנט, אָנגעוויזן צום באַראַק־צו.

דער לייטענאַנט איז צוגעטרעטן צום סאָלדאַט נענטער, ווי אויף אים דורס צו זיין, נאָר אַריינגעקוקט גאָר נאָענט אין זיין פאַרוואָרפענער

גלעזערנער צורה, זיך ווי איבערצייגט, אַז זי איז נישט ווערט דעם פּאַטש פון זיין האַנט, און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— מאַרש!!! צוריק!!!

און ער איז מיט זיין רעסאָרנדיק גענגעלע אַוועק גלייך נאָך אים מיטן וועג צום באַראַק.

לעבן באַראַק, אויף אַ הויפן אָנגעוואַלגערטע שטאַרק-אָנגענעצטע שפּענער, איז ווירקלעך געזעסן בלויז איינער — אַ יונגער יידישער בחור מיט גרויסע אויערן אין ביידע זייטן פון זיין נידריק-געשוירענעם קאָפּ און מיט אַ לענגלעך אָפּגעצבּרענט פּנים פון אַ „נאָוואָבראַניעץ".

זיינע אויגן האָבן געקוקט צו דער אָפּגעריסענער שטיק הויט, צו דער פרישער וווּנד, וואָס אויף זיין האַנט, — אַ וווּנד, וואָס ער האָט געקאָנט באַקומען בעת מען האָט אים געשלאָגן אָדער אומגעוואָרפן.

זיינע אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן פּאַמעלעך, זיי האָבן אַ קוק געגעבן צום שטיין-געבליבענעם אָפיצער — גרויסע, טונקל-גרויע אויגן, זיי זענען פול מיט ווייטקייטן, מיט נישט קיין היגער פאַרטראַכטקייט און זענען דאָך פון עפּעס גליקלעך-צופרידן, — אפשר פון דעם, וואָס דאָס מיידל איז אַנטלאָפן גוט.

ביי דער זייט זענען געשטאַנען סאָלדאַטן מבינים און האָבן געזאָגט, אַז אויב מען געפינט זי נישט באַלד, אין די ערשטע פּאָר שעה, איז אַן עק: פאַרפאַלן.

פון אונטער דעם יונגנמאַנס אָפּגעריסענעם מאַנטל האָט זיך אַרויסגעזען אַ שוואַרץ הערצל פון אַ העמדל און אַ קאָלנער פון דעם זעלבן שטאָף; דער קאָלנער איז זייער אַ גראָמער, ווי אַ פרעמדער — ער קנייטשט זיך אַרום זיין דינעם האַלדז.

— מממ!..

דעם אָפיצערס קרומלעך מויל האָט זיך אַ דריי געגעבן אין אַ זייט צוזאַמען מיט די וואָנצעס און מיט דער נאָז, זיך אַ דריי געגעבן, ווי ביי אַ מפונק.

זיין אַנטוישטער בליק האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם אָרעם-געקליידטן בחור:

— פכע!... אַ טרעפל... אַ לאַנג געחלומט טרעפל, וואָס דאַרף דערנענטערן צו דער געוווּנטשטער קאַריער, צום העכערן ראַנג...

— איז, הייסט עס, סך־הכּל... אָט דאָס איז עס?

דער אָפּיצער האָט, באַטראַכטנדיק דעם זיצנדיקן בחור, אַ זאָג געגעבן שטיל, ווי פאַר זיך:

— כאָטש געוווען באַדאַרפט זיך איבערטון... ווי?.. כאָטש געווען באַדאַרפט זיך אויספּוצן, איידער מען לאָזט זיך גיין צו אונז אויף אַזאַ „אַרבעט"...

און ער האָט אַ ווונק געגעבן צו די סאָלדאַטן, זיי זאָלן פירן דעם יונגנמאַן אין דער נאָענטער קליינער בודע.

אין דער בודע איז נישטאָ אויף וואָס צו קוקן. אַלץ איז דאָרט פּייכט, ווי אין אַ דורכגעגעצטער יידישער סוכּה.

בײַם פּייכטן טישל זיצט דער לייטענאַנט פונאַנדערגעשפּרייט מיט זיינע פּאַפּירן און שטרייכט אונטער זיין געהויבנקייט מיט יעדן האַלבּ ליצנותדיקן „אייך", וואָס ער לאָזט אַרויס פון מויל.

— ווי רופט מען אייך?

— הערש.

דער אָפּיצער דערפילט פּלוצים, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו כאַפּן — ער האָט צייט...

— ממ!.. הערש?.. הערש, מענדל, מאָשקע — אַלע אַזעלכע טשיקאַווע נעמען... נו?.. און יעדערער פון אייך וויל זיין צומווייניקסטן טראָצקי?.. ווי?.. פונאַנדערטראָגן די אידעען, ראַטעווען די וועלט?

ער האָט אַ קוק געגעבן צום בחורס גרויסע, טונקל־גרויע אויגן און האָט צו זיין באַוווּנדערונג דערזען, אַז זיי זענען, ווי פריער, ווייט פון אים — אַ גאַנצער מהלך. זיי זענען פול מיט ווייטער, נישט קיין היגער פּאַרטראַכטקייט און זענען דאָך מיט עפּעס גליקלעך צופרידן — אַפּנים, ווירקלעך דערפון, וואָס די מויד איז גוט אַנטלאָפן...

— אייער פאַמיליע? — האָט ער בייז געפרעגט.

— טאָקער.

— אייער געבורט־אָרט?

— נאַריווקע.

— וועלכע נאַריווקע?

ער האָט פון זיין פאָרטפעל אַרויסגענומען אַ העפט און האָט געשאַרט אין דעם מיט אַ פינגער, ווי מען שאַרט אויף צו געפינען אַ וואָרט לויט דעם אלף־בית. ער האָט, געפינענדיק דאָס וואָרט, באַקומען דעם אויסדרוק פון אַ מענטשן, וואָס פוילט זיך אַ שמייכל טאָן:

— נו, יאָ... פאַרשטייט מען... נאַריווקע — אַ שטעטעלע, וואָס האָט אין די צייטן פון קריג אָפּגעברענט, און צוזאַמען מיטן שטעטעלע זענען פאַרברענט געוואָרן אַלע באַוויזן, ווער איז אַן אָרטיקער איינוווינער און ווער נישט... איז אַלע, הייסט עס, זייט איר פון דאָרט — פון נאַריווקע... איר זייט גאָט די נשמה שולדיק... איר קערט זיך אום אײַנפאַך אַהיים... נו, און די יונגע אַנטלאָפענע פרוי אָדער מיידל, זי איז, נאַטירלעך, אויך געווען פון דאָרטן, פון נאַריווקע, הייסט עס?..

דעם בחורס אויגן האָבן אים אַ רגע באַוויזן זייער טיפע, נישט היגע פאַרטראַכטקייט און האָבן גענומען קוקן ערגעץ־וווהין צו אַ דורכגענעצט ווינקל פון באַלקאָן. ער האָט שוין פריער געענטפערט:

— איך ווייס נישט.

— מען האָט דאָך אייך צוזאַמען געכאַפּט!..

— איך קאָן זי נישט.

— ווי?..

דעם בחורס מויל איז געבליבן אָפן, און עפּעס אַזוי אָפן, ווי גלייך קיינער איז אַרום אים דאָ אין דער בודע נישטאָ. דער אָפיצער האָט דערפילט: דעם בחור איז לאַנגווייליק.

שטיל.

— אומזיסט... אומזיסט. — האָט אָפּגעזיפצט דער אָפיצער.

איינקוקנדיק זיך מיט פאַרשמעלערטע אויגן, האָט ער צוגערופן דעם יונגנמאַן נענטער צום טיש, ער זאָל זיך אונטערשרייבן.

— ווילט איר, הייסט עס, מיט אונז פירן אַ שפּיל?

ער האָט דערזען דעם בחורס אָנגעבויגענעם האַלדז־און־נאַקן — אַ נידריק־אָפּגעשוירענער נאַקן — אַ נאַקן פון אַ מענטשן, וואָס לאָזט זיך אין אַ ווייטן וועג אין די צייטן פון עפּידעמיעס... און אָט... אָט דער האַלדז־און־נאַקן — אין אים איז געווען קענטיק די גאַנצע שולד... דער

אָפּיצער האָט מיטאַמאָל ווי חרטה געקריגן, וואָס אַלץ ענדיקט זיך אַזוי גיך.

— ווילט איר אפשר, — האָט ער געזאָגט, — האַלט איר, איך זאָל אייך דערמאָנען, ווי אַזוי עס איז געווען? — די דאָקומענטן האָט געפירט בײַ זיך די יונגע פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן, אָט ווי אַזוי עס איז געווען — ווײַל אַ פרוי איז שווערער צו באַזוכן, נישט אַזוי?

ער האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען הין און צוריק איבער דער בודע.

— ביידן האָט מען אייך געשיקט צו אונז אויף אַרבעט — זאָגט דעם אמת, זײַט זיך מודה: דאָרט, בײַ אייך אינדערהיים, איז שלעכט, נישטאָ פון וואָס צו לעבן, און פאַר אייער אַרבעט דאָ בײַ אונז האָט מען אייך געגעבן געלט. אָבער איר קאָנט דאָך זאָגן, אַז טאָן עפּעס שלעכטס דאָ בײַ אונז האָט איר גאָרנישט געוואָלט. איר האָט נאָר געוואָלט צונעמען דאָס געלט, אַריבערכאַפּן זיך מיט אייער כּלה די גרענעץ האָט איר געוואָלט און דאָ מיט איר חתונה האָבן... אַוועקפאָרן מיט איר פונדאַנען ווייטער... קיין אורוגוויי, צום בײַשפּיל, קיין פּאַלעסטינע... ווי?

— איך קאָן זי נישט, — האָט געזאָגט דער בחור.

אין זײַנע אויגן איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן דער גליקלעך־צופרידענער אָפּגלאַנץ; געבליבן איז אין זיי נישט מער, ווי די ווייטע, נישט־היגע פאַרטראַכטקייט — אַ טיפע, אויף אייביק פאַרעקשנטע.

דער אָפּיצער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורך דער טיר און האָט אַרײַנגערופן די צוויי וואַרטנדיקע סאָלדאַטן.

— אָט וואָס, — האָט ער, רײַבנדיק די וואָנצעס, געזנומען אַראָפּקוקן צום יונגנמאַנס האַנט, וואָס מיט דער רויטער פרישער ווונד, — געסט זײַט איר בײַ אונז אומגעריכטע... קיין פּאַלאַצן האָבן מיר דאָ פאַר אייך נישט צוגעגרייט. ביז מיר וועלן דערגיין, צי איר זײַט ווירקלעך פון באַריוקע, צי ניין, וועט איר מוזן איבערזײַן עטלעכע טעג דאָ בײַ אונז אין באַראַק... אין באַראַק זענען אַפילו פאַראַן קראַנקע... קראַנקע אויף פלעק־טיפוס... אָבער איר מוזט אונז מוחל זײַן. אָביסל זײַט איר אַליין שולדיק... איר האָט אונז פריער נישט

אָנגעזאָגט, אַז איר קומט, – קיין בעסערן פּלאַץ האָבן מיר נישט באַוויזן צוצוגרייטן...

אינדרויסן איז ער נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען – געשטאַנען מיט פּאַרקרומטע וואָנצעס, מיטן פּאָרטפּעל אונטערן אָרעם און געקוקט:

מען פירט דעם יונגנמאַן צום באַראַק. אין דער באַגלייטונג פון די צוויי סאָלדאַטן גייט ער זייער פּאַמעלעך מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ און מיט קורצע טריט, ווי אַ געפּענטעטער; בלויז האַרט ביים אַרײַנגאַנג אין באַראַק שטעלט ער זיך אָפּ, ער דרייט זיך אויס פּאַמעלעך אויף צוריק, און די טיפע, נישט-היגע פּאַרטראַכטקייט, וואָס אין זיינע גרויסע, טונקל-גרויע אויגן, קוקט אין יענער זייט, ווו עס ליגט דאָס לאַנד, פונוואַנען ער איז געקומען, אין יענער זייט, פונוואַנען מען זעט גאָרנישט, אויסער פּוסטע, נאַסע שטרעקעס, און אויסער דעם, וואָס אויך דאָרט איז אָסיען.

עס איז געווען פאַרנאַכט.

דער רעגן האָט אויפגעהערט.

ווייט איבערן פעלד, אינעם שטרויענעם דערפל, וואָס קעגנאיבער נאַסע פּאַרוועלקטע גראָזן, האָט שטיל און נישט זיכער אָנגעהויבן קלינגען אין קלויסטער. די כוואַליעס פון די ערשטע אײַנזאַמע קלאַנגען האָבן דערגרייכט, ווי אַ גרויל, צו די לייבער פון אַ מנין פויערים און פויערטעס, וואָס וואַרטן שוין לאַנג ביים באַראַק, וואַרטן מען זאָל פון דאָרט אַרויסטראָגן דעם קערפּער פון זייערן אַן אייגענעם – אַ געשטאָרבענעם פון פלעק-טיפוס. פאַרוואָרפן איבער די שטאַרק-געבויגענע קעפּ, אין אַ טונקעלער, שלעכט-געפּאַרבטער טרונע האָט מען ענדלעך פון דער ברייט-געעפנטער באַראַק-טיר דעם טויטן קערפּער אַרויסגעטראָגן. דער בחור איז פּאַמעלעך אין דער זעלבער ברייט-געעפנטער טיר אַרײַנגעטראָטן. ער איז געווען העכער פון דער קלענער באַראַק-טיר, ער האָט געמוזט אַביסל אָנבייגן זיין קאָפּ.

אין דאָרף האָט דער קלויסטער אָנגעהויבן קלינגען מער זיכער, ווי אויף אַ געשעענער פאַרפאַלענער זאַך. די פויערים און פויערטעס האָבן אַלע מיטאַמאָל זיך אָנגעהויבן צלמען.

## III

עס געדענקט זיך:

לאַנגע צוויי רייען אייזערנע באַלייגטע בעטן — פֿון זיי שטינקט מיט קאַנפֿער, מיט גוטאַפּערטש און מיט ברוד פֿון קראַנקע מענטשן-לייבער.

מיט הייסער וואַסער ווערט געשייערט דער לאַנגער דורכגאַנג, וואָס אינמיטן באַראַק. פֿון די צופּיל אָנגענעצטע פּאָדלאָגע-ברעטער גייט אויף אַ פֿייכטער וואַרעמער געשטאַנק, ווי פֿון אַ קבצנישן שייערן ערב עמעצנס אַ ברודיקן שבת אָדער אַ ברודיקן זונטיק.

עס געדענקען זיך:

ווייט-פּאַרקאַשערטע מוסקולדיקע הענט, וואָס נעצן אָן און דרייען אויס די שייערנדיקע שמאַטע, און אויך דער שייגעץ, דער איינציקער באַראַק-דינער, צו וועמען אָט די הענט געהערן, געדענקען זיך — אַ העל-בלאָנדער שייגעץ מיט אַ געגאָלט פּנים, מיט אַ נאַקעט-געגאָלטן קאָפּ און מיט העלע, ווי נאַקעט-געגאָלטע היפּשע אויגן; די אויגן האָבן, אַחוץ שייערן די פּאָדלאָגע, ווי נאָך עפּעס אין זין, אָנגעבוי-געגערהייט, איינגעצונדיק און אויסדרייענדיק די שמאַטע, כאַפּט דער שייגעץ אַלעמאָל בליקן צום בחור, וואָס האָט זיך אָנגערופֿן הערש טאָקער און זיצט גאַנצע טעג איינזאַם אויף זיין בעט — דעם שייגעצס בליקן זענען מאָדנע ערנסטע, ריינע, און דענסטמאָל דאַכט זיך, אַז ער אַליין איז אויך פֿיל ערנסטער און ריינער, איידער די אַרבעט, וואָס ער טוט.

עס געדענקט זיך:

אַ קריגערייִ אין ווייטן באַראַק-ווינקל — אַ קריגעניש מיט אַ פּריש-געפֿאַנגענעם באַיאָרטן ייִדן, וואָס וויל פֿאַרנעמען דאָס עקסטע אָפּ-געזונדערטע בעט.

צום באַיאָרטן ייִדן שרייט מען:

— מען זאָגט דיר: „באַזעצט", נישט דיין עסק, זאָגט מען דיר. מען זאָגט דיר: „באַזעצט" — און קריך נישט מער...

און נאָך געדענקט זיך:

די געפּאַקטע באָבעדיק-ווייסע שוועסטער מיטן רויטן צלם אויפֿן

שטערן — זי הייבט אָן צו מעסטן די היץ פון יענעם זעלבן ווינקל, וווּ מען האָט זיך פריער אַביסל געקריגט. איר „קאַזיאָנע" מיילעכל בלייבט פאַרשנורעוועט, ווי דער גאַנצער וועלט אויף צו להכעיס געשלאָסן, און נאָר איר פאַרריסן נעזל טענהט צום באַיאָרטן יידן, אַז עס איז אַלצאיינס, — אַזוי האָט באַפוילן דער דאָקטאָר:

— ביי אַלע, וואָס קומען אַריין אין באַראַק, מוז צוויי מאָל אין טאָג געמאָסטן ווערן די היץ.

דער באַיאָרטער ייד בטלט חלומות:

— וואָס-זשע, איך בין משוגע?.. הערט אַ געשיכטע... איך בין געזונט און שטאַרק, וועל איך מיר פּלוצים לאָזן מעסטן די היץ...

ווי אַ פאַרגוואַלדעוועטער בלייבט ער אויף זיין בעט צעכראַסטעט מיטן טערמאָמעטער אונטער דער פאַכווע, באַר באַלד, ווי די שוועסטער גייט אַרויס פון באַראַק, דערנענטערט ער זיך צום בחור, וואָס זיצט איינזאַם אויף זיין בעט. פון דעם אויבערשטן זשילעט-קעשנקעלע נעמט ער אַרויס אַ צוזאַמענגעלייגטע פּענסנע און זעצט זי אויף רייטנדיק זייער נידריק אויף זיין צעפלאַטשטער נאָז. ער טוט אַ קוק אויפן בחור פון איבער די גלעזלעך, דערזעט, אַז ער איז אַ יידישער, און הייבט אָן מיט אַזאַ היימישן טאָן, ווי גלייך ער זעצט פאָר דעם שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און אָט דעם בחורס זיידעס:

— פּכע!.. וואָס האָב איך פאַר זיי מורא? אַז סך-הכל האָב איך שוין „סיפּנאָי" געהאַט. איך האָב נאָר מורא פאַר אַ „וואָזוורואַטנע", און „וואָזוורואַטנע", דאַכט זיך, הערט מען נישט דאָ, ווי?.. מען הערט נישט?.. איכל טעלעגראַפירן מיין ברודער... כ'האָב דאָ אַ רייכן ברודער.

נאָר דער בחור' זעט אויס, וויל נישט פאָרזעצן דעם שמועס, וואָס צווישן זיך האָבן געפירט זיינע און אָט דעם יידנס זיידעס. ער ענטפערט נישט.

— ווי לאַנג, מיינט איר, קען מען דאָ האַלטן?

דער בחור שווייגט.

— ווי לאַנג זייט איר שוין דאָ?

— דעם פינפטן מעת-לעת.

עס ווייזט זיך אַרויס: דאָס איז די איינציקע פּראַגע, אויף וועלכער מען קאָן אַרויסקריגן אַן ענטפער ביים בחור. דעם יידן פאַרדריסט עס. זיינע אויגן ווערן בייז, ווי נאָך אַ שבתדיקן טשאָלנט.

— אַבעטעך, יונגערמאַן, — זאָגט ער, — וואָס נעמט איר זיך אַזוי איבער? איר זייט סך־הכּל אַ „טונקעלער"...

און מיינען מיינט ער: סך־הכּל אַ „רויטער".

אַז דער ייד גייט אַוועק צוריק צו זיין בעט, קומט באַרוועס אַריין דער פאַררויטלטער דינער — צעכראַסטעט, באַלאָדן מיט פיל קליינע טשייניקלעך אָקרעפּ. ער דערמאָנט: אַ בעדער־יונג אין טיף רוסישע שטעט, ווו שוויץ־באָד איז דער גרעסטער תּענוג. זיין אויסדרוק: צעטראָגענע געטריישאַפט, פאַר וועלכער „קאַזנאַ" צאָלט אים אין הורט. כאַפּנדיק נאַקעט־געגאָלטע בליקן צום בחור, טוט ער דערווייל זיין אַרבעט — ער בייגט צו זיין אויער צו די טרוקענע שעפּטשנדיקע ליפּן פון דעם היציק־הייזעריקן קראַנקן פויער, לעבן וועלכן ער שטעלט אַוועק אַ טשייניקל:

— פּעי, פּעי, — זאָגט ער צו אים, — באַשקאַ־טאָ? טרעשטשיט?

דאָס אַלץ און נאָך אַנדערע קליינקייטן גדענקען זיך — דורכ־אויס קליינקייטן.

דעם בחור האָט מען גערופן אין דער דורכגענעצטער בודע, ווו אין ווינקל ביים נאַסן טישל האָט געוואַרט דער לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך. ער האָט געהאַלטן אין די הענט זייער פיל קליינע ניי־באַקומענע פאָטאָגראַפיעלעך און האָט כּסדר געטייטלט אויף זיי, כּסדר געטיילט זיינע בליקן — איין פאָרשנדיקן בליק אויף דער קליינער פאָטאָגראַפיע, וואָס אין זיין האַנט, און אַ צווייטער — אויפן בחורס אויסגעבלייכטן פּנים.

— פּאַם־פּאַם... פּאַם־פּאַם, — האָט ער זיך צעזונגען, ווי צום טאַקט פון זיינע בליקן, — זאָגט איר, הייסט עס, אַז „צו גאַסט" צו אונז זייט איר איצט געקומען צום ערשטן מאָל?.. וווּנדער... וווּנדער... באַ־שטימט צום ערשטן מאָל?..

ווען דער בחור, וואָס רופט זיך אָן הערש טאָקער, איז באַגלייט מיט צוויי סאָלדאַטן געגאַנגען פון דער בודע צוריק אין באַראַק, האָט ער דערפילט, ווי פאַרנאַכטיקע פייכטקייט נעמט אים דורך און דורך;

זי טוט אים ווי, אָט די פּייכטקייט, שטעכט ווי מיט אומזיכטבאַרע דער־נער זיין לייב און פאַרשפּרייט אַ ברעכעניש איבער אַלע זיינע גלידער. עס זשומעט אין די אויערן, און דער פאַרנאַכט אינדרויסן איז עפּעס ווי נישט קענטלעך — דעם פאַרנאַכט, דאַכט זיך, קומט אַ ברייטער שלום־עליכם מיט דער פראַגע:

— ווער זייט איר?

דעם לייב האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַריין צוריק אין באַראַק, אָבער אויך אין באַראַק האָט נישט אויפגעהערט די ברעכע־ניש מיטן זשומען — אויך דאָרט האָט אין אייגענעם לייב יעדער ווייטיקלעכער גליד געוואָלט, ווי אָפּטשעפּען זיך און זיך באַפרייען פונעם צווייטן. הערש טאָקער האָט זיך איינגעדעקט אויף זיין בעט, און אים איז געווען זייער מאָדנע, וואָס אַלע זיינע ווייטיקלעכע גלידער זענען נאָך געבליבן וואַך, דענסטמאָל ווען זיין גאַנצער קער־פּער איז שוין אַנדרימלט געוואָרן — יעדער גליד האָט זיך געהאַט זיין באַזונדערן זיכּרון, און אין יעדערן פון אָט די זיכּרונס האָבן, ווי אין אַ פּוסטן פאַרנאַכטיקן וואַלד מיט אַן אָנענדלעכער קייט פון ווידער־קולות, זיך געדענקט די ווערטער:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאַ?.. טרעשטשיט?

מיט אַפּאָר אָוונטן שפּעטער האָט מען לייכט אונטערגעשיכורט אין שטרויענעם דערפל ביי די אָפיצערן אין דער כאַטע. פון צווייטן דאָרף זענען געקומען צו גאַסט באַקאַנטע אָפיצערן, וואָס ווייסן שוין פון דער היים אין וואָס באַשטייט דאָ היינט אינאָוונט די שמחה. דעם לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך האָט מען שטעכלדיק־פריינטלעך געדריקט די האַנט, אים מקנא געווען און אים צוגעווונטשן:

— מיט ערפאָלג...

— מיט ערפאָלג...

מען האָט געטרונקען גוטן ווײַן פּאַמעלעך, נישט געכאַפּט, גע־טרונקען מיט „טאַקט” און מיט כּוונה צו דערוויזן איינער דעם אַנדערן אַז מען ווייסט, ווי אַזוי גוטן וויין צו טרינקען. מען האָט גע־רעדט ווייניק, ווייל לייטישע מענטשן רעדן בכלל זייער קנאַפּ. דער דאָקטאָר האָט געוואָלט אַ גענעץ טאָן, די ערשטע האַלב פון גענעץ

איז אַראָפּ ביי אים גלאַט אין פויסט אַריין; די צווייטע האַלב האָט זיך פאַרמאָסטן אויף צו ענדיקן זיך מיט אַ הויכן קוויטשיקל; האָט ער זיך פאַרכאַפּט:

— אַך, יאָ, — האָט ער פאַרשלונגענדיק דאָס קוויטשיקל געזאָגט, — יענער... דער געכאַפּטער, דער יונגער... יענער... מאָדנע... ער איז דאָך קראַנק געוואָרן מיט פלעק־טיפוס...

— ווי?...

די קרומע וואָנצעלעך האָבן געמאַכט אַ נערוועזע באַוועגונג אויף צו געבן זיך אַ קראַץ אָן הענט:

— ווי?.. ווי?.. אַ שאָד, אַ שאָד, אים דאַרף מען היילן, דאָקטאָר... אים דאַרף מען היילן — איך האָב באַוויזן: צו אונז אויף „אַרבעט” קומט ער איצט שוין צום דריטן מאָל. צוויי מאָל איז ער פאַרשוווּנדן פון אונטער די הענט.

און ער האָט אָנגעהויבן קומען אַלע טאָג צום באַראַק, קומען אַן אויסגעפּוצטער מיטן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם און היטן דעם בחורס געזונט.

## IV

אונטער די כוואַליעס פונעם שטאַרקן ביינאַכטיקן פעלד־ווינט האָבן געקרעכצט און געסקריפּעט די ווענט און דער דאַך פונעם הילצערנעם באַראַק — געקרעכצט מיט אַלע ברעטער צוזאַמען און מיט יעדער ברעט באַזונדער.

אין טיפער ביינאַכטיקער שטילקייט האָט זיך געדאַכט: עס קרעכצט און עס סקריפּעט אַ גאַנצע צעלעכצטע ביינאַכטיקע וועלט — זי וויל לעבן און קאָן נישט; זי וויל אומקומען און קאָן נישט.

דער ווינט האָט געשמיסן איבער די דינע ווענט פון באַראַק, און אויך אינעווייניק האָבן געבלאָזן און געבלאָנדזשעט ווינטיקע שיריים, געזוכט זיך אָנצוקלעפּן אָן עפּעס — געזוכט און נישט געפונען. הערשל טאָקער איז געלעגן אין בעט פאַרטראָגן, אין גרויס נאָגעניש

און אין גרויסער היץ, געזעצן פֿאַר זיך אַקעגן אינמיטן באַ־ראַק דעם קליינעם לאָמפּ, וואָס הענגט אַראָפּ מיט אַ דראָטל פֿונעם מיטלסטן באַלקן. פֿון צייט צו צייט האָט ער געעפֿנט די פֿאַרגאָסענע היציקע אויגן, נאָר נישט דערקאָנט דעם פּלאַץ אַרום זיך, געקוקט, געקוקט, ווי פֿון די בלאָנדזשענדיקע ווינטיקע שירעם שאָקלט זיך דער לאָמפּ און זיין פֿלעמל זעצט זיך, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ער שווימט אין אַ גרויסער סקריפּנדיקער תּיבֿה, ווי אין אַ שיף, און דאָס דאָזיקע שווימען איז אַ פֿאַרצווייפֿלטס, אַן אומאָנגענעמס, נאָר קיינער פֿון די אַרומיקע איינגעשלאָפֿענע וויל גאָרנישט נישט טאָן אויף צוצושווימען צו אַ ברעג.

עס איז געווען דער אַכטער אָדער ניינטער מעת־לעת פֿון זיין קרענק, און דער ווינט האָט געבלאָזן, און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען אין פֿאַרטראָגענעם דרימל, אין גרויסער קראַנקער היץ האָט הערשל טאָקער דערפֿילט, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום אים מיט שטילע אומזיכטבאַרע טריט — ס'איז מאָדנע: אַלע אַרום אים שלאָפֿן, און דאָך טונקלט זיך דאָ גאָר נאָענט אַ שטיל־באַוועגלעכער שאָטן, ער איז אי דאָ, אי נישטאָ, ער פֿאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער איינגעהויקערט, ווי מיט פֿאַרשלאָפֿענער געטריישאַפֿט און מיט אַן אומעטיקן בליק, וואָס איז געווענדט צו אים, הערשל טאָ־קער, און צו זיין בעט — דער שאָטן פֿאַרשווינדט און באַווייזט זיך ווידער.

דערנאָך איז הערשל טאָקער אַנדרימלט געוואָרן פֿיל שטאַרקער, אַזויפֿיל שטאַרקער, אַז זיין קראַנקער גליענדיקער קערפּער האָט שוין מער אָט די דרימלדיקע שטאַרקייט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. ער האָט באַלד געמוזט צוריק זיך אויפֿכאַפּן, און אַז ער האָט געעפֿנט די פֿאַרגאָסענע היציקע אויגן, האָט ער גלייך דערזעען פֿאַר זיך דעם קאָפּ, וואָס בייגט זיך איבער אים אָן. זיין גליענדיקער בליק האָט פֿון זייער נאָענט אַריינגעקוקט אינעם קאָפּס אויגן, נאָר זייערע שוואַרצאַפּל נישט דערקענט. זיינע שלעפֿעריקע וויעס האָבן זיך צוריק פֿאַרמאַכט, און דענסטמאָל האָט ער דערהערט, ווי דער קאָפּ שעפּטשעט אים אין אויער אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך:

— פֿילסט זיך שלעכט?.. וואָס? — חבר...

און ווען נאָך עפּעס שעפּטשעט דער קאָפּ זייער שטיל אין זיין אויער: ווען דעם נאָמען פונעם אַנטלאָפענעם מיידל — ער ווייסט איר נאָמען: „יוכבד"... זי האָט געבעטן איבערגעבן: „זי איז גוט אַנטלאָפן און איז געקומען בשלום"... זי איז שוין ביי אַרבעט...

— אַך, יאָ, יוכבד... זי איז גוט אַנטלאָפן...

און ער האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אָנעם אַריבערגעבויגענעם קאָפּ. ער האָט נאָר געדענקט, ווי אַזוי יוכבד איז אַנטלאָפן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז געשען איז דאָס אָקאָרשט נישט לאַנג, אָקאָרשט צוריק מיט אַן אויגנבליק:

ביידע זענען זיי פריער געזעסן אויפן הויפן אָנגענעצטע שפּע־נער, — ער און יוכבד: זיצנדיק, האָט יוכבד פּאַמעלעך און אומבאַמערקט גענומען זיך אָפּרוקן, דענסטמאָל ווען די צוויי צוגעשטעלטע סאָלדאַטן, וואָס היטן זיי, האָבן זיך צוגעבויגן, כּדי צו פאַררויכערן איינער ביים צווייטן אַ פּאַפּיראָס. און איצט זיצט ער שוין אויפן הויפן שפּענער איי־נער אַליין, און יענע אַלע סאָלדאַטן, וואָס זענען אַרויס פון דער בודע און אַוועקגעלאָפן זי זוכן, האָבן זיך שוין פון די נאָענטע קליינע וועלד־לעך און פון די אַרומיקע פוסטע שטרעקעס אומגעקערט — זיך אומגע־קערט אייניציקווייז און אָן איר — הייסט עס: יוכבד האָט זיך באַהאַלטן טאַקע דאָ לעבן באַראַק... נאָענט... זייער נאָענט... אָט אַזוי דאַרף מען שטענדיק טאָן... זעלטן גוט, יוכבד!.. „אָט אַזוי דאַרף מען שטענדיק טאָן, הערט זיך איין, חברים!.."

און די חברים האָבן זיך איינגעהערט און האָבן געגאַפט אויפן שכל, אויף זיין פרייליכקייט און אויף דער אַרומיקער גרויסער פרייד, וואָס קער צו אַלעמען — פרייד! פרייד! פרייד פון חברים איבער אַ גע־שיקטן גאַנג פון דער „אונטער־ערד".

— דער עיקר גליק, חברים, וואָס — קוקט — איך, הערשל טאָקער, האָב פליגל. דער אָפּיצער מיט די קרומע וואָנצעלעך — ער קריכט אויף דער ערד... ער וועט מיך נישט כאַפּן... ער וועט מיך נישט כאַפּן... קוקט — פליגל...

און ער האָט שוין מער נישט געדענקט די ווינטיקע שירייִם, וואָס שאָקלען דעם לאָמפּ אין באַראַק. ער איז איינגעזונקען טיפער אין דער

גרויסער שלעפעריקער היץ און מיט אַפּאָר געשווינדע פּאַך פון זיינע פליגל שוין געווען דאָרט בײַ זיך אינדערהיים צווישן זיינע חברים.

בערל דער רויטער — אַ חבר, וואָס מען רופט אים „וואַנקאַ", פּאַר זיין קראַפט — האָט אים געטרעסלט פּאַר ביידע אַקסלען און האָט צו אים געזאָגט:

— הערשעלע טאָקער!.. איי ביסטו אַ מזיק.

און ביידע — ער און בערל דער רויטער, אַלטע חברים — זענען אַזוי אַ ווײַלע געשטאַנען און האָבן חבריש געלאַכט איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין. אים האָבן פון מאָל צו מאָל אַרומגערינגלט אַלץ מער און מער חברים — אַלע זענען געלאָפן זיך זען מיט אים אין זיין שטעטל בײַ זיין מוטער אין שטוב, ווהין ער איז אַראָפּגעפאָרן ווי גלאַט אַזוי, זיך זען מיט זיין מוטער, נישט אויסזאָגנדיק קיינעם, אַז ער פאָרט אַוועק אויף נייער „אַרבעט". די פאַרנטיקע טיר איז צוליב פריען האַרבסט שוין געווען פאַרשמירט מיט ליים. דורך דער הינטער-טיר און דורך דעם לאַנגן פינצטערן הינטער-הויז זענען אינאָוונט אַריינגעקומען ביידע יאָסלס — יאָסל פון שניידער-פאַריין און יאָסל דער נאַצמען, דער פרעמד-געקומענער מיט די לאַנגע האָר און לעדערנעם לײַבל — אַט דער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געדינט אין דער אַרמיי און רעדט נאָך אַלץ שווער יידיש, און האָט אין זיין לעצטער רעדע, ווי תמיד, געזאָגט „געוויינישע" אָנשטאָט „גאָונישע": „אונזער גרויסע געוויינישע ראַטנמאַכט!"

בײַ זיין אַריינקומען האָט עמעצער אַ געשריי געטאָן אויפן גאַנצן קול:

„אונזער גרויסער געוויינישער חבר הערשל טאָקער".

אַלע חברים האָבן פון דעם מיטאַמאָל זיך זייער שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט, און אויך הערשל האָט זיך געוואָלט פונאַנדערלאַכן, דאָ אין גרויס היץ אין באַראַק ליגנדיק, געוואָלט און נישט געקאָנט...

אַרום אים, אַרום זיין קראַנקן ווייטיקלעכן לײַב האָבן זיך גע-פּאָרעט הענט. ער האָט זיך געוואָלט אויפכאַפּן און האָט נישט געהאַט דערויף קיין צענט-חלק פון דער קראַפט, וואָס איז נייטיק דערצו. אים האָט מען געוועקט, ווי אויף איבערצוקערן אין בעט אויף דער אַנ-דערער זייט. האָט ער סוף-כּל-סוף געמוזט פאַרגעסן אין אַלץ... אין אַלץ... ער האָט געמוזט עפּענען שמאָלע צוויי פּאַסיקלעך פון די

שווערע היציק אָנגעגאָסענע אויגן, אַרויפּציִען מיט גרויס אָנשטרענגונג די ברעמען, דערפילן ווייטיקן, אָן אַ שיעור ווייטיקן און דערזען, אַז די לופט אַרום אים אין באַראַק איז אַ מאָדנע — אַ לופט פון נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט, אַ לופט, וואָס ער, דער קראַנקער, באַנעמט זי שוין זייער שוואַך און פילט זי שוין בלויז מיט שוואַכע שיריים פון געוועזענע געפילן.

אַרום זיין בעט איז געשטאַנען דער דאָקטאָר, די באָבעדיק-ווייסע שוועסטער מיטן רויטן צלם אויפן שטערן, און נאָך עפעס מענטשן פון דער דינערשאַפט. מען האָט מיט גרויס וווּנדער אַרומגעקוקט די ציכטיק-איבערגעבונדענע וווּנד, וואָס אויף זיין האַנט, און מען האָט אַריינגעשריגן צו אים אין אויער זייער הילכיק, ווי צו אַ טויבן:

— ווער האָט איבערגעבונדן?

— אַ?

— ווער?..

מיט דער האַנט אויפן האַרצן האָט די שוועסטער, ווי אין שרעק, דערציילט, אַז ס'איז נישט זי, און חוץ דעם, — זי האָט ווידער אַרומגעקוקט די איבערגעבונדענע וווּנד, — אַז זי קאָן שווערן: דאָ אין באַראַק זענען גאָר אַפילו אַזעלכע איבערבונד-מאַטעריאַלן נישטאָ...

מען איז אַלע ווײַלע געלאָפן צו דער טיר — צום לייטענאַנט מיט די קרומע וואָנצעלעך, וואָס האָט מורא אינעווייניק אַריינצוקומען; מען איז אַלע ווײַלע געלאָפן פון דאָרט צוריק אַהער מיט זיינע פראַגן:

— הייסט עס, אַז דאָ אין באַראַק איז עמעצער געווען, ווי?

— הייסט עס, אַז אין באַראַק דרייען זיך אַרום זייטיקע?

פאַרנאַכט זענען לעבן זיין בעט מיט ליכט אין די הענט דורכגעגאַנגען דער דאָקטאָר, די שוועסטער און דער דינער. זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט נישט געפילט. דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויף אַ טאַפּ צו טאָן דעם קראַנקנס דופק, נאָר באַלד חרטה געהאַט, אַ קוק געגעבן דעם קראַנקן אין פּנים אַריין, אַ קנייטש געטאָן

דעם שטערן און באַווייזן דער שוועסטער זיין פאַרקרומטע צורה, וואָס האָט צו זאָגן:

— נישט קיין סחורה... געפעלט מיר נישט...

---

עס איז געווען שפּעט ביינאַכט, ווען דער ווינט האָט געבלאָזן און דער באַראַק האָט געקרעכצט.

אין לעצטער קראַנקער היץ, מיט לעצטע שפּורן פון געפילן האָט הערשל טאָקער דערפילט, אַז דאָ אין באַראַק געפינט זיך ווידער „ער" — יענער, וואָס קומט אַהער נאַכט-ביינאַכט באָרוועס, אין פאַרשלאָפענער געטריישאַפט, כדי צו היטן דאָ אים, הערשל טאָקער, אויף זיין קראַנקן בעט, כדי זיך דערנענטערן צו אים מיט שטילע טריט, ווי די שטילע ווינטיקע שיריים אַרום הענגנדיקן לאָמפּ, און אים אַריינשעפּטשען אין אויער דעם גרוס פון אַלע חברים, וואָס האָבן ביז איצט צוזאַמען מיט אים געלעבט אין דער „אַרבעט", און אויך פון יענע, אויף דער גאָרער וועלט צעשאָסענע חברים-ליכטלעך, אַ גרוס, אַ פּשוטער — געציילטע ווערטער:

— אַ טשטאָ, טאָוואַרישטש ?.. פּלאָכאָ ?..

און דאָך פילט זיך אין זיי די ברודערלעכקייט פון „זיי" אַלע, געוועזענע, איצטיקע און קומענדיקע, צו וועמען עס נאָגט דאָס האַרץ, און אויך די לעצטע פעסטגעבליבענע טרייסט, וואָס איר נאָמען איז „אייביק" — די טרייסט פון חברים-ליכטלעך:

— נישקשה, חברים וועלן באַזאָרגן... חברים וועלן באַזאָרגן. לאָזט אַ קדיש, חבר...

עס איז געווען אין יענער נאַכט, ווען הערשל טאָקער האָט צום לעצטן מאָל מיט באַוווסטזיין געעפנט די פאַרגלאָסענע היציקע אויגן און האָט באַנייס דערזען פאַר זיך דעם נאַקעט-געגאָלטן קאָפּ, וואָס בייגט זיך אָן איבער אים. זיין גליענדיקער בליק האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג אַריינגעקוקט אינעם קאָפּס אויגן, געוואָלט דערזען אין זיי דעם גליענדיקן פאָדים, וואָס פאַרבינדט אים מיט יענע אייביק-ליכטלעך, און האָט זיי פּלוצים, זייער פּלוצים דערקאָנט — די העלע, ווי נאַקעט געגאָלטע אויגן פונעם באַראַק-דינער, פון יענעם, וועלכער זעט

אויס, ווי אַ יונגער בעדער־יונג, בעת ער טראָגט דאָ פונאַנדער די טשיי־ניקלעך אָקרעפּ און שרייט אַריין צו יעדן קראַנקן אין אויער:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאָ... טרעשטשיט...

— טאָוואַרישטש, — האָט ער געשעפּטשעט אין זיין אויער, — בינטשע דאָקטאָר סקאַזאַל: פּאָמריאָש.

דערביי האָט ער געשטופּט עפּעס אַ ווייכע צוזאַמענגעלייגטע זאַך צו אים, הערשלען, אונטערן צוקאָפּנס, געשטופּט מיט אָנשטרענגונג און געשעפּטשעט צווישן איין שטופּ און צווייטן:

— דאָס איז דיר... די חברים פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע... איבערגעגעבן... די אָרטיקע רויטע פאָן...

הערשל טאָקער האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט זי געוואָלט געדענקען אויף שטענדיק, אויף שטענדיק — אָט די פאָן פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע, וואָס ליגט ביי אים צוקאָפּנס. ער האָט איינגעזונקען צוריק אין שווערער היץ. עס איז געווען ווי אין חלום, ווען ער האָט נאָכדעם איינמאָל קוים, קוים דערפילט עפּעס ווי עמעצנס אַ ריר ביי זיך אויף די ליפּן. אַז ער האָט מיט גרויס מי גאַנץ שמאָל אָן עפן געטאָן די אויגן, האָט ער צום לעצטן מאָל דערזען פאַר זיך דעם אָנגעבויגענעם קאָפּ מיט די העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן. נאָר אַליין האָט ער שוין מער ניט געדענקט, צי די נאַכט איז נאָך איינע און די זעלבע, אָדער זי איז שוין אַ נייע, אַן אייביקע, אַ שטענדיקע.

---

עס איז געווען אין אַפּאָר טעג אַרום.

גאַנצפרי, ווען אין באַראַק האָבן זיך אויפגעכאַפּט מענטשן, וואָס דאַרפן געזונט ווערן, און מענטשן, וואָס דאַרפן שטאַרבן, האָט מען דערזען, אַז דער יידישער בחור, אויף וועמען דער לייטענאַנט קומט אַלע טאָג זיך נאָכפרעגן, ליגט אָן באַוועגונגען אויף זיין צו־געגלעטן געלעגער: ער איז איבערגעדעקט מיט אַ גרויסער רויטער פאָן — אַ סאַמעטענע מיט לאַנגע זילבערנע טרעלדלעך, און אונטער דער פאָן זעט אויס זיין פאַרגליווערטער קערפּער, אפשר צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אַ געוויינלעכער לעבעדיקער. און נאָך זעט ער אויס אונטער דער פאָן:

— באַזונדער... און פרעמד... פרעמד...

מ'האָט מורא געהאַט צו זיין געלעגער צוצוגיין און די ווערטער, וואָס אויף דער פּאַן, איבערלייגען, ווי גלייך מיט איבערלייגען די ווערטער אַליין ווערט מען שוין אויך אין עפּעס פאַרמישט. אין די אַוועק־קוקנדיקע אויגן האָט זיך אָן אויפהער געחלומט: עפּעס רויט, רויטס...

מ'האָט געגעבן צו וויסן אין נאָענטן שטרויענעם דערפל.

אַרום ביין אַזייגער אינדערפרי איז „נאַטשאַלסטווע" מיט פּאַרט־פעלן אונטער די פאַכוועס געשטאַנען אינדרויסן לעבן דער טיר פון באַראַק. דער לייטענאַנט האָט מיט די קרומע וואָנצעלעך און מיט דער נאָז געמאַכט אַזעלכע באַוועגונגען, ווי גלייך זיי בייסן אים, נאָר ער וויל נישט קראַצן. דער דאָקטאָר האָט געביסן די ליפּ און האָט געהאַלטן די הענט מיט די אַקסלען גרייט צו באַווייזן מיט זיי, אַז אים פּאָטופּעט זיך נאָך אַלץ גאָרנישט אין קאָפּ.

און אין באַראַק צווישן די געלעגערס איז דענסטמאָל מיט פּיל טשיינ־יקלעך אָקרעפּ אַרומגעגאַנגען דער באַראַק־דינער, וואָס מיטן נאַ־קעט־געגאָלטן קאָפּ און מיט די העלע, ווי נאַקעט־געגאָלטע אויגן. ס'האָט זיך געהערט, ווי ער קלינגט דאָרט מיט די טשיינ־יקלעך און ווי ער שרייט אַריין צו היציק־קראַנקע אין די אויערן:

— פּעי, פּעי... באַשקאַ־טאָ?.. טרעשטשיט?..

# אין אַ רויטן רויבקל

# איז אַ רויטע ווינקל

I

אורי איז אַלט זיבן יאָר, האָט אַ לאַנגן דינעם האַלדז, טראָגט לאַנגע האָר; זיינע הענטלעך און פיסלעך באַוועגן זיך פון געבוירן אָן זייער פלינק; זיינע צאַרטע דינע פינגערלעך זענען פיל לענגער, ווי ביי אַנדערע קינדער פון זיין עלטער, זוכן שטענדיק אַרבעט.

איינדערפרי, אורי זיצט מיט זיין טאַטן און מיט זיין מאַמען ביים פרישטיק, עס דערהערט זיך, ווי עמעצער קלינגט צו זיי אין טיר — אורי טוט גלייך אַ כאַפּ פון טיש די ווייסע זעמל, די פוטער און די אייער און באַהאַלט זיי בריהש-גיך אין נאָענטן שראַנק. דאָס טוט ער, ווייל ער האָט אָפט געזען, ווי זיין טאַטע-מאַמע טוען עס און ווייל ער קאָן אַלע קינדער אין זעקסגאָרנדיקן הויז, ווו זיי וווינען, ער האָט שוין נישט איינמאָל אַריינגעשטעקט די נאָז אין די אָרומיקע אַרבעטער-קוואַרטירן און ווייסט, אַז אין ערגעץ עסט מען דאָרט נישט צום פרי-שטיק קיין ווייסע זעמל, קיין אייער און קיין פוטער.

די קינדער פון יענע וווינונגען באַגעגענען אים אָפט אויף די טרעפּ אָדער אין הויף, וואַרפן אים אויס:

— איש טי!.. בורזשוי!..

כאָטש אורי עסט אַלע פרימאָרגן זעמל מיט פוטער מיט גרויס אַפּעטיט, גלויבט ער פונדעסטוועגן נישט, אַז ער איז ווירקלעך אַ בור-זשוי. ער האָט זיך איינמאָל וועגן דעם געווענדט צו זיין מוטער:

— מאַמע, ס׳איז אמת? — איך בין אַ בורזשוי?

דערויף האָט אים די מוטער געענטפערט מיט גרויס זיכערקייט, כמעט מיט כּעס:

— ניין. ווער האָט דיר געזאָגט? ביסט נישט קיין בורזשוי. זאָלסט ענטפערן די קינדער אין הויף: „מיין טאַטע איז פאַרשריבן אין פּראָ־פאַריין".

און זי האָט אים דערביי צוגעשפּיליעט אַ קנעפּעלע אויף נישט קיין אָנשטענדיק אָרט.

אורי האָט נישט געוווּסט, וואָס איז אַזוינס „פּראָפאַריין", כאָטש דאָס וואָרט האָט אים געקלונגען זייער קענטלעך, ווי ער וואָלט עס שוין האָבן געהערט אַסך מאָל. זיינע גרויסע ברייט־געעפנטע אויגן — גרעסערע ווי ביי אַנדערע קינדער פון זיין עלטער — האָבן אויסגע־גלאָצט געקוקט אויף אַ קריכנדיקער פליג אויף דער וואַנט. און ווייל עס האָט זיך געפילט אַ רויקייט סיי אין דער מוטערס קול, סיי אין קריכן פון דער פליג, האָט זיך באַרויקט דערפילט אויך אורי. נאָר ווייל די מוטער האָט זיך פונדעסטוועגן פאַרענטפערט, ווייל זי האָט בייזלעך געזאָגט, אַז ס'איז נישט אמת, איז ביי אורין אין קאָפּ פונדעסטוועגן פאַרבליבן, אַז אַ בורזשוי צו זיין איז ווירקלעך אַ מיאוסע זאַך.

---

אורי האָט געקאָנט אַלע לידלעך און מעלאָדיעס, וואָס ער הערט זינגען זיין מאַמען. זייער אָפט, ווען געסט זענען געזעסן אַרום טיש, האָט אים זיין טאַטע גענומען צו זיך אויף די הענט, אים געקוקט גלייך אין די אויגן, אים געזאָגט:

— נו, זיץ־זשע איין; נו, זינג־זשע שיין.

אורי האָט דענסטמאָל געזונגען אַלע לידלעך און מעלאָדיעס, וואָס ער קאָן, און אַרום טיש זענען אַלע געזעסן זייער שטיל. יענע, וואָס האָבן געטרונקען טיי, האָבן אינמיטן טרינקען אָוועקגעשטעלט די גלעזער. אַלע האָבן געקוקט צו אורין און האָבן געשמייכלט. דערנאָך האָבן אַלע זייער שטאַרק געפּאַטשט מיט די הענט, געזאָגט צו זיין טאַטן אָדער צו זיין מאַמען:

— וווּנדער!

— איך זאָג אייך — אַ זעלטנהייט.

אורי איז צו דעם שוין געווען פֿון לאַנג צוגעוווינט.

נאָר איינמאָל בײַטאָג האָט זײַן טאַטע זיך אומגעקערט פֿון גאַס זייער אַ צופֿרידענער און געבראַכט מיט זיך איינעם אַ פֿרעמדן גאַסט, און דער דאָזיקער פֿרעמדער האָט אויך געטראָגן זייער לאַנגע האָר, כאָטש ער איז שוין געווען אַ גרויסער. דער פֿרעמדער האָט גענומען אורין אויף די הענט און אים געגלעט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אורין בײַם קלאַוויר, געקלאַפּט אויף פֿאַרשידענע קלאַווישן און געהייסן אורין נאָכזינגען. אורי האָט אין אָנהייב זיך געשעמט פֿאַרן פֿרעמדן, וואָס טראָגט לאַנגע האָר — אַזאַ גרויסער און טראָגט נאָך אַלץ לאַנגע האָר!— ער האָט אויסבאַהאַלטן פֿונעם פֿרעמדן זײַן פּנים. נאָכדעם האָט ער פּלוצלינג פֿאַרגעסן, אַז ער שעמט זיך און האָט אָנגעהויבן נאָכצוזינגען נאָך די קלאַווישן-טענער, דערבײַ האָט אורי נישט געוווסט, צי ער טוט עפּעס — זײַן יונג און דין שטימעלע איז אַליין נאָכגעלאָפֿן נאָך די טענער און געכאַפּט יעדן פֿון זיי. אורי האָט אַפֿילו נישט געוווסט, צי ער בײַט אַלע רגע די שטימע — אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער ציט די גאַנצע צײַט איין זעלביקן טאָן. נאָר דער פֿרעמדער מיט די לאַנגע האָר האָט דאָך אָנגעהויבן צו שמייכלען מיט פֿאַרגעניגן פֿון דעם, וואָס אורי מאַכט דאָס אַלץ אַזוי לײַכט. ער האָט פּלוצלינג באַקומען אַ צעשראָקן פּנים מיט צעשראָקענע אויגן, געהייסן אורין פֿאַרמאַכן די אויגן. דענסטמאָל האָט ער איבעראַנייס אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן אויף איינעם אַ קלאַוויש. אורי האָט געמיינט, אַז ער דאַרף מיט פֿאַרמאַכטע אויגן נאָכזינגען, נאָר דער פֿרעמדער האָט צעטראָגענערהייט אים געהייסן, ער זאָל אַליין געפֿינען צווישן די קלאַווישן יענעם, וואָס האָט נאָר-וואָס אַרויסגעגעבן דעם לעצטן קלאַנג. אורי האָט אַ פּרווו געגעבן פֿיר-פֿינף קלאַווישן און האָט דעם גוויטיקן טאָן געפֿינען. דענסטמאָל האָבן דעם פֿרעמדנס אויגן אָנגעהויבן קוקן נאָך מער צעטראָגן. ער האָט אַ כאַפּ-געגעבן אורין אויף די הענט, נאָר אוריס מוטער האָט אים בײַם פֿרעמדן אויסגעריסן, אים געדריקט צו איר ברוסט, אים געקושט אין די אויגן, אין די ליפּן.

אורי האָט נישט געוווסט, פֿאַרוואָס מען קושט אים פּלוצלינג אַזוי שטאַרק, אים האָט זיך געדרייט דער קאָפּ, און אַלץ איז געשען זייער געשווינד — פֿון דער מוטערס הענט האָט אים אויסגעריסן דער טאַטע, בײַם טאַטער האָט אים אויסגעריסן נאָכאַמאָל דער פֿרעמדער מיט די

לאַנגע האָר. ער האָט אַוועקגעשטעלט אורין אויף אַ בענקל און אים געהייסן זינגען יענעם זעלבן טאָן, וואָס דער קלאַפּ אויפן לעצטן קלאַוויש האָט פריער אַרויסגעגעבן. אורי האָט נישט געוווּסט קלאָר, וואָס זאָל ער זינגען, און האָט גלאַט אַזוי אַרויסגעלאָזט אַ טאָן. נאָר דער פרעמדער האָט פונסניי באַקומען אַ צעשראָקן פּנים מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, זיך אַ כאַפּ געגעבן מיטביידע הענט פאַרן קאָפּ, צוגעלאָפן צום קלאַוויר, אַ קלאַפּ געטאָן אויף יענעם זעלבן קלאַוויש און, ווי אין פיבער, גענומען ברעכן די הענט און שרייען:

— אַבסאָליוטער געהער! פאַרשטייט איר שוין, צי ניין? איך זאָג אייך: אַבסאָליוטער געהער!..

אורין האָט מען דענסטמאָל נאָכאַמאָל געכאַפּט קושן, נאָכאַמאָל געריסן איינער ביים אַנדערן פון די הענט, אַוועקגעשטעלט נאָכזינגען די קלאַווישן, אויף וועלכע דער פרעמדער קלאַפּט און געשריגן אַלע אינאיינעם:

— אַבסאָליוטער געהער!

— אַבסאָליוטער געהער!

ווייל אַלע האָבן אים דערביי שטאַרק געקושט, האָט אורי פאַרשטאַנען, אַז „אַבסאָליוטער געהער" איז, אַפּנים, זייער אַ גוט וואָרט און אַז דאָס דאָזיקע וואָרט קער צו אים אורין. און ווייל די מוטער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן:

— זאָל זיין געזונט.

— הערט אויף מוטשען דאָס קינד.

— דאָס קינד איז מיד — האָט אורין דעריבער זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אָפּגעטאָן זייער אַ שווערע אַרבעט און אַז ער איז מיד, שטאַרק מיד. ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף די אַרומיקע מיט גלעזערנע אייגלעך. דערנאָך, ווען זיין טאַטע מיטן פרעמדן זענען אַוועקגעגאַנגען, האָבן זיינע אייגלעך נאָך אַלץ געקוקט, ווי גלעזערנע, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַלץ וואָס איז געשען ביז צו זיי אין וווינונג איז געקומען דער לאַנג-האָריקער פרעמדער און ביז מען האָט אים, אורין, געריסן איינער ביים אַנדערן פון די הענט, איז שוין זייער לאַנג, אַזוי לאַנג, אַז עס געדענקט זיך קוים. דערנאָך האָבן זיך אומגעקערט זיין טאַטע מיטן פרעמדן און האָבן געבראַכט

מיט זיך צוויי פידלען — אַ גרויסן און אַ קליינינטשקן. אויפן גרויסן פידל האָט געוווּמען שפּילן דער פרעמדער, און אויפן קליינעם האָט ער געהייסן נאָכשפּילן אורי. אורי האָט געקוקט דעם פרעמדן גלייך אין די אויגן אַריין און האָט געטאָן פּונקט, וואָס יענער טוט — געפירט מיטן קליינעם סמיק פריער אויף איין סטרונע, דערנאָך — אויף אַ צווייטער, אויף אַ דריטער. דאָס אַלץ איז די אַרומיקע געווען זייער געפעלן; זיי האָבן פיל מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט:

— אַבסאָליוטער געהער...

— און אַ פידלער!..

— פון געבוירן אָן.

— פינגער ביי אים! קוקט נאָר, כ׳אַראַ פינגער!

— זעט, ווי ער האַלט ריכטיק דעם סמיק.

— קוקט: ער שפּילט נאָך... ער שפּילט נאָך!

ביי אורין זענען דערפון די אייגלעך געוואָרן נאָך מער גלע־זערנע. ווידער האָט זיך אים געדאַכט, אַז זינט ער איז הייַנטיקן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פון שלאָף זענען שוין אַוועק זייער פיל טעג און אַז ער, אורי, איז אינדערפרי געווען אַן אַנדערער, און איצט איז ער שוין ווידער אַן אַנדערער. פאַרנאַכט, ווען ער איז דורך די קיך־טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען אין הויף אַריין, איז אים דעריבער געווען זייער אַ גרויסער וווּנדער, וואָס די קינדער אין הויף ווילן זיך נאָך אַלץ מיט אים ניט שפּילן און שרייען אים אַלץ ווי נעכטן און ווי תמיד:

— בורזשוי! בורזשוי.

ער איז געבליבן שטיין אַקעגן די קינדער מער דרייסט ווי תמיד און האָט געבלאָזן די באַקן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט, — איך בין שוין גאָרנישט קיין בורזשוי.

ער האָט זיך דערמאָנט אינעם וואָרט, וואָס מען האָט הייַנט וועגן אים אַזויפיל מאָל געזאָגט:

— איך בין שוין גאָר „אַבסאָליוטער געהער", — האָט ער גע־הורט, — „אַבסאָליוטער געהער"... צצצ!.. ע־ע!..

ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס לאַכן פֿון אים די קינדער נאָך מער.

## II

דער פרעמדער מיט די לאַנגע האָר איז געקומען אַלע טאָג. ער האָט געלערנט אורין שפּילן אַביסל אויפֿן קלאַוויר און זייער פֿיל אויפֿן פֿידל. אוריס טאַטע — אַ מיטלווּקסיקער, אַ זשוואָווע מיט אונטערגע-הויבענע אַקסלען פֿון אַ פּריש-אויסגעדינטן סאָלדאַט — איז דענסטמאָל אַקעגן אַפּאַר וואָכן נישט געווען אינדערהיים. ווען ער האָט זיך פֿון וועג אומגעקערט איז דאָס געווען איינמאָל בייטאָג, ווען דער פרעמדער קומט. אורי האָט זיך געפּלייסט אָפּצושפּילן זיין בלאַט-נאָטן מיט דער אייגענער זיכערקייט און מיט דער אייגענער זינגענדיק-טאַנ-צנדיקער שנעלקייט, וואָס עס האָט דעם בלאַט-נאָטן נאָר-וואָס אָפּגע-שפּילט דער פרעמדער.

אוריס לאַנגע דינע פֿינגער — זיי זענען פֿון שטענדיק אָן גע-ווען געוווינט צו באַוועגן זיך פֿון זיך — האָבן איצט געפֿילט דעם פֿאַרגעניגן פֿון באַוועגן זיך לויט אַ געוויסער אָרדענונג און ריטם, דעם פֿאַרגעניגן פֿון דריקן די סטרונעס אויף אַזאַ אופֿן, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן די טענער, וואָס מען פֿאַרטראַכט. פּלוצלינג האָט ער דער-הערט, ווי זיין טאַטנס קול וווּנדערט זיך זייער שטאַרק אין קאָרידאָר:

— ווער שפּילט עס?

— דאָס קינד?

— אורי שפּילט שוין אַזוי?

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי באַוווּנדערן.

אורין האָט מען אין איינעם פֿון יענע טעג פֿאַרקעמט די לאַנגע האָר אַרונטער, מען האָט אויף אים אַרויפֿגעצויגן לאַנגע שוואַרצע הייזלעך, אַ בלאַנק-ווייס וועסטל און אַ קליין פּראַקעלע געבייט פּונקט, ווי אויף אַ גרויסן. מען האָט אים אָנגעטאָן אַ האַרטן געפּרעסטן קראַגן מיט אַ קליין ווייס שניפּסעלע, וואָס האָבן זיין דין און לאַנג העלזעלע געמאַכט פֿאַר אַ קורצן און גראָבן קאַרק, ווי ביי אַ באַרימטן מאַן. מען האָט אים אין דעם אָנטאָן אַוועקגעפֿירט צו אַ פֿאָטאָגראַף. ביים

פּאָטאָגראַף האָבן אַלע געלאַכט, ווען מען האָט אים דערזען, נאָר דער פּאָטאָגראַף אַליין האָט געפֿונען, אַז דאָס אַלץ איז נאָך קאַרג. אויף אוריס קאָפּ מיט די לאַנגע האָר האָט ער אַרויפֿגעזעצט אַ צילינדער און אים אָנגעטאָן ברילן אויפֿן נעזל. אונטערן לינקן הענטל האָט ער געגעבן אורין האַלטן זיין קליינעם פֿידל און אין רעכטן הענטל — זיין קליינעם סמיק און האָט אורין אַזוי פֿאָטאָגראַפֿירט.

אין אַפּאָר טעג אַרום האָט זיך באַקומען דער פּאָרטרעט.

אורי האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אינעם קליינעם מאַן מיטן צי־לינדער־הוט און מיט די ברילן — אַ מאַן, וואָס נישט געקוקט אויף זיין קורצן פֿעסטן האַלדז איז ער דאָך זייער געראָטן אויף אים, אורין. אורי האָט אויף זיך געגלויבט, אַז אין לעבן זעט ער ווירקלעך אויס, ווי דער מאַן אויפֿן פּאָרטרעט. ער האָט זיך דערפֿילט אַזוי ווי אויף זיין קאָפּ וואָלט ווירקלעך זיצן אַ צילינדער־הוט און אויף זיין נעזל — אַפּאָר ברילן.

אורי האָט פֿון דענסטמאָל אָן אָנגעהויבן גיין מיט געזעצטע פּאַמעלעכע טריט, ווי עס פּאַסט פֿאַרן קליינעם געזעצטן מאַן אויפֿן פּאָרטרעט.

מיט די דאָזיקע געזעצטע און פּאַמעלעכע טריט האָט ער אַלע פֿאַרנאַכט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די קיך־טרעפּ אין הויף אַריין, וווּ עס שפּילן די קינדער. אים איז געווען אַ ווונדער, וואָס די קינדער שרייען אים נאָך אַלץ „בורזשוי" און ווילן אים נאָך אַלץ נישט אַריינעמען אין זייער שפּיל, נישט געקוקט, וואָס אויפֿן פּאָרטרעט ביי זיך אין־דערהיים אויף דער וואַנט איז ער אויסגעמאָלט אין אַ צילינדער־הוט, אין אַ ווייסן האַרטן קראַגן און אין ברילן.

— גיי דיר אַוועק.

אַזוי האָבן די קינדער צו אים געשריגן.

— מיר דאַרפֿן דיך נישט.

— דו טאָרסט מיט אונדז נישט זיין.

נאָר אורין האָט זיך נישט געגלוסט אַוועקגיין; די קינדער האָבן געשפּילט אין דער קליינער וואַש־קיך אין עק הויף — אַ זעלטן געמיטלעך ווינקל. אויף דער טיר פֿון וואַש־קיך האָבן די קינדער אויפֿגעהאָנגען אַ קאַרטאָן מיט אַן אויפֿשריפֿט.

„קלוב פראָלעטאַרסקיך דיעטעי״.

דורך דעם אָפענעם אַריינגאַנג האָט מען געזען אַ צוגעפוצט „לענין-ווינקל״ מיט פרישע און פאַרטרוקנטע צווייגלעך אַרום לענינס בילד. אונטערן בילד איז געשטאַנען אַ צוגעפוצט טישל באַדעקט מיט רויט פאַפיר און אויפן טישל — אויסגעלייגטע קינדער-ביכלעך, קליינע רויטע פענעלעך, פאַרשידענע בילדער, שטערנס און ערגעץ-ווו געקריי־געגע פלאַקאַטן אין ביידע זייטן אויף די ווענט. פון דאָרט האָט זיך געפילט אַ פריש קילקייט, אַ ריח פון אויסגעקערטן שטויב, אויסגעמישט מיטן ריח פון צוגעטרוקנטע צווייגלעך און פון וועשעריי.

אורי האָט געקוקט, ווי די קינדער גייען דאָרט אַריין און אַרויס, ווי בינען אין אַ בינשטאָק — אַלע קינדער מעגן דאָס טאָן, אַחוץ אים, אורין; אַלע זאָגן, אַז ער טאָר אַהין נישט אַריינשמעקן, און מער ווי אַלע זאָגט דאָס איינס אַ מיידעלע פון אַ יאָר ניין, וועמען אַלע רופן מיטן נאָמען:

— סטערקע.

זי האָט אַ ב״דריק-געשוירן קעפל ווי אַ יינגל, אָט די סטערקע, אַ ברייט מיילעכל מיט שטעכיקע שוואַרצע אייגלעך. זי פאַרשטעלט אורין שטענדיק דעם וועג אין וואַש-קיך אַריין. זי דרייט געשווינד מיט איר ברייטן מיילעכל:

— איך מעג, — זאָגט זי צו אורין, — מיין טאַטע איז אַן אַר־בעטער. מיין טאַטע איז אַ זעצער און דיין טאַטע איז אַן אַנדערער...

אורי קוקט: די ליפלעך ווערן דאַן ביי סטערקען אַזעלכע האַרטע, האַרטע. ער קאָן סטערקעס טאַטן — אַ פעסטער טאַטע מיט אַ געלבלעך בערדל אָן וואָנצעס און אין אַ געל-לעדערנעם לייבל און אין שטיוול. אַז ער קומט בייטאָג אַהיים עסן, קייעט ער אויף גיך, אויף גיך, רוקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק און שרייט צו סטערקען אין הויף אַריין:

— סטערקע! אַהער גיי! אויף אַ רגע! סטערקע!

סטערקעס מאַמע שרייט דאַן אויף אים:

— פיף-פוף-פאַף!.. ווצסט שוין ווידער לויפן, אַ?

אורי ווייסט, אַז זיין טאַטע איז ווירקלעך אַן אַנדערער — זיין טאַטע כאַפּט זיך קיינמאָל נישט, אַז ער קומט אַהיים, כאָטש רעדן

רעדט ער נאָך גיכער פון סטערקעס טאַטן — זיין טאַטע האָט אונ־טערגעהויבענע אַקסלען פון אַ פריש־אויסגעדינטן סאָלדאַט, און אַז מען זאָגט אים עפּעס, קיילעכיקט ער אויס זיין ברוסט און טוט אויף גיך אַ דריי זיין קאָפּ אין אַ זייט, אַקוראַט ווי ער וואָלט זייער געשווינד וועלן פרעגן:

— ווי קומט עס?..

— ווי קאָן עס זיין?..

אורי האָט זייער גוט געקאָנט די דאָזיקע באַוועגונג ביי זיין טאַטן און אויך אַ רחמנות האָט אים איצט אָנגעכאַפּט נישט אויפן טאַטן אַליין, נאָר אויף אָט דער באַוועגונג ביי זיין טאַטן.

— ניין, — האָט ער איינגעשפּאַרט געענטפערט סטערקען, — מיין טאַטע איז נישט קיין אַנדערער.

סטערקע האָט זיך ערשט איצט רעכט איינגעקוקט, איר ברייט מיילעכל האָט זיך נישט צוגעמאַכט, אירע ליפּלעך זענען געוואָרן נאָך האַרטער, די אייגלעך — שטעכיקער; זי האָט אָנגעוויזן אויף אורין די קינדער:

— אַ סימן, — האָט זי געזאָגט, — ביי זיי אין קיך האַלטן זיי אַ דינסט — מלכּה, די אַלטע יידענע, קאָכט און באַקט ביי טאָג און ביי־נאַכט, ווען זיי דאַרפן, וואָרים מלכּה איז נישט אין פּראָפּסאָיוז און פּוצט ביי זיי די פּאָדלאָגעס.

דערויף האָט שוין אורי נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן — מלכּה, די אַלטע יידענע, האָט זיך ווירקלעך געפּונען ביי זיי אין שטוב און האָט אָפּטמאָל אונטער אַ יום־טוב געבאַקן אין אויוון ביז שפּעט אין דער נאַכט. אורי האָט זיך דערמאַנט, וויאַזוי זיין מאַמע האָט איינמאָל געזאָגט צו זיין טאַטן:

— מלכּה האַלט אין איין גנבענען, זי הערט גאָרנישט אויף.

און וויאַזוי ער, אורי, איז דענסטמאָל אומישנע געגאַנגען אין קיך אַריין, אַ קוק געבן, וויאַזוי מלכּה האַלט עס אין איין גנבענען, און אים איז דאָרט געווען אַ גרויסער וווּנדער, ווייל מלכּה — האָט ער געזען — שטייט גאָר אָנגעבויגן איבער אַ מולטער מיט הייס וואַסער און וואַשט גאָר קויטיק גרעט. אורי האָט געדענקט, ווי מלכּה וואַשט גרעט און אים האָט זיך פאַרוואָלט וויינען, פאַרוואָס ער האָט

סטערקען נישט וואָס צו ענטפערן. דענסטמאָל האָט זיך אין מיטן קינדערשן רעדל זייער געשווינד אַריינגערוקט זיאַמע — יענער זעלבער געשווינדער זיאַמע, וואָס שרייבט געשווינד די בוכשטאַבן אויף אַלע קאַרטאָנען, מאָלט געשווינד מענטשן און אַז מען פרעגט ביי אים: „ווער עמען מאָלסטו?", ענטפערט ער מיט געשווינדע ווערטער:

— אַזוי זיך מאָל איך... עפּעס אַזוי זיך איינעם אַ בירגער דאָרטן.

זיאַמע האָט אַן עצה געגעבן, מען זאָל נעמען ביי אורין צו־שטייער אויפן קלוב:

— פופציק קאָפּיקעס אויף צו קויפן רויטן טינט און קאַרטאָן, — האָט ער אַרויסגעגעבן זיין פּסק, — גיי ברענג אונז פופציק קאָפּיקעס. דיין טאַטע איז רייך. ווארים דיין טאַטע האַלט דיר אַ לערער אויף שפּילן פידל, און מיר, האָט מיין מאַמע געזאָגט, קאָן מען קיין לע־רער נישט האַלטן, ווארים איך דאַרף נאָך וואַרטן ביז איך וועל אויס־וואַקסן און ביז מען וועט מיך צונעמען אין אַ מאָלער-שול און ביז איך וועל ווערן אַ מאָלער.

— ניין, — האָט איבערגעשלאָגן סטערקע, — דו, זיאַמע, ווער בעסער אַן אַרבעטער. אַן אַרבעטער איז אַ קאָמוניסט און אַ מאָלער נישט. און דו — האָט זי געזאָגט צו אורין — ווער אויך אַן אַרבעטער.

זי האָט זיך צוגעבויגן נענטער צו אוריס פאַרטרערטע אויגן און האָט אין זיי גאָר פון נאָענט אַריינגעקוקט.

— בעסער פאָלג מיך, — האָט זי צוגעגעבן, — דו וואַש אויס די פאָדלאָגע ביי אונז אין קלוב, וועלן מיר דיך צונעמען פאַר אַ מיטגליד. נאַ, אָט איז די שמאַטע, גיי ברענג וואַסער.

נאָר אורין האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר יענעם קליינינקן מאַן אינעם צילינדער און אין די ברילן, וואָס הענגט ביי זיי אין שטוב אויף דער וואַנט, איז זייער נישט שיין, ער זאָל דאָ פאַר אַלע קינ־דער אין די אויגן נעמען די שמאַטע אין די הענט, ברענגען וואַסער, זיך אָנבויגן און וואַשן די פאָדלאָגע. ער איז אַוועקגעגאַנגען פרעגן זיין מאַמען, צי ער זאָל עס טאָן, נאָר אויפן וועג האָט ער דערווייל פאַרגעסן אין דער פאָדלאָגע און בלויז געדענקט, אַז ער דאַרף נעמען

ביי זיין מאַמען פּופּציק קאָפּיקעס אויף רויטן טינט און אויף קאַרטאָן, כּדי די קינדער זאָלן אים אַריינגעמען אין זייער שפּיל.

— גיב מיר געלט, — האָט ער געזאָגט צו זיין מאַמען, — נו? גיב מיר גיכער.

זיין טאַטע האָט, זיצנדיק ביים טיש, געשווינד אײַסגעקײַלעכט די ברוסט, געשווינד אַ דריי געגעבן דעם קאָפּ אין אַ זייט:

— פאַרוואָס עפּעס נאָר ביי דיר? פאַרוואָס צאָלן נישט אַלע קינדער קיין פּופּציק קאָפּיקעס?

אורי האָט אונטערגעכליפּעט, געוויינט לאַנג אפשר אַ האַלבע שעה. זיין פאָטער איז צו אים צוגעגאַנגען, אויסגעגלייכט די ברוסט און געזאָגט:

— נאַ דיר געלט. אָט האָסטו פיל מער ווי פּופּציק קאָפּיקעס, נאָר די קינדער אין הויף זאָלסטו נישט געבן. גיי מיט מלכּהן און קויף דיר, וואָס דו ווילסט.

דענסטמאָל איז אורי אַוועק מיט מלכּהן אין גאַס אַריין. ער האָט אויסגעקוקט אין די פענצטער פיל זאַכענישן, וואָס מען קאָן מיט זיי שפּילן, נאָר איינגעהאַנדלט האָט ער: לעגינס אַ בילד, עטלעכע קינדער־ביכלעך און אַסך רויט פּאַפּיר — ער האָט געמאַכט ביי זיך אינדערהיים אַ „לעגין־ווינקל", זיך איינגעאָרדנט מיטן בילד און מיטן רויטן טישל אין עסצימער־ווינקל, פּונקט, ווי עס האָבן מיט אָט די זאַכן זיך איינגעאָרדנט די קינדער אין וואַש־קיך.

III

אורי האָט געפילט: צווישן אים און צווישן די קינדער אין הויף איז פאַראַן עפּעס אַ חילוק, פּונקט ווי עס איז פאַראַן עפּעס אַ חילוק צווישן דעם זיידן מיט דער באָבען פון זיין מוטערס צד און צווישן זיידן מיט דער באָבען פון זיין פאָטערס צד. אין וואָס אָבער אָט דער חילוק באַשטייט האָט ער נישט פאַרשטאַנען און זיך דער־טראַכטן נישט געקאָנט.

דעם זיידן מיט דער באָבען פון דער מוטערס צד זעט מען

שוין נישט עטלעכע יאָר – זיי וווינען אין פּאַריז. זייער פֿאַמיליע איז געפּשטיין. אַז עס קומט אָן פֿון זיי אַ בריוו, פֿרייען זיך זייער דער טאַטע מיט דער מאַמען. דער בריוו איז געשריבן אויף זייער גוט גלאַט פּאַפּיר, דער קאָנווערט איז אַ בלאָלעכער. אַז מען נעמט אַרויס דעם בריוו געפֿינט מען אין קאָנווערט אַ רויטן אונטערשלאַק פֿון פּאַפּיראָס־פּאַפּיר, וואָס שמעקט מיט אַ באַזונדער נישט קיין היגן ריח. אורי מאַכט פֿון אָט דעם רויטן פּאַפּיראָס־פּאַפּיר קליינע פֿאָנע־לעך און באַפּוצט מיט דעם זיין רויט „לענין־ווינקל” אין עסצימער.

אורין איז לאַנגווייליק צו שפּילן זיך איין־אַליין אין זיין לענין־ווינקל. אַז זיין פֿאָטער מיט זיין מוטער גייען אַוועק, רופֿט ער צו זיך אין ווינקל מלכּהן – די אַלטע יידענע, וואָס געפֿינט זיך ביי זיי אין קיך. מלכּה מוז דאַן מיט אים זיצן לעבן פֿאַרפּוצטן טישל, וואָס אונ־טער לענינס אויפֿגעהאָנגענעם בילד. מלכּה זיצט אויף איין בענקל, אורי – אויפֿן צווייטן. מלכּה האָט אַ קליין עלש־רויט נעזל. עס פֿעלן איר פֿיל ציין אין מויל. אַז זי מאַכט אויף די ליפּן, זעען זיך אַרויס די ציין־נעסטן אין אירע נאַקעטע יאַסלעס, און אַז אורי זעצט זי נאָר אַנידער אין „לענין־ווינקל” אויפֿן בענקל, פֿלעכט זי באַלד איבער די הענט אויף איר שמאָלער מאָגערער ברוסט און וויל אַנהייבן דרעמ־לען. אורי האָט מורא, אַז זי וועט אַנטשלאָפֿן ווערן און וויל זי מאַכן וואַכעדיק – ער הייבט אָן צו איר רעדן:

– ס'איז אמת, מלכּה, ביסט אַ דינסט.

ביי מלכּהן קנייטשט זיך זייער שטאַרק איין דאָס עלש־רויטע נעזל. איר מויל עפֿנט זיך. עס באַווייזן זיך די ציין־נעסטן אין אירע נאַקעטע יאַסלעס. זי גענעצט און ענטפֿערט:

– צי איך בין אַ דינסט? וואָס דען בין איך? אַ נגידתטע?

אורי קוקט, ווי אירע אויגן שמעלערן זיך. ער פֿאַרטראַכט זיך.

– און מיין מאַמע, – מאַכט ער, – מיין מאַמע האָט אַליין געזאָגט: דו ביסט גאָר געווען אַ קיכנע ביים זיידן געפּשטיין און ביסט זייער אַן אָרעמע.

שטיל.

– די מאַמע זאָגט: ווען דער זיידע מיט דער באָבען זענען

אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, האָבן מיר דיך אַריינגענומען צו אונז אין קיך, ווייל ס'איז געווען אויף דיר אַ רחמנות.

מלכּה קוקט נישט צו אים און האָט ווידער חשק צו דרימלען.

— יאָ, — שאָקלט צו איר קאָפּ, — טאַקע... געווען אַ קיכנע בּיי דיין זיידן.

זי פאַרשלינגט די ווערטער מיט אַ געניץ.

— צוועלף יאָר האָב איך דאָרט געדינט... האַ־האַ־האַ... אַ ברייט פּירעכץ געווען בּיי דיין זיידן געפּשטיין... אַ גרויס געשעפט פון גאָלדענע און זילבּערנע זאַכן... האַ־האַ־האַ... פון פינגערלעך, פון אַלערליי צירונג דאָרטן... שוין איינמאָל צירונג... פון פּערל — אויך.

און זי דערציילט אוריען, וויאַזוי זיין זיידנס געשעפט איז געווען גרויס:

— און איצט, אין פּאַריז, — גענעצט זי, — האַ־האַ־האַ... ווידער אַ גרויס געשעפט בּיי דיין זיידן, ווידער גאָלד, זילבּער און בּריליאַנטן. נאָר צוריק מיט עטלעכע יאָר איז ער שוין געווען אָרעם, דער זיידע דיינער. האַ־האַ־האַ!.. גאָר־גאָר אָרעם. אַנישט וואָלט דיין מאַמע געווען געגומען דיין טאַטן, ווען דיין זיידע זאָלט נישט געווען ווערן אַזוי אָרעם?

— פאַרוואָס?.. אַ? מלכּה.

מלכּה האָט שוין פאַרלוירן איר קאָפּ אויף דער בּרוסט און האָט שוין איינגעדרעמלט.

אורי וועקט זי:

— און דער זיידע מאיר? — דערפרעגט ער זיך וועגן זיין זיידן פונעם פּאָטערס צד, — דער זיידע מאיר האָט אויך געהאַט אַ געשעפט פון גאָלד און בּריליאַנטן?

— יאָ, פון „גאָלד" — עפנט מלכּה שמאָלע אויגן, — זעסטו? טאַקע נאָר אַ געשעפט פון גאָלד האָט אים געפעלט... עס וואָלט אים שוין געווען אָנגעשטאַנען אַ געשעפט פון קופּער אויך...

אורי פאַרטראַכט זיך און האָט רחמנות אויפן זיידן מאירן, ווע־מען עס „וואָלט שוין געווען אָנגעשטאַנען אַ געשעפט פון קופּער אויך". ער געדענקט דעם זיידן מאירן — אַ קליינינקער, אַן איינגע־הויקערטער מיט אַ גראָ־געשוירן בּערדל, מיט אַ בּראָדעווקע אויפן

שטערן. ער טראָגט אַ קורץ שוואַרץ סורדוטל, גרויע אָפּגעריבענע הויזן, און די שיך זענען ביי אים שטענדיק שטאַרק-געלאַטעטע און שטאַרק-געפּוצטע מיט אַ שטאַרקן גלאַנץ. אַז ער קומט אַריין אַהער אין שטוב, באַקומט גלייך דער טאַטע אַן אויסגעקיילעכטע ברוסט און טוט גלייך אַ דריי דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אַקוראַט, ווי ער וואָלט ביים זיידן מאירן אויף גיך וועלן פרעגן:

— וואָס טוסטו דאָ?

— וואָס ביסטו געקומען, וואָס?

איינמאָל — אורי איז מיט זיין טאַטן געגאַנגען שפּאַצירן ווייט אויף דער הויפּט-גאַס — האָבן זיי אויף איינעם אַ ראָג דערזען זייער פיל מענטשן און צווישן זיי — דעם זיידן מאירן אינעם קורצן סורדוטל מיט די שטאַרק-געלאַטעטע און שטאַרק-געפּוצטע שיך און מיט אַ שטעקעלע אין האַנט.

— זיידע! זיידע מאיר! — האָט אורי פריילעך אויסגעשריגן.

נאָך דער טאַטע האָט דענסטמאָל געהאַט אַ שטייף צוגעמאַכט מויל און געאָטעמט זייער גיך און שווער.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער, אַרומקוקנדיק זיך, געבליצט מיט די אויגן אויפן זיידן מאירן, — דרייסט זיך שוין ווידער אַרום?.. עס שלעפּט דיך, אַ?.. עס שלעפּט דיך צו דער שוואַרצער בירזשע? קאָנסט נישט רוען, אַ?.. כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט זיצן אינדערהיים, האָב איך דיר דאָך געזאָגט?

— נו, נו, נו...

דער קליינער איינגעהויקערטער זיידע מאיר האָט אַלץ שולדיק געשמייכלט:

— וואָס זאָלסטו זיין ברוגז? וואָס האָב איך דען געטאָן? איך קויף דען עפּעס? איך ווייס וואָס? סע לאַנג צו זיצן אינדערהיים, בין איך אַ קאַפּל אַרויסגעגאַנגען.

נאָך אוריס טאַטע האָט זיך אַלץ אַרומגעקוקט מיט בליצלדיקע אויגן. ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן בלויז פון צווישן די ציין און אַזוי קונציק — ביי אים האָבן זיך כמעט ווי נישט געשאָקלט די ליפּן:

— גיי אַהיים! די רגע! — האָט ער אָנגעשריגן אויפן אַלטן, —

הערסט וואָס מען זאָגט דיר: ווילסט איך זאָל האָבן דורך דיר אַן אומגליק?.. ווידער דאַרפן פאַר דיר צאָלן?..

— שאַ־שאַ!

דער אַלטעטשקער האָט זיך אָפּגערוקט, ווי מיט אַ זייטל:

— נו, איך גיי, איך גיי... מאַך נישט קיין גוואַלד...

פון דענסטמאָל אָן איז דער זיידע מאיר געוואָרן אורין גאָענט, ווי אַ קליין ברודערל — ווייל אויך אויף אים, אורין, שרייט מען אָפט אָן און ער מוז פאָלגן — אויף אים שרייט אָן סטערקע, ער זאָל נישט אַריינגיין אין וואַש־קיך, צום לעניך־ווינקל, ווייל ער איז אַ בורזשוי, און אויפן זיידן מאירן שרייט אָן דער טאַטע ער זאָל נישט גייען אויף דער בערזשע, ווייל ער וועט דאַרפן פאַר אים צאָלן שטייערן.

— בערזשע, בורזשוי, — דרייט זיך ביי אורין אין קאָפּ, — בורזשוי, בערזשע...

— מלכה, — פרעגט אורי, — זאָג: אַז מען גייט אויף דער בערזשע איז מען אַ בורזשוי?

נאָר מלכה שלאָפט שוין פעסט. זיצנדיק אין „לעניך־ווינקל" האָט זי זיך אַביסל אַראָפּגעגליטשט פון שטול. עס דאַכט זיך: אָט־אָט וועט זי זיך אַראָפּזעצן אין שלאָף אויף דער פּאָדלאָגע, זי האַלט די הענט אויפן בויך מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי זי האָט מורא, מען זאָל ביי איר פון דאָרט עפּעס נישט אַרויסגנבענען, און איר קעפל מיט די פאַרמאַכטע אויגן הענגען איר מאָדנע־קרום אָן אַ זייט. אירע אַלטע וועלקנדיקע בעקלעך פלאַמען; מיט מלכהן איז שטענדיק אַזוי: אָדער זי טוט אָן אַרבעט אין קיך, אָדער זי שלאָפט.

ביי אורין אין קעפל דרייען זיך אַלץ פאַרשידענע געדאַנקען; ער פאַרשטייט נישט:

— דער זיידע מאיר וויל גיין אויף דער בערזשע. ער וויל זיין אַ בורזשוי, לאָזט אים דער טאַטע נישט און שרייט אויף אים: „גיי אַהיים!", „די רגע!", „הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?!" און ער, אורי, וויל פאָלגן סטערקען — ער וויל אָפּוואַשן אין וואַש־קיך די פּאָדלאָגע, כדי נישט צו זיין מער קיין בורזשוי, נאָר אויך אויף אים שרייט דער טאַטע:

— „איך הייס נישט וואַשן קיין פּאָדלאָגעס!"

— „גיי די רגע אין שטוב אַריין!“.

ביי אורין אין קאָפּ דרייט זיך:

— בורזשוי, בערזשע... בערזשע, בורזשוי... און וואָלט כאָטש דער טאַטע זאָגן: אַ בורזשוי איז גוט צו זיין, אָדער אַ בורזשוי איז שלעכט צו זיין.

אורי טראַכט וועגן דעם אַזוי לאַנג ביז זיינע אויגן הייבן אָן זיך צוצושליסן. ער ווערט אַנדרעמלט.

אַז זיינע עלטערן קערן זיך אום פון גאַס, טרעפן זיי אורין מיט מלכהן איינגעשלאָפענע אין ביידע זייטן ביים פאַרפוצטן טישל, וואָס אין לענין־ווינקל. אורי דרעמלט אויף איין שטול: זיין קעפל איז פאַר־וואַלגערט אויף ביידע עלנבויגנס אויפן רויטן טישל. מלכה דרימלט אויפן צווייטן שטול: איר קאָפּ הענגט איר מאָדנע קרום אויף אַ זייט. עס דאַכט זיך: אָט־אָט גליטשט זי זיך אַראָפּ אויף דער פּאָדלאָגע. און אויף זיי ביידן קוקט אַראָפּ פון וואַנט־ווינקל לענינס אויפגעהאָנגען בילד, קוקט ערגעץ ווייט איבער די דרעמלענדיקע קעפּ פון אַן אומ־רויק קינד און פון אַן אַלטער אויסגעמאַטערטער דינסט.

# אַ יוביליאַר

# אַ יוביליאַר

ביים אַריינפאָר אין פאַבריק, אַרום שטיין-געבליבענעם רעגן-וואַסער, שוואַרצט זיך אונטערן פאַרוואָלקנטן הימל אַ קליין בלאָטקעלע.

דאָס בלאָטקעלע איז, ווי פאַר אַ וואָקזאַל, פיל שוואַרצער פון אַלערליי בלאָטעס (מען שיט אין דעם שטויב פון צעריבענע שטיינקוילן). אויפן שטיין-געבליבענעם רעגן-וואַסער גליטשט זיך דער קאַלטער ווינט, קנייטשט אויס אויף איר די פאַלדן פון די ערשטע, קאַלטע פרילינג-טעג.

דער טויער פון פאַבריק איז וואָכעדיק געשלאָסן.

אין דער טיף פון הויף ציטערן די געדערים אין אַלע נידעריקע קאָרפוסן. עס קלאַפן אונטער זיי אַלע קוזשניעס. עס פילט זיך אַ וואַרגנדיקער ריח פון ברענענדיקן אַנטראַציט. ערגעץ נישט ווייט, דאַכט זיך, סאָפעט און זידט אַ שטאַרק אָנגעהייצטער לאָקאָמאָטיוו. אַקעגן אין דער פילפענצטערדיקער גוס-אָפטיילונג שווינדלען הין-און-צוריק געשווינדע, אָנגעגליטע אייזנס, פאַרכמאַרעטע, ווי דער קאַלטער טאָג אין אָנהויב פרילינג. אונטער די קוזשניעס פאַרניטעוועט מען אויסגעפאַרטיקטע אַקערס און באָראָנעס. עמיצער שרייט דאָרט:

— הער נאָר דו! לאָפאַק! בוץ איינער!

פונעם קליינעם געמויערטן וועכטער-שטיבל, וואָס האָט דאָרט ביים טויער אַ בשותפותדיקן דאַך מיט דער גרויסער פאַבריק-וואַנט, זעט דאָס אַלץ דורכן פענצטער דער וועכטער און וואָג-מייסטער טימאָך ניעזאַבודקאָ — אַ גראָלעכער און געזעצטער אינוואַליד מיט

קליינע שאַרפע אייגעלעך און מיט אַ קליין קיילכיק פליכעלע פונקט אינמיטן קאָפּ (זיין לינקע האַנט האָט ניעזאַבודקאָ צוריק מיט עטלעכע יאָר פאַרלוירן טאַקע דאָ אין פאַבריק, געוואָרן אויס אַרבעטער, באַקומען די שטעלע פון וועכטער און וואָג־מייסטער).

ביי ניעזאַבודקאַן רויטלען זיך הייַנט פון גאַנצפרי אָן די באַקן.

אין אַלץ, וואָס אַרום אים אין פאַבריק טוט זיך, זעט ער, אַז דער טאָג איז אַ טיף וואָכעדיקער, אַ גרוי־גרויער מיטוואָך, וואָס האָט פאַר זיך שוין לאַנג קיין באַזונדערע יום־טובים נישט געהאַט און וועט זיי נאָך זיך לאַנג נישט האָבן. וועגן דעם דערציילן אין פאַבריק סיי די רויקע גלייכמעסיקע קלעפּ פון די האַמערס, סיי דער ווייטער גערודער פון די וואַגאָנעטקעס, סיי דער געדיכט־שוואַרצער רויך, וואָס זעצט פונעם הויכן פאַבריק־קוימען.

נאָר ניעזאַבודקאָ אַליין פילט זיך דאָך ווי יום־טובדיק.

ער איז אָנגעטאָן אין אַ פריש־געוואַשן העמדל, אין די הויזן און אין די שיך, וואָס ער טראָגט אין אַ רו־טאָג. זיינע שיך גלאַנצן, נאָר אים ווילט זיך זיי אַלץ פוצן און פוצן. ער פילט אַ באַדערפעני׳ש זיך אָנצוטאָן אַזעלכן ס׳נישט איז ווילטאָג, אַריינפּאַקן אין זיך עפּעס אַ פיינעם מאכל, ווי אום יום־טוב, רעדן מיט מענטשן ווייך, ווי אום יום־טוב, און בכלל טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס אינדערוואָכן טוט זיי קיינער נישט. ער ענטפערט דעריבער מיט אַ זעלטן־ברייטער הרחבהדיקייט אַלעמאָל, ווען מען רופט אים אָן פון קאַנטאָר צום טעלעפאָן:

— כאַראַשאָ...

— פּראַווילנאָ...

ווי גלייך די פאַראָרדענונגען וועגן אַריינפאָרנדיקע און אַרויספאָרנדיקע פורן גיט אָפּ נישט די קאַנטאָר אים, נאָר ער דער קאַנטאָר.

נאָכדעם ווי ער הענגט צוריק אויף דאָס רערל פונעם טעלעפאָן טוט ער אַלעמאָל אַ גלעט די האָר אויף זיין קאָפּ — אַ גלעט אַ פאַמעלעכן און מיט דעם גאַנצן פלאַך פון דער איינציקער האַנט, אָנהייבנדיק פונעם קליינעם קיילעכדיקן פליכעלע און אויסלאָזנדיק נידריק ביי די אויערן. ער וועגט דאַן דורכן פענצטער פורן מיט משא, ווי מען הייסט אים פון דער קאַנטאָר, ער נעמט ביי זיי אָפּ די אָרדערס,

נאָר טאָן טוט ער דאָס מיט ציכטיקייט, פּאַמעלעכער ווי תּמיד, ווי איינער, וועמען עס איז אין אַ גרויסן חגא-טאָג אויסגעפאַלן צו טאָן אַ וואָכעדיקע אַרבעט און ער זאָגט זיך פון איר נישט אָפּ, ווייל די אַרבעט איז באַזונדערס נויטיק, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אים פאַרבייטן.

— איש טי! — חזרט ער מיט זיך אַליין, ווי איינער, וועמען מען האָט פּלוצים אָנגעזאָגט אַ גוטע בשורה און ער וויל זי נישט פאַרגעסן, — איש טי... טאַקע אַזוי פּאַמעלעך... אַ?.. פינף-און-דרייסיק...

---

געקומען זענען צו ניעזאַבודקאָן אָט די געפילן נאָך נעכטן פאַר-נאַכט — געקומען זייער אומגעריכט, ווען פון דער פאַבריק האָבן אין געמישטע צעוואָרפענע רייען אויסגעשאָטן די אַרבעטער מיט די אָנ-געשטעלטע, און ער האָט נאָכן לעצטן פון זיי געשלאָסן דעם טויער.

ווי אַלע פאַרנאַכט, איז ער דענסטמאָל אויך אַ ווײַלע אַוועק זיך קויפן עפּעס אויף וויעטשערע אין נאָענטן קרעמל — דעם איינציקן דאָ אין עק גרויסער שטאָט ביי דער פאַבריק. ער האָט ווי אַ וואָ-כעדיקער מענטש געקלערט פשוט וועגן עפּעס וואָכעדיק-געזאַלצנס:

— אַ הערינגל, למשל...

נאָר אין קרעמל איז פּונקט דענסטמאָל אויסגעגאַנגען קעראָסין. דער קרעמער האָט זיך שיער נישט געעקט אין וואַרטעניש אויף זיין ווייב, וואָס דאַרף יעדע רגע מיט קעראָסין פון שטאָט אָנקומען, און האָט דערווייל קיין סחורה נישט אָפּגעלאָזט.

אין דער טונקלקייט, וואָס אין קרעמל, האָט צוגלייך מיט ניע-זאַבודקאָן געוואָרט אַ נאָענטע שכנה אַ וועשערין און נאָך איינע זייער אַ גראָבע קריסטין, אַ געוועזענע קעכערין ביי אַ געוועזענעם פריץ. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך גאַנץ שטיל, נאָר ווייל אין קרעמל איז געוואָרן פון רגע צו רגע מער טונקל, ווייל פון אַלע סאָבאָרן און געוועזענע מאָנאַסטירן, וואָס אין שטאָט, האָט ערגעץ וויט זייער בייז און פאַרביטערט, ווי אויף אונטערצורייסן זיך, געקלונגען נישט מער ווי איין קלויסטערל, האָט זיך דעריבער געדאַכט, אַז זייער בייז

און פאַרביטערט איז אויך יעדער זיפץ און יעדעס וואָרט, וואָס די גראָבע געוועזענע קעכערין רעדט אויס צו דער וועשערין — זי דערמאָנט איר, אַז פון היינט אָן ביז צו דער אמתער אַלטער פּאַסכע איז שוין געבליבן נישט מער, ווי פונקט אַזויפיל און אַזויפיל טעג, אַז דער היינטיקער טאָג האָט תמיד געהאַט אַ פייערדיק־רויט בלעטל אין קאַלענדאַר, אַז אַרבעטן פלעגט דאַן אין אָט דעם טאָג קיינער נישט — „באַראָנע באָזשע"... אַז אויב אין דעם טאָג איז צו נאַכט צו געווען אַ קליין פרעסטעלע, פלעגט עס זיין אַ סימן, אַז די טעג פון פּאַסכע וועלן אַלע זיין זוניקע, וואַרעמע.

די גראָבע האָט נישט אויפגעהערט צו זיפצן:

— אַך, אָט דער היינטיקער פאַרנאַכט, מאַמעניו מיינע!.. אַך, אָט דער היינטיקער פאַרנאַכט. און איצט, אַ?.. מאַמעניו מיינע?..

איצט איז געבליבן נישט מער, ווי שטיין דאָ אין פינצטערן קעמערל און, וואַרטנדיק אויף קעראָסין, זיך איינהערן, ווי פון אַלע סאָבאָרן און געוועזענע מאָנאַסטירן אין שטאָט קלינגט סך־הכל איין קליין קלויסטערל. קלינגט לאַנג, בייז און פאַרביטערט, ווי אויף עמעצן אונטערצורייסן, אַקוראַט ווי מיט יעדן פאַרביטערטן קלאַנג וויל מען דאָרט שעלטן אין טאַטן אַריין אַלע איינגעפירטע נייעסן אין לאַנד...

טימאָך ניעזאַבודקאָ איז אפילו אין די אַלטע ווייט־אַנטלאָפענע יאָרן קיין איבעריקער מאמין נישט געווען. די זיפצן און די קרעכצן פון דער גראָבער געוועזענער קעכערין האָבן איצט אויף אַ מאָדנעם אומבאַגרייפלעכן אופן באַליידיקט אין אים דעם פריי־געוואָרענעם ערלעך־אויסגעדינטן מענטשן, וועלכן מען רופט איצט אין פאַבריק אויף אַלערליי פאַרזאַמלונגען, — סיי אויף אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער פאַבריק, סיי צום אַרומיקן לעבן אין שטאָט. ער האָט דעריבער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַ טראַכט געטאָן, זיך דערמאָנט פּינקטלעך, וויאַזוי אַמאָל איז געווען, און האָט נישט מסכים געווען מיט דער גראָבער קעכערין.

— דעם רייכן — האָט ער געזאָגט — איז געווען גוט אפילו אינדערוואָכן. דעם אָרימען, ווידער, איז געווען ביטער אפילו אום יום־טוב.

ער האָט ווידער אַ טראַכט געטאָן, נישט קוקנדיק צו קיינעם אַ

בלאָז געטאָן זיין ליידיקן גוידער און האָט צוגעגעבן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט ליב צו זאָגן אַפילו וועגן דעם אייגענעם טאַטן דעם ריינעם אמת:

— דעם אמת געזאָגט, פלעגן פון אַזעלכע יום־טובים קיינער נישט הנאה האָבן אויסער דעם דיאַק און דער גלח.

די גראָבע קעכערין האָט זיך גענומען בייזערן, האָט עס אים שוין פאַרדראָסן.

— שאַ, און דו, — האָט ער איר איבערגעשלאָגן, — און ווי פלעגט זיין דיר אין יענע יום־טובים? ביי דיינע פריצים פלעגן זיך אַ גאַנצן טאָג נישט צומאַכן די מיילער, און דו פלעגסט אַ גאַנצן טאָג שטיין ביים פלאַקערדיקן אויוון און פאַר זיי קאָכן און באַקן.

ער איז אַוועק פון קרעמל מיט פאַרדרוס אויף דער קעכערין:

— נישקשה... זי אַליין פלעגט דאָרט ביים פלאַקערדיקן אויוון פון אירע פריצים זיך אויך נישט נאַרן, — אויך האַלטן דעם גאַנצן טאָג אין איין קייען. נישט אומזיסט וועגט זי נאָך ביז היינט אַ פוד זיבן.

נאָר שפּאַנענדיק פאַמעלעך פונעם קרעמל צוריק צו זיין וועכטער־שטיבל, האָט ער אומגעריכט זיך דערמאָנט, וויאַזוי אין דעם טאָג פון וועלכן עס איז נאָך געבליבן פונקט אַזוי און אַזויפיל טעג צו דער אַלטער פאַסכע, האָט מען אים אויף אַ וואָגן מיט אָקסן צום ערשטן מאָל געפירט פון דאָרף אין שטאָט אַריין, און נישט גלאַט אַזוי געפירט, נאָר אויף שטענדיק שוין, אויף מער פון שטאָט נישט אַוועקצופאָרן. זיין מאַמע האָט אים דענסטמאָל געלאָזט ביי אירן אַ פעטער, וואָס האָט אין עק שטאָט געהאַלטן אַ „טשיינע"... און דער פעטער האָט אים אויף מאָרגן גאַנצפרי אָפּגעפירט אַהער אין דער פאַבריק, ווו קיין קאָרפוסן זענען נאָכנישט געווען, און געאַרבעט האָט מען בלויז אין דריי גרויסע קוזשניעס:

— וואַרט נאָר... איז דאָס געווען פונקט אין אָט דעם טאָג...

אויב מען זאָל נעמען אין חשבון, אַז ביז מען האָט אים צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, האָט ער אָפּגעדינט אין דער פאַבריק איבער פיר יאָר, וועט אויסקומען, אַז אין פאַבריק האָט ער זיך געשטעלט אַרבעטן בעת ער איז אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן. אויב מען זאָל רע־כענען, ווי עס ווערט געזאָגט אין זיינע פאַפירן, אַז פון זינט ער

האָט זיך אומגעקערט פון סאָלדאַטן ביז עס האָט אים אָפּגעריסן די האַנט, האָט ער ווידער געאַרבעט דאָ אויף דער פאַבריק גאַנצע ניינצן יאָר, וועט אויסקומען, אַז ווען עס האָט אים אָפּגעריסן די האַנט, איז ער אַלט געווען פונקט פיר-און-פערציק. זינט דעמאָלט איז ער שוין אַכט יאָר אַ וועכטער און אַ וואָג-מייסטער. איז ער, הייסט עס, אַלט פיר-און-פערציק און אַכט, סך-הכל צוויי-און-פופציק, נאָר אַזויווי בעת ער איז אַהער געקומען פון דאָרף איז ער אַלט געווען אַרום זיבעצן, קומט עס, הייסט עס, אויס, אַז דער חשבון איז טאַקע פינקטלעך, — אַ ריכטיקער חשבון — דאָ אויף דער פאַבריק, הייסט עס, אַרבעט ער שוין גאַנצע פינף-און-דרייסיק יאָר:

— אַ? מאָרגן ווערט עס, הייסט עס, פונקט פינף-און-דרייסיק...

פאַרטיפט אין די אויסרעכענונגען האָט ער געמאַכט פייער ביי זיך אין וועכטער-שטיבל און האָט נישט באַמערקט, ווען און וויאַזוי ער האָט דאָרט אַריינגעקנאַקט אין זיך זיין אָוונט-ברויט. דער חשבון אַליין האָט אים עפּעס מאָדנע פאַרכאַפּט:

— אַ קליינינקייט?.. גלייך פינף-און-דרייסיק, און פינקטלעך... זאָל עס פעלן אַ טאָג.

אים האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט אַ רעד טאָן וועגן דעם מיט אַ מענטשן, האָט ער פאַרוויכערט אַ ציגאַר און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. דאָרט איז ער געבליבן שטיין, זיך דערמאָנט וויאַזוי די שטאָט האָט אויסגעזען, ווען ער איז אין איר אָנגעקומען — די גאַנצע בולוואַר-גאַס, וואָס ציט זיך אַהער מיט אירע טאָפּאָל-ביימער פון סאַמע מיטן שטאָט, איז נאָך גאָר דענסטמאָל קיין גאַס נישט געווען, אפילו נישט — דאָרט אין צענטער, ווו זי הייבט זיך אָן.

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נאָר פּלוצים פון די געדאַנקען אויפגעוואַכט צוליב אַ גאָרנישט, — צוליב אַ הוסט, וואָס ער האָט געטאָן נאָך אַ שטאַרקן פאַרצי — דער הוסט האָט אין זיינע אייגענע אויערן אַ קלונג געטאָן ווי נישט קיין פּשוטער:

— א הוסט פון „פינף-און-דרייסיק”.

דער הוסט עפּעס אַ וואַזשנער, אַ באַזונדערער, האָט אים דאָ גע-געבן צו פילן, אַז מיט עפּעס איז ער עלטער פון עמיצן, מיט עפּעס

איז ער וויכטיקער פון עמיצן, כאָטש פון וועמען איז ער עלטער און פון וועמען איז ער וויכטיקער איז אים קלאָר נישט געווען.

ער האָט אַזוי פּאַמעלעך אַוועקגעשפּאַנט פריער צום געשלאָסענעם קרעמל און נאָכדעם ווייטער — צו דער באַלויכטענער באַנק, ווו עס לאָזן זיך אויס די רעלסן פונעם שטאָטישן טראַמוויי.

אַ ליידיקער באַלויכטענער וואַגאָן איז דאָרט געשטאַנען אין גרויס לאַנגווייליקייט און געוואַרט אויף אַ צווייטן, וואָס וועט אָנקומען פון שטאָט מיט אַ קוויטש ביים פאַרקערעווען.

לעבן וואַגאָן האָבן געגענעצט דער קאָנדוקטאָר און דער פירער.

ניעזאַבודקאָ איז דאָרט געזעסן אַביסל אויף דער באַנק.

אויף דעם קאָנדוקטאָר — אַ יונג מענטשל מיט זייער אַ מאָגער יידיש פּנים — האָט ניעזאַבודקאָ אַ לענגערע ווײַלע געקוקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז זייער געראָטן אינעם שוואַרץ-געקרייזלטן אַראָנ-טשיקן, דעם סאַמע פריילעכסטן און לעבעדיקסטן פון די יידן, וואָס וואַרפן זיך דורך צווישן די פיל אַרבעטער אין פאַבריק. ניעזאַבודקאָ האָט ענדלעך אַ זאָג געגעבן צו אים זייער רויק, נאָר גאַנץ זיכער און האַרציק, ווי ער וואָלט ממשיך געווען אַן אַלטן איבערגעריסענעם שמועס:

— נו אָט... איצט ביסטו דיר אַ קאָנדוקטאָר... און אין די אַלטע צייטן פלעגט מען דאָ קיין יידן צום טראַמוויי נישט צולאָזן... אפילו נישט אויף רפואה. שוין לאַנג, אַז דו דינסט ביים טראַמוויי?

דער מאָגערער יידישער יונגערמאַן — דער קאָנדוקטאָר — האָט צוערשט אַ קוק געגעבן אויפן עלטערן „קריסטלעכן" פירער, ווי ער וואָלט זיך ביי אים אָנפרעגן, צי עס איז כדאי צו ענטפערן. ער האָט אַראָפּ-געשלונגען מיט אַזאַ אויסזען, ווי עס טוט אים וויי אין האַלדז.

— שוין דריי וואָכן. — האָט ער געזאָגט.

— נו אָט... און איך אויך, — האָט געזאָגט ניעזאַבודקאָ, — שוין פינף-און-דרייסיק יאָר... דאָס הייסט — מאָרגן... מאָרגן ווערט פונקט פינף-און-דרייסיק... עס זאָל עס פעלן אַ טאָג.

און ווי נאָר ער האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי באַלד איז אים גע-וואָרן אַ שאָד, וואָס ער האָט דאָס געטאָן. עס האָט זיך פונוויטנס דער-הערט אַ קוויטש פונעם באַלויכטענעם טראַמוויי, וואָס קומט פון שטאָט.

דער קאָנדוקטאָר מיטן פירער זענען געשווינד אַוועק אָקעגן מיט זייער באַלויכטענעם וואַגאָן און ניעזאַבודקאָן מיט זיינע „פינף-און-דרייסיק יאָר" אפילו קיין גוטע נאַכט נישט געזאָגט.

— זעסט, צי ניין? — האָט זיי ניעזאַבודקאָ נאָכגעקוקט מיט אַ בייז פייערל אין די אויגן.

כאָטש פינקטלעך וויסן, פאַרוואָס ער איז אויף זיי ברוגז, האָט ער נישט געוווּסט.

מיט חרטה, וואָס ער איז אַהער געקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און איז אַוועק אין שאָק-פינצטער צוריק צו זיין וועכטער-שטיבל. ביים האַרצן האָט גענאָגט עפּעס אַן אומבאַשטימטע רייצנדיקע באַליידיקונג. עס איז אויסגעקומען: איבער אָט דעם חשבון מיט די „פינף-און-דרייסיק יאָר" איז אים היינטיקן אָוונט עפּעס ערגער ווי אַלע אָוונט. אויסטוענדיק זיך און אַריינלייגנדיק זיך אין זיין נידריק אייזערנעם בעטל, האָט ער דעריבער גענומען נאָכאַמאָל איבעררעכענען אויפן קאָפּ, אפשר איז גאָר דער חשבון נישט ריכטיק:

— אויפן זיבעצעטן יאָר אָנגעקומען אין פאַבריק... פיר יאָר געאַרבעט ביז סאָלדאַטן-דינסט... ניינצן יאָר ביז עס האָט אָפּגעריסן די לינקע האַנט... איז וויפל מאַכט עס צוזאַמען?

עס האָט זיך געדאַכט: אַלע אומרויקע געפילן, וואָס האָבן זיך היינטיקן אָוונט באַזעצט אונטער דער ברוסט, נעמען זיך בלויז פון דער באַגעגעניש מיט דער גראָבער געוועזענער קעכערין אין קרעמל:

— צו אַלדי רוחות — אָט די גראָבע פּאַסקודנע „קענדיכע"...

עס האָט זיך געוואָלט געפינען אינעם חשבון כאָטש אַוועלכן נישט איז טעות, פּטור ווערן פון דער אומבאַשטימטער בענקשאַפט, וואָס האָט אים געצויגן צו דער באַלויכטענער באַנק, צום שמועס מיטן קאָנדוקטאָר, און אַנטשלאָפן ווערן פעסט און שטאַרק ווי אַלע נעכט. נאָר דער חשבון איז אויף צו להכעיס געווען אַ ריכטיקער:

— פונקט... פינף-און-דרייסיק... זאָל עס פעלן אַ טאָג...

---

ביינאַכט:

ניעזאַבודקאָ איז אי יאָ געשלאָפן. אי נישט געשלאָפן. באַזונדערע

צעריסענע שטיקלעך נאַכט זענען געווען צונויפגעהעפט, ווי מיט פּאַר סטריגעס, און צווישן איין שטיקל און צווייטן האָבן זיך געוואַלגערט איינציקע צאָלן פונעם חשבון:

— פיר יאָר ביז סאָלדאַטן-דינסט.

— ניינצן — ביז עס האָט אָפּגעריסן די לינקע האַנט...

— איז הייסט עס אינאיינעם?

מיט טאָגלעך, נאָך איידער ניעזאַבודקאָ האָט זיך אויפגעכאַפּט:

עס האָט אים אין לעצטן גרינגן שלאָף באַהערשט אַ צאַרט און ליכט געפיל, גלייך דער קומענדיקער טאָג איז אַ באַזונדערער, אַ ליבער, אַ האַרציקער, אַ נישט געוועזענער... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פריער ווי אַלע טאָג:

— פינף-און-דרייסיק... אַ? פונקט...

כדי זיך איבערצייגן, אַז דער טאָג איז אַ וואָכעדיקער, האָט ער אינדרויסן אונטערן קראַן גוט-גוט באַנעצט די ריטלעך פונעם הויף-בעזעם און איז אַוועק מיט אים צו די קאָרפּוסן. דאָרט האָט ער דעם שפּיץ פונעם לאַנגן בעזעם-שטעקן פאַררוקט טיף אונטער דער פאַכוועס פון זיין קורץ-אָפּגעשניטענער האַנט, דעם שטעקן אַליין אָנגענומען פעסט מיט דער רעכטער האַנט און מאַכנדיק געשווינדע האַלבע קרייזן מיט זיין גאַנצן קערפּער האָט ער אויסגעקערט זייער ריין לעבן אַלע אַריינגאַנגען אין די קאָרפּוסן, פאַרן טויער און דורכאויס אַרום זיין שטיבל. ער האָט געאַרבעט זייער הייס, אַזוי אַז די נאַס-געוואָרענע האָר האָבן אָנגעהויבן צושטיין צום שטערן. צום לייב האָט זיך צוגעקלעפּט דאָס העמד, — ער האָט בכלל געהאַלטן פונעם כלל, אַז מיט אַ רעכטן שוויץ-טאָן קאָן מען אַרויסטרייבן פון זיך נישט נאָר פאַרשידענע קרענק, נאָר אויך אַלערליי משוגעתן.

אָבער ווי נאָר ער האָט געענדיקט און דערזען אַרום זיך דעם אויסגעקערט-ריינעם פּלאַץ, אַזוי באַלד האָט זיך אים פאַרגלוסט זיך גוט אָפּוואַשן פון וווילטאָג ווענן.

פונעם געשמאַקן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט בשעתן וואַשן געהאַט, האָט ער ווידער דערפילט מיט אַלע חושים, אַז דער טאָג איז אַ באַזונדערער. די קאָרפּוסן, האָט זיך אים געדאַכט, קוקן אויף אים ביי גרויצן שאַריען מיט פיל מער גלויבן, ווי אויף אַלע מענטשן, מיט פיל מער

וואַרימקייט, ווי אין אַלע טעג, ווײַל היינט ווערט פינף-און-דרייסיק זינט זיי קענען אים.

מיט אַ שעה שפּעטער, ווען די אַרבעטער האָבן מיט פאַרשלאָפענע, פריש-געוואַשענע פּנימער אָנגעהויבן קומען אין פאַבריק, איז ניעזאַבודקאַ שוין געווען אָנגעטאָן אין אַ פריש-געוואַשן העמדל, אין די הויזן און אין די שיך, וואָס ער טראָגט אין אַ רו-טאָג. מיט אַ כּיוון, די אַרבעטער זאָלן דערזען אויף אים דעם יום-טובֿ און זאָלן זיך וועגן דעם פֿונאַנדערפרעגן, האָט ער זיי אויפגעשלאָסן דעם טויער פאַמעלעך, זייער פאַמעלעך.

נאָר ביי די אַרבעטער, בעת זיי גייען אין פאַבריק, זענען די אויגן תּמיד געווענדט נישט צו דעם, וואָס עפנט זיי דעם טויער, נאָר צו די קאָרפּוסן און צו דער קאַנטאָר, ווו פאַר פאַרשפּעטיקטע מינוטן צאָלט מען דעם שטראָף, וואָס פאַר אַ גאַנצער האַלבער שעה.

בלויז מיט איין מענטשן האָט זיך דאָרט ניעזאַבודקאָן איינגעגעבן אַ שמועס צו געבן — מיטן איבערגעוואַקסן-לאַנגן שוואַרצן מיידל, וואָס קומט פּינקטלעך צען אַזייגער און אַרבעט דאָ אַלע טאָג פיר שעה, ווי אַ ציין-דאָקטאָרין.

— אַ גוטינקער מאָרגן אייך, קלאַראַ מאָיסעיעוונאַ. — האָט ער איר היינטיקס מאָל, ווי מיט שמחה, אויפגעשלאָסן דאָס קליינע טירל.

ער האָט איר שיער נישט געזאָגט:

— אַ גוטינקער יום-טובֿ אויף אייך...

דאָס מיידל איז געבליבן שטיין מיט די הענט אין דער מופטע און האָט אויף אים פאַרוווּנדערט אַ קוק געגעבן. זי איז געווען נישט קיין שיינע. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט טרויעריק און קאָסע. זי האָט געקענט ניעזאַבודקאָן, ווי זי קען אַלע אַרבעטער, ביי וועלכע זי האָט שוין דאָ נישט איינמאָל געהיילט די ציין. און ווײַל זי איז נאָך אַלץ פאַרוווּנדערט געשטאַנען, האָט ניעזאַבודקאָ, נישט קוקנדיק מער צו איר, געמוזט אַ בלאָז טאָן דעם ליידיקן גוידער, אַ מאַך געבן מיטן קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און זיך ווי פאַרענטפערן, וואָס ער האָט זי אָפּגעשטעלט.

— נו, יאָ... — האָט ער אַ מורמל געטאָן, — האָט קיין פאַראיבל נישט... אַזוי איז עס... שוין פינף-און-דרייסיק יאָר, אַז איך אַרבעט דאָ אויף דער פאַבריק... היינט ווערט עס, הייסט עס... פונקט... עס זאָל פעלן אַ טאָג.

— אַך, אַזוי?..

דאָס מיידל האָט ווי לייכטער אָפּגעזיפּצט:

— און איך אויך, — האָט זי טרוקן צוגעגעבן, — שוין באַלד פינף יאָר... פינף יאָר, אַז איך גיי אַהער טאָג איין, טאָג אויס. פינקטלעך צען אַזייגער עפּנסטו מיר דאָ דאָס טירל און פּינקטלעך צוויי גיי איך אַוועק. און די שכירות, וואָס מען באַקומט ביים פאַלקאָמגעזונט — פעט ווערן קאָן מען פון זיי נישט... פינף יאָר, אַז איך גיי אַהער טאָג איין, טאָג אויס... אַ גוטן טאָג, טימאָך סידאָראָוויטש...

ניעזאַבודקאָ האָט אַזש אַ גראַבל געטאָן אין האַרצן פונעם טרויעריק-קרומלעכן בליק, מיט וועלכן זי איז פון אים אַוועקגעגאַנגען; אים האָט זיך געדאַכט, אַז פאַר די „פינף יאָר, וואָס זי גייט אַהער טאָג איין, טאָג אויס", מאָנט זי עפּעס אַרויס ביי אים, ניעזאַבודקאָ, וועלכער אַרבעט דאָ שוין טאָג איין, טאָג אויס פינף-און-דרייסיק יאָר.

---

איצט איז שוין שפּעט נאָך האַלבן טאָג.

פאַרן פאַבריק-טויער, אַרום דעם שטיין-געבליבענעם רעגן-וואַסער שוואַרצט זיך, ווי פאַר אַ וואָקזאַל, אַ שוואַרץ בלאָטקעלע. אויף דעם שטיין-געבליבענעם רעגן-וואַסער גליטשט זיך דער קאַלטער ווינט, קנייטשט אויס הין און צוריק די פאַלדן פון די ערשטע קאַלטע פרילינגס-טעג.

ניעזאַבודקאָ זיצט ביי זיין אַרבעט אין וועכטער-שטיבל און אַז ער וועגט דורכן פענצטערל די אַריינפאָרנדיקע וואָגנס מיט קוילן, האָט ער אַזאַ געפיל, ווי ער טוט עס אום יום-טוב. אַלעמאָל, ווען מען רופט אים אָן פונעם קאַנטאָר דורכן טעלעפאָן, ענטפערט ער מיט ברייטער הרחבהדיקייט:

— כאַראַשאָ... פּראַווילנאָ!

און אין די פויזעס, וואָס צווישן איין אַרבעט און דער צווייטער, ציילט ער ביי זיך אויפן טישל זיין אָפּגעשפּאָרט „קניפל". ער טיילט עס אויף פאַרשידענע טיילן. ער קוקט אויף דעם ביזלעך און פילט אין דעם די מעגלעכקייט ענדלעך פּטור צו ווערן פון אַלע יום-טוב-געפילן און פון אַלע דערעסטענע אויסרעכענונגען, וואָס הייבן זיך אַלע אָן מיט די אום-פאַרמיידלעכע צאָלן:

— פיר יאָר ביז סאָלדאַטן-דינסט... ניינצן יאָר ביז עס האָט אָפּגעריסן די לינקע האַנט.

ער וויל צוריק ווערן אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן.

דאָס גאַנצע „קניפּל" באַטרעפט פונקט 17 רובל מיט 28 קאָפּ. 7 רובל מיט 28 קאָפּיקעס מוז מען איבערלאָזן נישט גערירט, ווייל אַ מענטש איז נישט ביי זיך אין די הענט. קיינער ווייסט נישט, וואָס מיט אים קאָן טרעפן מאָרגן. נאָר די צען רובל — די צען, וואָס ליגן ביי אים אויפן טישל אין צוויי קופּקעלעך פון נייע זילבערנע האַלבע קערבלעך — זיי קאָן מען אָפּגעבן אויף איינע פון די זאַכן, אויף וועלכע מען זאַמלט דאָ אין דער פאַבריק, זי אויסקויפן מיט זיי פון דעם, וואָס היינט ווערט פונקט „פינף-און-דרייסיק יאָר" — און אַן עק, אויס, פּטור. מען קאָן זיי אָפּגעבן, צום ביישפּיל, אויף „אַוויאָכים", אויף „מאָפּר", אָדער גאָר פאַר די אויסלענדישע באַרג-אַרבעטער. דער שוואַרץ-געקרייזלטער אַראָנטשיק יאָגט זיך דאָ שטענדיק אַרום צווישן די אַרבעטער מיט אַ געשטעמפּלטער ליסטע מאָלט ווי אַ מיל וועגן די צרות און נויטן, וואָס די באַרג-אַרבעטער האָבן אויסצושטיין...

בלאָטע!

צען רובל גייען נישט צופּוס. גרינג צו זאָגן: נעם און גיב. פונעם הימל וועט זיי דיר קיינער נישט אַראָפּוואַרפן.

ניעזאַבודקאָ ציילט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל די זעלביקע האַלבע רובלען און קוקט אויף זיי, ווי אויף אַ שונא. נאָר פון דער אַנדערער זייט: אָט ווערט נאַכט. די אַרבעטער הייבן אָן אַוועקצוגיין, — עס פייפט אין דער מאַשינען-אָפּטיילונג דער לאַנגער, פריילעכער פייף, וואָס זאָגט אָן, אַז די אַרבעט איז געענדיקט... ניעזאַבודקאָ וויל אויך ווערן אַ פרייער מענטש... פריי גלייך מיט אַלע אַרבעטער...

ניעזאַבודקאָ געדענקט, ווי ער איז נעכטן געגאַנגען צו דער באַלוויכטענער באַנק, וואָס לעבן דער טראָמוויי-סטאַציע, וויאַזוי ער איז דאָרט געבליבן זיצן מיט אומבאַשטימטע נאָגנדיקע געפילן, נאָכדעם, ווי דער טראָמוויי איז אַוועקגעגאַנגען, פול מיט חרטה, וואָס ער איז אַהין געגאַנגען — ניעזאַבודקאָ געדענקט דאָס אַלץ און וויל נישט, אַז היינט זאָל מיט אים דאָס זעלבע פּאַרקומען נאָכאַמאָל. ער שאַרט אויף גיך צונויף

פונעם טיש די זילבערנע האַלבע קערבלעך און גייט מיט זיי אַרויס אויפ־שליסן דעם טויער.

אין געמישטע צעוואָרפענע רייען שיטן אויס די אַרבעטער פון דער פאַבריק. זיי כאַפּן זיך צום טראַמוויי, אויף וועלכן מען קאָן נאָכדעם אָפּוואַרטן אַ האַלבע שעה; און מער ווי אַלע כאַפּט זיך דער שוואַרץ־געקרייזלטער, לעבעדיק־פּלוידערנדיקער אַראָנטשיק. ער זשומעט און טומלט, דורכשרייענדיק זיך אויפן וועג מיט אַרבעטער און אָנ־געשטעלטע, מיט וועלכע ער וועט זיך באַלד זעען אין שטאָט אויף אַ פאַרזאַמלונג... ניעזאַבודקאָ האָט אים ביים טויער אָנגעכאַפּט פאַר אַ האַנט:

— האַלט!...

— נאַ, — האָט ער געזאָגט, צו אַראָנטשיקן, — אָט האָסטו צען רובל... נעם עס צו... פאַר די אויסלענדישע באַרג־אַרבעטער דאָרטן... פאַר יענע, וואָס שטרייקן.

---

נו, און מער גאָרנישט.

ביינאַכט איז דער יוביליאַר ווידער געשלאָפן רויק און פעסט מיט אַזעלכע געשמאַקע שנאָרכערייען, וואָס יעדערער פון זיי האָט דעם ווערט צוואָנציק זילבערנע האַלבע קערבלעך. ער איז צוריק געווען אַ פּראָסטער מענטש, וואָס הייסט טימאָך ניעזאַבודקאָ. ער האָט געאַרבעט פיר יאָר ביז דער סאָלדאַטן־דינסט און ניינצן יאָר ביז עס האָט אים אָפּגעריסן די לינקע האַנט. איצט איז ער אַ וועכטער און וואָג־מייסטער.

# אין סטעפּ

# אין סטעפּ

מיט שטורמישן אָטעם פּאַטשן ווינטן אויף אַלע פּוסטע שטרעקעס — ווינטן רודערן אויף אַלע שטיבעלעך אין סטעפּ.

מיט עזות פון אַ הי־געבוירענעם איז דער ווינט — רעכטס פון וועג — אָנגעפאַלן אויפן גרויסן ברעזענטענעם געצעלט פון דריטן קאָ־לעקטיוו — אַן איינציקער געצעלט מיט הוילע שטרעקעס פון האָריזאָנט צו האָריזאָנט.

דעם געצעלטס שטייף־אָנגעצויגענע שיפּועדיקע לייוונטן האָבן זיך געבויגן, געבלאָזן, געענטפערט אויף יעדן באַנייטן ווינטיקן אָנפאַל מיט אַ קנאַקערײַ, ווי פיל שטאַרקע, ריזיקע ציינגער. זייער קנאַקערײַ האָט באַרויקט, צוגעזאָגט שוץ אויף אַ גאַנצן טאָג, אויף אַ גאַנצע נאַכט:

— מיר׳ן ביישטיין!

— אויסהאַלטן!

דער ווינט האָט זיך שטאַרקער אויף די לייוונטן אָנגעלענט.

פון הינטערן געצעלט איז אַרויסגעקומען מאַלי — באָרוועס, מיט טונקל־ברוינע צוויי־און־צוואָנציק־יאָריקע פּולקעס, מיט אַ צענפּונטיקן האַמער אין האַנט און מיט צוויי קורצע צעפּלעך, וואָס וואַקסן אין דער לענג ווילן זיי נישט, כאָטש גיב זיי אַ קרענק — זיי ווילן זיך קרויזן. מאַליס אומבאַשיידענער שטרענגער ברוגז נעמט זיך, דאַכט זיך, אויך נאָר פון דעם — פון שטענדיקן כעס אויף אירע צעפּלעך. אירע געשלאָסענע ליפּן זענען שטענדיק הייס. אירע טונקל־ברוינע אויגן טראָגן נאָך אין זיך די בושה פאַר אירע אייגענע ברוסטלעך, פאַר אירע אייגענע אויס־באַהאַלטענע מיידלשע באַגערן, נאָר אַז זיי גיבן דאָ אין סטעפּ אַ קוק

אויף אַ נייעם מענטשן, טוען זיי דאָס פּאַמעלעך און דורכדרינגענדיק — זיי ווילן וויסן:

— ער, דער נייער מענטש, איז בעסער פון אירע צעפלעך, צי ניין?

מאַלי איז אַרומגעגאַנגען דעם געצעלט פון אַלע זייטן, געפרווט מיט אַ פאַרהאַרטעוועטער באָרוועסער פּיאַטע יעדן איינעם פון די אַלכסונדיק פאַרשלאָגענע אייזערנע פלעקער, וואָס האַלטן דעם געצעלטס שטריק. די פלעקער זענען געזעסן פעסט אין דער ערד; דער האַמער איז אין אירע הענט געוואָרן אַן איבריקער און האָט זיך ווי אַליין אָוועקגעוואָרפן. דער ווינט האָט זיך מיט איר געפרייט, ער האָט זי גע־פּאַטשט אַמאָל אין די לישייעס פון איר ציגיינעריש־ברוינעם פּנים, אַמאָל העכער פון אירע פלייצעס, אינעם נאַקעטן נעגערש־פאַרברענטן אָרט, וואָס צווישן די צעפּלעך — און פלוצים האָט דער ווינט אין זנותניקער כאַ־פּעניש זיך געטאָן אַ דריי אַרום איר, זיך צוגעטשעפּעט, ווי אַ מאַנסביל, צו איר קורצן אַלטן קליידל און אָפּגעטאָן מיט דעם אַ ווילדע זאַך.

מאַלי האָט זיך געשווינד אַרומגעקוקט, אויב אַרום איר איז ווירק־לעך נישטאָ קיינער פון די באַקאַנטע מאַנסבילן. אין דער זעלבער רגע איז איר אַרויף אויפן זינען דער געקרייזלט־שוואַרצער קאָפּ פון ברוך דעם פעטער שמואלס און דער העלער כמעט־בלאָנדער קאָפּ פון פאַלעקן — דעם יונגן, נאָך קיינמאָל נישט געגאָלטן בחור, וואָס איז נישט לאַנג צוגעקומען צום שכנישן פערטן קאָלעקטיוו.

ברוך פירט זיך דאָ אַזוי, גלייך אַלע וויסן, אַז זי, מאַלי, וועט זיין זיין ווייב. ער רעדט מיט איר מיט אַזאַ קול, גלייך עס איז שוין אַפּאָר חדשים נאָך דער חתונה... מאַלי פילט צו אים דאָס זעלבע געפיל, וואָס צו אירע צעפלעך — אַרבעטן וויל ער נישט, ברוך, ער זוכט זיך גרינגע לעבער־לעך; דער קאָלעקטיוו, ווייסט זי, וועט פון אים האָבן צרות, דער פע־טער שמואל — אויך.

און פאַלעק איז גלאַט אַ פריילעכער. ער איז נאָך זייער אַ יונגער און האָט נישט קיין עלטערן, פּונקט ווי זי — מאַלי. זיין פאָטער, וואָס האָט באַדאַרפט קומען מיטן פערטן קאָלעקטיוו, איז אינדערהיים גע־שטאָרבן, זיין קראַנקע שטיפמאַמע ליגט דאָרט דאָס צווייטע יאָר צו בעט, און זיינע צוויי שוועסטערלעך זענען נאָך דערווייל קליין — זיי דאַרפן, זאָגט ער, נאָך אויסוואַקסן.

מאַלי שטייט אַ ווײַלע מיט אַ צוגעשטעלטער האַנט צום שטערן און קוקט זיך אײַן: ווײַט־ווײַט אין עק האָריזאָנט וואַקסן צו האַרבסט צו די נײַע הײַזער פֿונעם פּערטן קאָלעקטיוו. דער פּערטער קאָלעקטיוו בויט זיך און באַפּעסטיקט זיך דאָ אין סטעפּ. און איר קאָלעקטיוו — דער דריטער — אומשטיינס געזאָגט, אויך אַ קאָלעקטיוו! זײַן גרעסטער טייל איז נישט געקומען — פֿאַרבליבן אינדערהיים, אין שטעטל. און די געקומענע קאָנען אַליין גאָרנישט מאַכן — זיי קריגן זיך צווישן זיך, זיי וואַרטן אויף נסים, אויף טובֿות, און דער פּערטער קאָלעקטיוו, וואָס דאָרט אין האָריזאָנט — ער וואַקסט פֿון טאָג אויף טאָג; ער בויט זיך. צום פּערטן קאָלעקטיוו זענען שוין געקומען אַלע אַרבעטנדיקע מאַנסבילן און אַפֿילו אַלע פֿרויען. דער לעצטער איז אַהין געקומען דער העלער, נאָך קיינמאָל נישט געגאָלטער בחור, וועמען אַלע רופֿן דאָרט אַזוי היימיש, ווי מען רופֿט אַ ברודער:

— פֿאַלעק!

— הער נאָר, הער, פֿאַלעק!

צוריק מיט אַפּאָר טעג איז ער דאָ, פֿאַרבײַגייענדיק, געזעסן אַביסל לעבן געצעלט און דערציילט:

— כ'גיי אין שטאָט.

— צום באַפֿולמעכטיקטן גיי איך.

— כ'על בײַ אים נעמען פֿאַר אונזער קאָלעקטיוו כאָטש נאָך איין פּאָר אָקסן. ט'עט איר זען, אַז כ'על בײַ אים נעמען. כ'על אים בעטן. נישקשה, כ'על זיך אויף אים אָנזעצן.

— אויף וועמען? — האָט מען בײַ אים געפֿרעגט — אויפֿן אַגראָנאָם? אויף גאָלדמאַנען?

— ס'אי'דען?

— געפּאַקט דאָס אָרט.

פֿון געצעלט האָט מען אים נאָכגעקוקט מיט חוזק אין די ברעמען, ווי ער לאָזט זיך אַוועק צופֿוס אין שטאָט.

— יונגע פּיס, — האָט מען געזאָגט, — זאָלן זיי זיך דורכשפּאַצירן אומזיסט אַ וויאָרסט זעכציק.

— זאָל ער פֿאַרזוכן דעם טעם.

נאָר נעכטן פֿאַרנאַכט, אַז ער האָט מיט דער נאָענטער באַלקע

מידלעך געפירט פון שטאָט די נייע פּאָר אָקסן, האָבן פון געצעלט אַלע אויסגעשאָטן קוקן.

— זעסט, צי ניין?

— טאַקע „גענומען”?

— אַוודאי גענומען, פּשוט מיט אָנזעצן זיך.

— אַ פריילעכע פּיאַווקע.

— ס'אַ משל. דעם פערטן קאָלעקטיוו גיט מען.

איצט, קוקנדיק צו די הייזער פונעם פערטן קאָלעקטיוו, ווו עס געפינט זיך אָט דאָס ניי-צוגעקומענע העל-בלאָנדע בחורל, האָט מאַלי שטאַרק געהיט איר קליידל און האָט עס מער נישט פאַרגלויבט דעם ווינט.

מיט אַראָפּגעלאָזטע שטייף-צוגעדריקטע הענט, וואָס באַוועגן זיך צוזאַמען מיט די פיס, האָט זי צוגעשפּאַנט צום שטאַרק-פאַרוויכערטן טאָפּ מיט פּשעניטשקעס, וואָס ברייט זיך נישט ווייט פון געצעלט צווישן אַרומגעלייגטע שטיינער.

די וואַקלדיקע צינגער פונעם צעלייגטן פייער זענען דאָרט געווען צו לאַנגע און האָבן זי צו זיך נישט צוגעלאָזט.

מאַלי האָט געפּרוווט מיט אַ פינגער, צי די פּשעניטשקעס זענען שוין ווייך און האָט זיך אָפּגעבריט. דער פינגער האָט שטאַרק געשמאַרצט, נאָר איר איז דאָס ווי נישט אָנגעגאַנגען, זי האָט געדענקט דעם בזיון פאַרן ניי-צוגעקומענעם העל-בלאָנדן בחורל; זי האָט געדענקט, אַז איר — מאַליס קאָלעקטיוו — איז אַ צעפּאַלענער און זיין קאָלעקטיוו — דעם בלאָנדן פאַלעקס — איז אַ געזונטער: ער בויט זיך.

---

ביי טאָג אַרום דריי אַזייגער איז מאַלי ווידער אַרויס פון הינטערן געצעלט.

אין ווייטלעכן עק פון דער נאַקעטער באַלקע האָט ווי אַ רויכל זיך געטראָגן דעם באַפּולמעכטיקטנס אויטאָמאָביל, זיך באַפליגלט מיט זיילן פון הויך-אויפגעהויבענעם שטויב און געיאָגט אַהער מיטן וועג פונעם פערטן קאָלעקטיוו, פון זיינע נישט פאַרענדיקטע הייזער.

ווינטן-ספּירטן האָבן אַלע ווײַלע פאַרשלונגען און צוריק אויסגע-שפּיגן דעם פרײַלעכן טראַסק פון זײַן מאָטאָר.

זייער ווייט — דאָרט פונוואַנען דער מאָטאָר טראָגט זיך — האָט מיט שאָטן זיך באַדעקט איין שטח ערד, זיך אָנגעצונדן מיט אַ זון אַ צווייטער און באַנײַס פאַרדרייט מיט קאָכעניש. איצט דאַכט זיך שוין, אַז דער אויטאָמאָביל טראָגט זיך דאָרט אַ ליידיקער — אָן אַ שאָפער אַפילו, נאָר אַז ער טראָגט זיך אַהער — דאָס איז קלאָר.

מאַלי קאָן דעם באַפולמעכטיקטן: ער איז אַ הויכער, אַ שוויגער מיט לאַנגע דאַרע פינגער, ווי בײַ בעני דעם קלעזמער, וואָס בײַ איר מאַלין, אין שטעטל, און מיט דינע ליפּן פון אַ מפונק. די מאַנסבילן אין איר קאָלעקטיוו זאָגן וועגן אים:

— אויך אַ גוטינקער.

— מען רעדט צו אים און ער שווייגט.

— נו, גוט, — הויבט ער אָן אַרײַנצופאַלן אין דרעמל, — מיר׳ן עס באַטראַכטן צוזאַמען.

נאָר אַז מען „באַטראַכט צוזאַמען”, דרייט ער אַזוי לאַנג, ביז עס בלײַבט אויף זײַנעם און מען פועלט בײַ אים טאַקע גאָרנישט.

— אַז איר זייט דען אַ קאָלעקטיוו? — זאָגט ער, — איר צעפאַלט זיך. אייער גרעסטער טייל איז נישט געקומען.

די מאַנסבילן גייען אים נאָכדעם נאָך, בעת ער גייט זיך אויפ-זעצן צוריק אויפן אויטאָמאָביל, און זאָגן צו אים:

— חבר גאָלדמאַן, נישטאָ וואָס צו רעדן. איר זייט צו אונז אַ גוטינקער...

און ער קוקט זיך נישט אום ביים שלעפעריקן ענטפער:

— איר ווייסט כּלומרשט נישט פאַרוואָס, אַ?

ער זיצט אַזוי אַ ווײַלע אין שטייענדיקן אויטאָמאָביל און קוקט נישט צו קיינעם. אַלע וואַרטן.

מען זאָגט צו אים:

— חבר גאָלדמאַן... גייט אַרויס מיט קלאָרע דיבורים.

נאָר ער טוט פּלוצים אַ ריר דעם שאָפער פאַרן אַקסל און פאָרט שלעפעריק אַוועק.

איצט איז מאַלי פול מיט יסורים, וואָס אַלע פיר מאַנסבילן

פון איר קאָלעקטיוו זענען נישטאָ און וועלן נישט קאָנען מיטן אָגראַנאַם זיך דורכרעדן. זי טוט זיך פּלוצים אַ יאָג אין פעלד אַריין אויף צו לויפן זיי זוכן, נאָר צו די מאַנסבילן איז ווייט. אין צעטראָגנקייט לויפט זי אַריין צוריק אין געצעלט און קוקט זיך אַרום. איר געפעלט נישט איר באָרוועסער אויסזען אינעם אַלטן קורצן קליידל. געשווינד, געשווינד נעמט זי אָנציען אויף די פיס אירע איינציקע פּאָר גראָבע, ווינטערדיקע זאָקן.

---

מיט אַ שעה שפּעטער, ווען דער טראַסק פונעם אַגראָנאָמס אויטאָמאָביל איז שוין אויף די אַרומיקע שטרעקעס אינערגעץ נישט געווען צו הערן, האָט מאַלי דערזען ווייט אויפן וועג אַ פור געשפּאַנט מיט אַ רויטן און מיט אַ ווייסן אָקס — דעם פעטער שמואלס פּאָר אָקסן.

הינטער דער פור איז נאָכגעגאַנגען נאָר איין מענטש — הייסט עס: ברוך דעם פעטער שמואלס האָט זיך שוין ווידער אַוועקגעשאָקלט אין שטאָט, צום ים, צו זיינע חברים, וואָס זענען אַהער געפאָרן אין קאָלעקטיוו אַריין און האַלטן איצט צוויי קרעמלעך אויף די דאַטשעס. אַז דער פעטער שמואל וועט אַהער קומען, וועט ער, אויסשפּאַנענדיק די אָקסן, געוויס צו איר אַ זאָג געבן וועגן ברוכן:

— ער האָט שוין ווידער דאָס געגאַר, דער בורגעץ...

נאָר דער פעטער שמואל איז געבליבן אַ בייזער שווייגער נאָך פון אַמאָל, נאָך פון די גוטע יאָרן; אויסשפּאַנענדיק די אָקסן, האָט ער גאָרנישט נישט געזאָגט.

ער האָט היינט פון גאַנצפרי-אָן פּאַמעלעכער, ווי אַלע מענטשן אין דער וועלט, געפירט פּאַר שכירות שטיינער צו די הייזער פון פערטן קאָלעקטיוו. ער האָט זיך אַהער אומגעקערט מיט גריזעניש און מיטן געדאַנק, וואָס ער האָט פון גאַנצפרי-אָן אַרומגעטראָגן ביי זיך אין מוח:

— דער פערטער קאָלעקטיוו איז אַהערגעקומען אין אָסיען, וועט ער צו ווינטער-צו שוין זיצן אין הייזער, און מיר — גאָט ווייסט ווען.

אַ דורשטיק-שווייסיקער האָט ער אין געצעלט מיטאַמאָל אויסגעטרונקען אַ בלייך קווערטל מילך און האָט געקייט ברויט אַזוי פּאַמעלעך, ווי גלייך אויף קייען גיכער טראָגן אים נישט די כּוחות. מאַלי האָט אים צוגעטראָגן דעם קאַוועץ און די ווייַנטרויבן, וואָס זי האָט געקויפט ביי אַ דורכפאָרנדיקער פור, אים געוואָלט זאָגן עפּעס ווייכס און אַ ווונק געגעבן אויף די ווייַנטרויבן:

— ביי אַ טאָטערקע... געקויפט...

— ביי אַ טאָטערקע?

צום קאַוועץ האָט זיך דער פעטער שמואל נישט צוגערירט. ער האָט אַלץ געקייט פּאַמעלעך, ווי אַן אָקס. נאָר פון די ווייַנטרויבן האָט ער איין הענגל אַרויפגענומען אויף דער האַנט און האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף דעם ביַיזלעך מיט אַזעלכע אויגן, ווי גלייך אָט וועט דאָס הענגל באַווייַזן אַ קונץ און וועט אַוועקקריכן איבער דער האַנט, ווי אַ לעבעדיקס. צו ווייַנטרויבן האָט ער געהאַט אַ נאָענטע שייכות זינט ער האָט פאַרטראַכט צו ווערן אַ קאָלאָניסט — ווייַנטרויבן וועלן וואַקסן ביי אים הינטער דער שטוב אינעם גאָרטן, וואָס מען וועט אים דאָרט פלאַנצן. צווישן די צוויי אויגן, וואָס קוקן ווי צוגעקאָוועט צום הענגל, האָט זיין נאָז זיך אָנגעהויבן נערוועז דרייען און שמאָרען. מיט צוויי פינגער האָט ער אומגעריכט פאַר זיך אַליין זייער געשווינד און בריהש אַ צופּ געטאָן דעם ערשטן ווייַנטרויב, אים געשווינד אַרייַנגעוואָרפן אין מויל און איז אויף אַ רגע געבליבן פאַרגליווערט מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אַקוראַט ווי ער פאַרזוכט אַרבע-כּוסות. דערנאָך האָט ער געשווינד אָנגעהויבן צופּן איינציקע ווייַנטרויבן און וואַרפן אין מויל אַריין — צופּן און וואַרפן. דערביי האָט ער נאָך יעדן אַרייַנגעכאַפּטן ווייַנטרויב געטאָן מיט די אייַלנדיקע פריי-געבליבענע פינגער אַוועלכן נישט איז נחת אויף די איבעריקע טיילן פון זיין פּנים, ווי ער וואָלט זיי מיט דעם וועלן באַלוינען, פאַרוואָס ער וואַרפט די אָנגעלייגטע ווייַנטרויבן נאָר אין מויל. נאָכן ערשטן ווייַנטרויב האָט ער געשווינד אַ וויש געטאָן די נאָז, נאָכן צווייטן — אַ גלעט די באָרד, נאָכן דריטן — אַ גלייך אויס די וואָנצעס. פּלוצים האָט ער אויפגעהערט און ווי אַ פאַרגליווערטער אָנגעשטעלט די אויגן אויף מאַלין:

— ווי ?

— געווען דאָ דער באַפּולמעכטיקטער. — האָט מאַלי איבערגע־חזרט נאָכאַמאָל.

— גאָלדמאַן ?

— ביי אייך אין קאָלעקטיוו – האָט ער געזאָגט — איז שוין ווי־דער דאָ אַ „פּגר״.

דער פעטער שמואל האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז ער האָט ביז אָט דער רגע געלעבט אויף דער וועלט.

— ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט, גאָלדמאַן ?..

— ניין, גאָרנישט. ער איז געזעסן אַביסל אויפן שטיין, — אי־ווי, האָט ער געזאָגט, קען איך אייך אַרויסגעבן די הלוואות, אַז היינט זייט איר דאָ און מאָרגן גיי זוך אייך ?

מאַלי האָט פּלוצים דערפילט, אַז זי דאַרף עפּעס טאָן, כּדי נישט צו קוקן דעם פעטער שמואלן אין פּנים אַריין. זי האָט מיטן בעזים אָנגעהויבן אויסקערן אין געצעלט צווישן די פיר מענערישע געלעגערס.

— מן־הסתם באַגעגנט ברוכן – גאָלדמאַן... — האָט געזאָגט דער פעטער – ערגעץ אויפן וועג אין שטאָט אַריין האָט ער אים געקענט באַגעגענען.

מאַליס קאָפּ איז געבליבן אַראָפּגעבויגן נידריקער, ווי עס פאָ־דערט די אַרבעט מיטן קערנדיקן בעזים – איצט האָט דער פעטער שוין געוווּסט גלייך מיט איר, אַז דער „נייער פּגר״ איז ברוך – זיין ברוך.

בייז, מיט ביידע עלנבויגנס, האָט דער פעטער שמואל געגעבן אַ הויב די הויזן.

— איכ׳ל גאָר ווערן אַן „אָדינאָצקע״ *)—האָט ער אַ כאָרכל גע־געבן, – כאַפּט זיי די כאָראָבע.

און עס איז געבליבן נישט קלאָר וועמען שעלט ער — דעם קאָלעקטיוו, ברוכן, דעם אַגראָנאָם, צי אַלע אינאיינעם.

---

*) אַן איינגעזעסענער, וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ קאָלעקטיוו.

עס איז געוואָרן פּאַרנאַכט און פונעם פעלד האָבן זיך אומגע־קערט די איבעריקע צוויי מאַנסבילן: נחום דער לאַנגער מיט די אַרגענטינער קרייקעס אויף די פּיס (ער האָט פאַר דער מלחמה גע־אַרבעט ביי ערד אין אַרגענטינע) און שאול דער הייזעריקער — אַ קורץ און שוואַרץ יידל אָן אַ האַלז, אַ געוועזענער שטריקל־דרייער.

מאַלי האָט געמאָלקן די קו, און אין געצעלט האָבן אַלע דריי מאַנסבילן זיך געקריגט אַזוי, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו וויסן, ווער וועמען מאַכט שולדיק, וואָס דער קאָלעקטיוו צעפאַלט זיך. גע־ענדיקט האָט זיך די קריג, ווי תמיד, מיט דעם וואָס נחום דער לאַנ־גער האָט, זיצנדיק אויף דער ערד, אָן אויפהער מיט קללות אָפּגע־וויקלט און צוריקפאַרוויקלט די אַרגענטינער קרייקעס. אין אָט די קרייקעס, האָט זיך געדאַכט, ליגט זיין גאַנצע ערד־אַרבעטנדיקע קראַפט. ביי יעדן מאָל אָפּוויקלען און צוזויקלען האָט ער געשאָלטן:

— אין דער ערד מיט די ביינער!

---

דער פעטער שמואל האָט געגעבן אַ בייזן שפּיי, איינגעשפּאַנט די אָקסן און איז אַוועקגעפאָרן מיטן גרויסן פאַס נאָך וואַסער.

— סאָב־סאָב! — האָט זיך ווי פון וויטן געהערט, ווי ער טרייבט די אָקסן.

און נאָך יעדן מאָל „סאָב" איז געגאַנגען די קללה:

— כ׳על גאָר ווערן אַן „אָדינאָצקע", כאַפּט זיי די כאָראָבע!

מאַלי איז געזעסן אינדרויסן און האָט געקוקט, ווי עס גייט אויף די לבנה — אַ גרויסע, אַ רויטע, אַזאַ, וואָס קריכט אַרום נישט אויפן הימל, נאָר אויפן מיטן סטעפּ.

ביים געצעלט איז דענסטמאָל פאַרבייגעפאָרן יאַנקל — אַ שטאַרק־אָפּגעברענטער, מיט אַ לאַנגער, ליכטיקער באָרד און מיט שטאַרק־ווייסע, גרויסע ציין — אָט דער, וואָס איז אויך אַן „אָדינאָצקע" און איז שוין אַמאָל געווען ביי זיך אינדערהיים אי אַ בעל־עגלה, אי אַ לעדער־וואַרגער, אי אַ גרעבער אין דער חברה־קדישא, אי אַן אונטער־שמש אין שול. איצט פירט ער מיט צוויי אייגענע פאָר עקסלעך געהילצער

פונעם קאַנטאָר צו די נישטפאַרענדיקטע הייזער און זינגט דערביי אָן אויפהער גויישע לידלעך, און אַז מען באַגעגנט אים אין פעלד מיט זיינע צוויי פורן, שמייכלט ער. מען פרעגט אים: „יאַנקל, וואָס זינגט איר עפּעס אויף גויש?" קוקט ער נישט אין די אויגן און שמייכלט ווידער: „וואָס־זשע הייסט, זאָגט ער, פאַרוואָס איך זינג גויש? איך בין דאָך עפּעס געוואָרן אַ פּויער, צי ניין?"

איצט איז ער לאַנג געזעסן מיט די מאַנסבילן אין געצעלט און איז געווען פריילעך, וואָס ער האָט אַ לאָדעניש מיט גאָלדמאַנען:

— חבר גאָלדמאַן, — זאָג איך צו אים, — אַדאַנק אייך פאַרן ראַבען אָקס, מיט וועלכן איר האָט מיך נאַדיעלעט.

— ס'אי'דען? — פרעגט ער.

— אַזוי, —זאָג איך, —ער פאַלט שוין, דאַנקען גאָט, כּורעים, פאַלט ער.

— איז וואָס, —זאָגט ער, — אַז ער פאַלט כּורעים?

— איז אַדאַנק, — זאָג איך, — וואָס איר האָט זיך געזאָרגט פאַר מיר, איך זאָל האָבן וועמען צו הויבן — פריער, זאָג איך, פלעג איך הויבן ביי כּורעים־פאַלן דעם רב און אַצינד הייב איך דעם אָקס אייערן.

— איז וואָס־זשע ווילט איר? — זאָגט ער.

— גאָרנישט, —זאָג איך, —איך וויל זיך מיט אייך פאַרלאָזן אויף מענטשן. עס איז פאַר מיר, זאָג איך, אַ כּבוד. איך וועל נאָכדעם אַלע דערציילן:

„איך האָב געהאַט אַ לאָדעניש מיט גאָלדמאַנען. לאָמיך אַזוי לעבן, איך פאָר מאָרגן גאַנצפרי צו אים אין שטאָט אַריין".

ביי יאַנקלען האָט מען זיך דאָ דערפרעגט ווי אומיסטן אים או־מעטיק צו מאַכן:

— איז וואָס־זשע קלערט איר וועגן אַ תּכלית, אַ, יאַנקל?

נאָר יאַנקל האָט נישט געוואָלט ווערן אויס פריילעך:

— וואָס זאָל איך קלערן? מיין ווייב אינדערהיים איז אַ גייטאָרין, צי ניין? זי פאַרדינט זיך אויף פּרנסה, צי ניין? איז וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיין קאָלעקטיוו איז זיך צעפאַלן און קיין אַנדערער וויל מיך נישט?

איצט איז געווען קלאָר, אַז ער האָט נישט אומזיסט זיך דאָ

פֿאַרהאַלטן מיט זיינע צוויי לײדיקע פֿורן — צום אָנהייב, ווען מען איז נאָר־וואָס פֿונדערהיים אַהער אין סטעפּ אַראָפּגעקומען, פֿלעגט ער אַהער קומען אַלע טאָג און זיך בעטן: „נעמט מיך אַריין אין קאָ־לעקטיוו אַריין". איצט איז ער אַהערגעקומען זיך רייצן...

מאַלי איז געווען די איינציקע, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען פֿון הינטן, בעת ער איז אַרויס פֿון געצעלט, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו זיינע צוויי מידע פֿורן. זי איז געשטאַנען אונטער דער שיין פֿון דער לבנה און האָט געקוקט ווי יאַנקל נעמט אַרום דעם האַלדז פֿון אַן אָקס און רוקט אים אַריין אין יאָך אַריין.

— נו, כאָלערע, — זאָגט ער צו אים, — גיב אַהער דיין קאָפּ, דו כּורעים־פֿאַלער, דו!

— יאַנקל — האָט מאַלי שטיל, ווי אַ פּרווו געטאָן איר קול, צי עס קאָן רעדן, — בלייבט ביי אונדז אין קאָלעקטיוו, יאַנקל...

— ס'אי'דען?

— כ'האָב גערעדט מיטן פּעטער שמואלן.

יאַנקל איז געבליבן אַ ווײַלע שטיין. פֿון אויבן האָט ווי אַ טראַכט געטאָן די לבנה, פֿון אונטן האָט אַ טראַכט געטאָן יאַנקל. ער האָט געהאַלטן דעם איינגעשפּאַנטן אָקס פֿאַר די הערנער.

— צו אייך? — האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, ווי גלייך ער שפּרעכט אָפּ אונטער דער לבנה דעם אָקס, — ביי אייך איז דען פֿאַ־ראַן מיט וועמען?

— ס'עט זיין, יאַנקל!

יאַנקל האָט נישט געענטפֿערט. ער האָט אַ טרייב געטאָן די אָקסן.

מאַלי איז נאָך אַלץ געשטאַנען.

— וואַרט, יאַנקל.

— ס'אי'דען?

— ס'עט זיין, יאַנקל. דער פּעטער שמואל וועט אַרבעטן, דער אַרגענטינער וועט אַרבעטן, איר וועט אַרבעטן... עס דרייט זיך דאָ אַרום איינער אַ געוועזענער רויט־אַרמייער, נאָך אַ יונגער. ער זעגט דערווייל מיט די גויים שטיינער. ער איז דאָ נעכטן געווען, ער האָט

זיך נאָכגעפרעגט. ער וועט אויך אַרבעטן און איך, יאַנקל, איך וועל אויך אַרבעטן...

יאַנקל האָט אָפּגעשטעלט די אָקסן.

— נו, און ברוך, דיין פעטער שמואלס? — האָט ער געפרעגט, — מיר'ן אַרבעטן, און ברוכן וועט דער קאָפּ ליגן ערגעץ אַנדערש. איכ'ל זיך נישט גיין מיט אים שלאָגן. ברוך וויל מיט דיר חתונה האָבן, נאַר איינע...

מאַלי איז רויט געוואָרן און זיך דערמאָנט אָן פאַלעקן, דעם העל-בלאָנדן בחור פונעם פערטן קאָלעקטיוו. אירע הייסע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — ברוך וועט דאָ מער נישט בלייבן. איר הערט, יאַנקל? איך וועל אים פאַרטרייבן... איך אַליין, יאַנקל...

# אין אַ סאָוויעטישן שבת

# אין אַ סאָוויעטישן שבת

*(בּירגער וואָלי בּרענער *)*

אַ מאָסקווער שנייאיקער פרימאָרגן, אַ זוניק־סקריפּנדיקער און טרוקענער. אַז ער פּאַלט אויס אום זונטיק, שיינט ער מיט מאָסקווער טויזנטער שיינען, מיט יונג־מאַכנדיקע ווייסקייטן, וואָס חנען און מי־נען זיך, ווי אַ וועלט אָן יסורים — מילי־מיליאַסן דימענטענע פונקען.

פון דער ליבער וואַרעם אין צימער קוקט וואָלי בּרענער דורך די אָפּגעגאַנגענע צווייענדיק־פּאַרקלעפּטע פענצטער — מיט דער ווייסער וואַטע און מיט די גלעזלעך אָלים זעען זיי אויס, ווי געזונט־ווערנדיקע מיידלעך מיט ציכטיק־פּאַרבּונדענע העלזער — און זעען זעט ער ממש בּחוש:

דער ווייס־פינקלדיקער דרויסן קער אָן אַלעמען גלייך, אַ האַרי־ציקער גוטער־בּרודער, אַקוראַט, ווי קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן וואָלטן שוין גאָר לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען, אַקוראַט, ווי אַלע דורכגייער וואָלטן נישט אויפגעהערט כשר צו ניסן און דער דרויסן וואָלט נישט אויפגעהערט פריילעך יעדן צוצווינשעווען:

— צו געזונט דיר... צו לאַנגע יאָר...

בּרענער איז אויפגעלייגט. זיינע אויגן שמייכלען אַרויס פון

---

* דער ערשטער קאַפּיטל פון דער דערציילונג „בּירגער וואָלי בּרענער" איז געדרוקט אין „וועלט־אויס וועלט־איין" (פאַרלאַג ב. קלעצקין, באַנד 6).

אַלע קנייטשן, וואָס אַרום זיינע בלויע אויגן, יונגע. אים ווילט זיך אַרויסשטעלן דעם דרויסן אַ שפּיץ־צונג:

— נו, נו, נו... איבערגעזאַלצן אַ קאַפּעלע...

פון ווייט — פון קיך, וואָס אויף יענער זייט קאָרידאָר — הערט זיך, ווי עס שרייען אַ שטיק זעקס אָנגעצונדענע שכנישע פּרימוסן, איינער פון זיי איז הייזעריק און ווערט דאָרט זייער אויף גיך גע־פּאָמפּעט. עס קומט אויס, די פּרימוסן דאַוונען שבתדיק און האַלטן שוין ווייט — אַזש נאָך „ברכו".

וואָלי ברענער שטייט נאָך אַלץ ביים פענצטער און קוקט צום דרויסן.

— קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן — איז ער מהרהר — זענען נאָך אפילו דאָ אין די אלפים, נאָר מילא, גאָרנישט... געדעכט... גענוג, אַז מען האָט מיט זיי צו טאָן אַ גאַנצע וואָך... זיך נאָך נעמען צום האַרצן זונטיק?

ער הערט, ווי די פּרימוסן אין קיך שרייען, און טראַכט ווידער:

— אָט, אָט, אָט... עס ווערט שוין כמעט, ווי אַ פּסוק: אלו נתן לנו את הזונטיק ולא נתן לנו את השבת — דיינו.

אין די שטעק־שיך, מיט הרחבה, ווי אַמאָל שבת אינדערפרי, גייט ער צו צו דער שאַפע ביים אַריינגאַנג, און נעמט אַראָפּ די „פּראַוודעס", וואָס די דריי מיידלעך זענען שוין געוווינט אָפּצולייגן פון זייַנעטוועגן נומער נאָך נומער פינקטלעך — זיבן שטיק יעדער וואָך. די אָנגעלייגטע „פּראַוודעס" לייענט ער עטלעכע שעה כסדר — נישט אַזוי „מדאָסקע לדאָסקע", ווי מיט אַ שאַרף אויג און מיט „צו־לייגן קאָפּ". ס'איז מער נישט, וואָס לויט זיין אַלטער געוווינהייט זאָגט ער אויף לייענען די צייטונגען:

— טאַ! דאַרף מען, הייסט עס, מעביר זיין די סדרה.

צום אַלעם ערשטן, ווי נאָר ער זעצט זיך לייענען, זוכט ער אין די צייטונגען וועלט־שטרייקן און ווערט דערביי מסוכן ערנסט. אין צימער מעג זיך טאָן חושך, וועט ער גאָרנישט נישט הערן און וועט זיך נישט אומקוקן. אַ וואָך מיט אַסך שטרייקן אין די בורזשואַזע לענדער איז ביי אים פאַררעכנט פאַר אַ וואָך, וואָס זאָגט צו מזל און ברכה דער ראַטן־מאַכט און, במילא, דעם גרויסן געשעפט, אין

וועלכן ער מיט זיינע דריי מיידלעך האָבן אַ חלק. מען פּילט ממש, אַז דער קורס — נישט ער הויבט זיך, נאָר ער שפּרינגט.

גייענדיק מיט די וועלט-שטרייקן, פּאַרטיפט ער זיך אין אַן אַר־טיקל, וואָס האָט נישט קיין אונטערשריפט, גלעט די באָרד האַלב אויף רעכטס, האַלב אויף לינקס, פאַרבייסט די ליפּן, ציט צונויף די אויגן, קלערט און קלערט, ביז ער כאַפּט לויטן ענין, ווער דער מחבר איז, קערט זיך אום מיט נייעם אינטערעס צום אָנהויב אַרטיקל. דאָ פּאַר־געסט ער זיך, צעוויגט זיך און צעזינגט זיך אויף אַ קול, ווי אַמאָל ביי דער גמרא:

— אַי־אַ!..

— איז אויב אַזוי?..

— דאַרף מען דאָך אָנהייבן לייענען נאָך אַמאָל פון אָנהייב...

— אויב אַזוי, איז... אָמר רב יאַראָסלאַווסקי...

נאָך די אַרטיקלען קומט די כראָניק, גרעסערע און קלענערע אותיעלעך. — דאָרט קאָן מען אָנטרעפן אויף נייעסן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער האָלץ־בראַנזשע און צום בראַקער־פאַך, ווו ער, ברע־נער, איז ביי דער ראַטן־מאַכט אָנגעשטעלט. איצט בלייבט אים שוין בלויז זיך אומקערן נאָכאַמאָל צו יענע נומערן, ווו ער האָט דורכגע־לאָזט דעם „פּאָדוואַל" מיט אַ דערציילונג. אויף אַזעלכע זאַכן קוקט ער תמיד, ווי אויף ביליקן „מחזור־פיוט", וואָס אַז מען זאָגט אים נישט, איז מען אויך נישט קיין אַפּיקורס. ער האַלט בכלל נישט פון יענע ערטער, ווו עס האַנדלט זיך וועגן „בלעטלעך מיט בוימער" — אַזעלכע בלעטער היפּט ער גלייך איבער, נאָר אויב אין דער מעשה האַנדלט זיך וועגן אַ געדאַנק, וואָס לאָזט זיך באַטראַכטן, איז דאָך ווידער טאַקע כדאי אַ קוק צו געבן, אין וואָס האַנדלט זיך עס דאָ... עס מאַכט זיך:

בעת ער זיצט אַזוי ביים טיש און לייענט, קומט צו אים אַריין דער אַלטער בעריש קאַהאַן — אַ געוועזענער רייכער דרייער אין וואַלד־מסחר — אַ משונהדיק־גרויסער ייִד מיט שלעפּעריקע אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן און מיט אַסך איינציקע גרויסע שטיפּלען, וואָס זענען נאָך פון אַמאָל פאַרבליבן אין זיינע נאָכגעהאָנגענע באַקן און אויף דער פּליי־שיק־גראָבער נאָז. ער וווינט די לעצטע פּאָר יאָר דאָ, אין מאָסקווע,

ביי זיינע זין, וואָס זענען עד־היום פאַרבליבן נעפּ־לייט. זיצנדיק דאָ ביים טיש, אָטעמט ער זייער הויך דורך דער נאָז, אַקוראַט ווי אַהער, צו ברענערן, איז ער געגאַנגען נישט מיטן גלייכן וועג, נאָר געהאַלטן אין איין אויפהייבן זיך אויף אָן אַ שיעור עטאַזשן מיט טרעפּ ער זיצט און שווייגט. עס דאַכט זיך: אָט־אָט וועט ער אַנטשלאָפן ווערן. פּלוצים הייבט ער אָן צו רעדן וועגן זיינע קינדער, וואָס האָבן שוין געהאַלטן „אָט־אָט אויף אַ דרך".

— נו?.. האָט מען דערזען... פריער, אַז מען האָט זיי געבעטן: „נעמט סאָוויעטסקע שטעלעס", האָבן זיי נישט געוואָלט... איצט וואָלטן זיי שוין וועלן, איז נו־נו... גיי זיי אַ חכם!

דער אַלטער דערציילט פּונקט וועגן דעם זעלבן, וועגן וואָס ער האָט שוין דערציילט פאַראַכטאָגן און פאַרצווייוואָכן, נאָר אים, משמעות, דאַכט זיך, אַז ער דערציילט נייעס:

— שלעכטע צייטן, — קלאָגט ער זיך, — שווער, רב וואָלי ברע־נער, שווער צו לעבן...

— נו יאָ... ס'איז נישט גרינג.

וואָלי ברענער קוקט אָן דעם אַלטן מיט יונגע בלויע אויגן און מיט אַ מיושבדיקער נאָז. אויף דער לינקער באַק, אַרום דער קליינער בראָדעווקע, הייבט אָן צו שמייכלען דאָס אַרומשוועבנדיקע חנדל, וואָס שדכנט אים תמיד צונויף מיט ווילד־פרעמדע מענטשן:

— זאָגט מיר, רב בעריש, ווו שטייט עס געשריבן, אַז ס'האָט געמעגט זיין שווער צו זיין אַ ייד און אַז סע דאַרף זיין גרינג צו זיין אַ סאָוויעטסקע בירגער?

דערביי שרייט ער זייער הויך, ווי צו אַ טויבן.

— איך הער, איך הער, — שאָקלט צו אים דער אַלטער מיטן קאָפּ און שטעלט דאָך צו אַ האַנט צום אויער, — איר קאָנט רעדן שטילער.

וואָלי ברענער קוקט אַ ווײַלע אויפן אַלטן מיט צוזאַמענגעצוי־גענע אויגן:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, — פאַרענטפערט ער זיך, — מיר דאַכט זיך, אַז אַלע מיינע אַמאָליקע באַקאַנטע זענען די לעצטע יאָרן געוואָרן מסוכן טויב...

נאָר דער אַלטער הערט שוין נישט, זיצט אַ ווײַלע פאַרטראַכט און הייבט אָן פּלוצים צו זיפצן:

— איי, איי, איי... די בכורה... די בכורה...

— וועלכע בכורה?

— נו, די געוויסע בכורה... צוגענומען צוריק די בכורה... איר מיינט סע געווען אַ שלעכטע זאַך?.. איי, אַ גאָלדענע זאַך געווען...

— אַ! — כאַפּט זיך וואָלי ברענער, — איר מיינט יעקבס בכורה?.. — ער לאַכט זיך פונאַנדער, — טוט אייך באַנג, אַ?

— טוט באַנג, — שמייכלט דער אַלטער, — וואָ־דען?..

נאָר וואָלי ברענער הערט שוין נישט און שרייט שוין ווידער, ווי צו אַ טויבן:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך: אַלע יידן האָבן זי געהאַט — די בכורה?

— ניין, — שאָקלט דער אַלטער, — נישט אַלע... אָט טאַקע דערפאַר טוט זי נאָך מער באַנג...

— אַהאַ! — שלאָגט אים איבער וואָלי ברענער, — און איך זאָג אייך: ס'האָט גאָר פון אָנהייב אָן נישט געלוינט — כ'מיין, אפילו פון שטאַנדפּונקט פון געשעפט; מען וואָלט שוין לאַנג געווען געדאַרפט אומקערן עשון די בכורה, האָבן מיר אַליין עס נישט געטאָן, האָט עס געטאָן די סאָוויעטסקע וולאַסט, און נישט זי האָט זי עמעצן אומגעקערט, נאָר זי האָט געמאַכט אַן עק... אויס בכורה. איך וועל אייך אָקעגן דעם דערציילן אַ מעשה, וואָס איך האָב נישט לאַנג געהאַט מיט אַ גוי טאַקע דאָרט אין די וועלדער, ווו איך בין אַ בראַקער אויף האָלץ...

ברענער איז זיכער, אַז מיט אָט דער מעשה ווערט ער שוין פונעם אַלטן פּטור, נאָר יענער זיצט נאָך אַלץ און נודיעט און נעמט צו דעם גאַנצן פרימאָרגן. ברענער קלאָגט זיך נאָכדעם פאַר זיינע מיידלעך, וואָס קערן זיך אום ווער פון אַ פאַרזאַמלונג, ווער פון אַ פרימאָרגן־קאָנצערט:

— ערשט אַוועקגעגאַנגען... אָט נאָר־וואָס... איך האַלט נאָך גאָר פון פאָרנט, איך בין נאָך אַפילו מיט די טעלעגראַמעס נישט פאַרטיק... האָסטו געהערט אַ מעשה?.. איך זיץ נאָר און קלער: רבונו יונה!

וואָס וואָלט איך אַשטייגער געטאָן, ווען אין דער צייט פון סאָ־וויעטסקער וולאַסט זאָל איך זיך אַרומדרייען נישט קיין מילכיקער און נישט קיין פליישיקער און מיט אַזאַ פוסטן קאָפּ, ווי אָט דער בעריש קאָהאַן? איך וואָלט דאָך געבעטן אויף זיך דעם טויט... איך וואָלט דאָך פשוט פאַרנודיעט געוואָרן!

---

מיט זונטיקדיקער לייכטקייט האָבן היינט אינדערפרי די אַרומ־געוואַשענע מיידלעך צוגעלייגט די בעטן הינטער דער שירמע.

ווי אַ רוח אַ מלמד האָבן זיי באַלד נאָכן אויפשטיין אַ כאַפּ געטאָן די קויקע אין קאָרידאָר אַריין און בריהש, אַלע דריי אינאיינעם, געהייסן דעם צימער ווערן זויבער. תמיד, אַז זיי דאַרפן עפּעס טאָן, טוען זיי אַלע דריי אינאיינעם — אַפילו איבעררוקן אַ שווערע שאַפע — עס קומט אויס: זיי כאַפּן בלויז אַ פריילעך טענצל, זיי שמייכלען און שפּילן זיך. קאָמאַנדעווען מיט אַלע קאָמאַנדעוועט דערביי די מיטלסטע — לאָטע — די שוואַרצע; זי איז אַ פּאַרטייאישע און האָט תמיד אום זונטיק מער אַרבעט איידער די אַנדערע צוויי; זי לאָזט נישט אָטעמען:

— נו?

— גיכער!

— זע נאָר, ווי מען האָט זיך פאַרטראַכט!

— ריר זיך אַ קאַפּעלע!

פּיס רירעוודיקע און שלאַנקע, ווי אויף אַרויסצושטעלן אין אַ וויטרינע אָנגעמאָסטענע זאָקן, האָבן אַ לויף געגעבן איבערן צימער, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אַלטע לעכעריקע טופלעס, וואָס זיי טראָגן אינדערהיים צוליב שפּאָרעוודיקייט — פאַרשקוואַרעטע טופליעס מיט הויכע אויסגעקרימטע אָפּצאַסן. נאָר עס קומט אויס: אויך די אויס־געקרימטע אָפּצאַסן פּאַסטן זיי, זיי טראָגן זיי אומיסטן צוליב חנדלען זיך... וואָלי ברענער זייטלט זיך אויף זיי מיט איין אויג און טראַכט, אַז ער האָט זיי שוין פאַרזאָרגט:

— אַז מען וועט שוין גאָרנישט האָבן וואָס אָנצוטאָן, וועט מען

זיך אויך נישט זעצן זאָרגן... ווי איר זעט מיך לעבן!.. מען וועט אָנטאָן אַ „לאך" און מען וועט זיין אָנגעטאָן — אויסגעפּוצט...

מען האָט שוין געהאַלטן בײַ איבערדרוקן די שווערע קאַנאַפּע, און אים, דעם פּאָטער, נאָך אַלץ נישט געלאָזט צו גאָרנישט זיך צורירן:

— גיי, גיי, מען וועט זיך באַדרייען אָן דיר.

— אַז מען וועט דיך דאַרפן, וועט מען דיך שיקן רופן.

— אָ, ער איז שוין ווידער דאָ! — ניטע, זאָגט מען דיר!

מיט אַן אַרונטערגעבויגענער האַנט האָט לאָטע שוין געשפּיליעט אויף איר רוקן דאָס קאָפּטל.

— פּאַרטיק? — האָט זי געפרעגט, — סיי־ווי־סיי... איך האָב שוין מער קיין צייט נישט... אפילו קיין רגע... איך אַנטלויף.

נאָר גראָד ביים איבערדרוקן די קאַנאַפּע האָט זיך אַרויסגעוויזן: ביי דער קלענסטער — ביי דער זיבעצן־אַ־האַלב־יאָריקער פּאָליען — איז זייער נישט שיין צעריסן אַ זאָק.

— פּאָליע, — האָט בלאָנד אַ שמייכל געטאָן די עלטערע, די העלע גוסטע, און זיך אָנגעבויגן אַ קוק געבן, צי דאָס לאָך וועט זיך נאָך לאָזן פּאַרריכטן, — ראַבּפּאַקאָווקע דו!.. ווי איז דיר קיין בזיון ישט? ביסט דאָך געוואָרן עפּעס גאָר אַ גרויסע בריה אויף רייסן זאָקן... אַנו, זע נאָר, לאָטע...

לאָטע האָט געהאַט צייט צו העלפן נאָר מיט אַ קוק פונוויטנס — זי האָט אַ כאַפּ געגעבן איר קורצן ווינטער־מאַנטל און איז אַנטלאָפן.

פּאָליע האָט זיך דערפילט ביז גאָר שולדיק און האָט דאָ אויפן אָרט אַראָפּגעצויגן דעם צעריסענעם זאָק. איר פולער יונג־זאַפטיקער פוס — אַזאַ, וואָס דאַרף נאָך וואַקסן און איבעריאָגן אין שלאַנקקייט די פיס פון ביידע עלטערע — האָט אַ שימער געטאָן מיט זיין נאַקעטקייט און איז אומבאַהאָלפן שטיין געבליבן אויף דער הילצער פּאָדלאָגע. אירע אַקסלען האָבן שולדיק זיך אונטערגעהויבן, דענסטמאָל ווען איר קאָפּ האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויף אַראָפּצושאַרן די געקירצטע האָר, וואָס פאַרשטעלן איר די אויגן. איר מויל האָט זיך אַ צי־געגעבן פאָרויס צוזאַמען מיט קינדערשן חן, וואָס איז נאָך עד־היום אַרום דעם פאַרבליבן — חן פון אַ זויג־קינד, וואָס מען האָט עס

צו-פרי אַנטוויינט. אירע אויגן — שולדיקע, וואָס די עלטערע שוועס־טער וועלן איר מוזן אויסהעלפן — האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פונעם לאָך אין די איינציקע אייגענע פּאָר זאָקן, וואָס זי, די זיבעצן־אַ־האַלבּ־יאָריקע ראַבּפּאַקאָוועקע, פאַרמאָגט.

— איך וועל אים פאַרריכטן, — האָט זי געזאָגט נישט קוקנדיק צו קיינעם און מיט אַ מאָדנער עקשנות אין קול, — נישקשה...

— ביסט אַ נאַרעלע...

וואָלי ברענער קוקט נאָך אַלץ, ווי פּאָליע קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פונעם זאָק; ער קאָן זיך שוין מער נישט איינהאַלטן:

— וואָרים דו ביסט אַ נאַרעלע... — זאָגט ער — אַנישט ביסטו שולדיק?.. דער פוס איז אַ יונגער — ער וואַקסט, רייסט ער דעם זאָק... רעזשים-עקאָנאָמיע היינט, רעזשים-עקאָנאָמיע מאָרגן — וואָס ווייסט ער? — ער איז דאָך נישט מער ווי אַ פוס...

— גוט, גוט, — לאַכט אים אויס גוסטע, — האָסט שוין געזען, אַז אַ פוס זאָל מיטן דערינען אָנהייבן רייסן זאָקן?.. מיטן דערינען ווערן אַ קאָנטער-רעוואָלוציאָנער... נאַ — אָט איז שוין געשפּרייט דער טיש, קאָנסט זיך זעצן צו די „פּראַוודעס". כ'האָב שוין אויך פאַרשפּעטיקט.

און זי איז אַוועק — גוסטע — אַוועק, ווי לאָטע, נישט באַ־ווייזנדיק רעכט אָנצוטאָן דעם מאַנטל.

איז אָט האָסטו דיר:

פונקט אין יענער רגע, ווען גוסטע איז אַוועק — מיטן נאַקעטן פוס און מיטן צעריסענעם זאָק אין האַנט, האָט פּאָליע געמוזט גע־שווינד אַנטלויפן הינטער דער שירמע: מיט אַן אויסזען פון אַ בטוח, וואָס קאָן אַמאָל פאַרשפּעטיקן צו קומען, נאָר אָנזעצן אַ וויזיט וועט ער קיינמאָל נישט, איז אין צימער אַריינגעקומען דער אַלטער בעריש קאַהאַן. ער האָט שטאַרק געהוסט ביים אַריינקומען, און נישט אַזוי געהוסט, ווי געכריפּעט. עס האָבן געסקריפּעט 69 יאָר אָן אַ מענטשן.

איצטיקס מאָל איז ער געזעסן לענגער, ווי אַלעמאָל, געשנייצט די פליישיקע געשטופּלטע נאָז זייער הילכיק, ווי אַן אָפּגעקומענער מחותן, זיך געקוויקט מיט זיפצן און מיט קרעכצן, ווי נאָך אַ באָד:

— אוי... אוי... האַ... האַ...

און ווידער האָט ער דערציילט וועגן זיינע קינדער, וועגן דעם, וואָס אַן עק, אויס:

— מען קאָן זיך שוין טאַקע ממש צו גאָרנישט צורירן...

אַ פּויזע.

— אַז צווואָס דו ווילסט זיך נעמען, איז דאָס טרייף.. פאַלשע פּאָזיטן.

ווידער אַ פּויזע:

— דאָפּר... דאָפּר...

וואָלי ברענער מאַכט זיך, גלייך ער הערט נישט — ער איז שטאַרק פאַרטון פלומרשט אין לייענען די „פּראַוודעס". אינדעראמתן קנייטשט ער דעם שטערן און איז אַ בעלן צו טרעפן:

— וואָס וויל דער אַלטער?

אַ גרויסער תּרח, געדענקט ער, איז דער אַלטער געווען נאָך אַמאָל, ווען ער האָט געטראַסקעט און ווען ער, ברענער, איז נאָך ביי אים געווען אַ האַלבער וואַלד-מענטש, אַ האַלבער וואַלד-מעקלער. — תּמיד געגאַנגען רק מיט אונטערגענגלעך, קיינמאָל נישט געטאָן קיין טריט אומזיסט. איצט קומט ער אַהער אומישנע דערציילן, אַז אים מיט זיינע קינדער גייט שלעכט און זיי קאָנען מער נישט זיין קיין גבירים... פאַרקערט... אַז דעם אָ:ת געזאָגט: אים, ברענערן... דעם אַמאָליקן וואַלד-מענטשן זייערן, טוט עס גאָר הנאה...

— איי, — קלאָגט זיך דער אַלטער, — איי האָרעוועט מען זיך אָן, ביז וואַנען מען ווערט אַ קבצן!..

— מהיכי-תּיתי, — טראַכט וואָלי ברענער, אַריינקוקנדיק אין „פּראַוודאַ", — פאַרוואָס טאַקע נישט?.. ס'איז טאַקע אַ יושר, אַז נגידים זאָלן אַמאָל אויך אַביסל צוהאָרעווען...

— פונדעסטוועגן — פאַרכאַפּט זיך דער אַלטער — דער עלטערער מיינער, פייסי, האָט נאָך עטלעכע קערבלעך... מען קאָן זאָגן: גאָר פיינע עטלעכע קערבלעך... נאָר אויך די אייגענע מעשה — אַז מען זיצט און מען עסט זיי... ס'הייסט: ממש, ווי מען זאָל עסן דאָס אייגענע לייב... די פאַמיליע ביי אים — קיין עין-הרע, אַ גרויסע... דער עלטערער זיינער — סאָלאָמאָנטשיק, אַ קראַסאַוויצע... נישט קיין פעפער — זיך דורכגעדרייט, זעט איר? שוין דווקא ביי דער סאָוויעטסקע

וואָלסט געענדיקט אויף דאָקטאָר... נו? וואָס־זשע קומט אַרויס?.. נעמט מען אים נישט צו אין פּראָפּסאָיוז... איינמאָל ניין, און גיי טו עפּעס — בורזשויסקאָוואָ פּראָאיסכאָזשדיעניאַ... קאָן נישט האָבן קיין פּראַקטיקע, קאָן נישט נעמען קיין שטעלע — מען נעמט אים אין ערגעץ נישט צו. און אַ ווילער יונג אָט־דער סאָלאָמאָנטשיק, נאָר האָט נעבעך נישט וואָס צו טאָן. שטייט אויף אַלע טאָג אַרום עלף אַזייגער... מיט — מיט — מיטן צוגעקעמטן שרונט, זיצט ביים טיש, קנייפּט דאָס ברויט און לייענט די „איזוועסטיע"... לייענט די „איזוועסטיע"... טראַכט איך מיר: איך בעט אייך... וואָס איז דאָס פּאַר אַ מעשה? פּאַראַן וואָלי ברענער... אַ פיינער ייד... געווען אַ מאָל אַ מענטש אין אַ וואַלד, וואָס איך האָב געהאַט מיט שותפים... געווען איינער פון די בעסטע וואַלד־מענטשן... האָט ער דריי שיינע מיידלעך. פיינע מיידלעך. אַלע פּריסטראָיעט... מיט סוויאַזן... זיי וואָלטן שוין דווקא יאָ געקענט סאָ־לאָמאָנטשיקן פּריסטראָיען — פּראָטעקציע... איז צוריקגערעדט: סע איז גאָרנישט אַזוי קרום... פּאַרוואָס זאָל עס טאַקע נישט זיין אַ שידוך... איך מיין טאַקע מיט עעע...

— מיט וואָס?

וואָלי ברענער מוז צום אַלעם ערשטן אַרויפזעצן די פּענס'ע אויף דער נאָז (ער באַנוצט זי בלויז אין יום־טובדיקע פאַלן, ווי צום ביישפּיל אין אָקטאָבער־יום־טוב, ווען מען גייט אָנקוקן דעם פּאַראַד אויפן רויטן פּלאַץ). ער גלעט זיך די באָרד האַלב אויף רעכטס, האַלב אויף לינקס און קוקט אָן דעם אַלטן צוויי מאָל: איינמאָל — דורך די ברילן און איינמאָל — העכער די ברילן. דערביי טוען ביי אים אַ ציטער די ליפּן. עס טוט ביי אים אויך אַ ציטער די האַנט, וואָס גלעט די באָרד, און עס פּאַרשווינדט לחלוטין דאָס חנדל, וואָס שוועבט אַרום שטענדיק אויף זיין לינקער באַק אַרום דער קליינער בראָדעווקע.

— איצט — זאָגט ער — איז מיר שוין קלאָר, פּאַרוואָס איר זענט די לעצטע צייט אַזוי אָפט צו מיר געקומען צו־גאַסט... איר האָט, הייסט עס, געוואָלט שכר־הליכה...

ער נעמט אַריין די באָרד אין דער האַנט אַריין און טוט זיך אַ שאָקל נענטער צום אַלטן:

— הערט, — זאָגט ער, — וואָס איך וועל אייך זאָגן: עס איז אַ חוצפּה!

ער צעוואָרעמט זיך און צענעמט די ליפּן:

— עס איז אַ חוצפּה און אַ העזה און אַ מיאוס פּאָדעפּאַלניעסט! הער אַ מעשה!.. זאָגט מיר, איך בעט אייך: איר זײַט געווען דער גביר, דער באַלעבאָס, און איך בין געווען דער קבצן, דער מענטש בײַ אייך... גוט!.. איר האָט געהאַט אַ נדנדיק בחורל פּייסין און איך האָב געהאַט אויף זיך חתונה צו מאַכן אַ שוועסטער — אַן אָרעם מיידל, חיה. איך בין איצט בירגער וואָלי ברענער און האָב געראָטענע כאָוויעטסקע קינדער. נו?.. איז ווי וואַגט איר עפּעס צו קומען צו מיר און זאָגן: נעם פּאַר דײַנער אַ מיידל מײַן סאָלאָמאָנטשיקן?.. ווי נעמט זיך גאָר אין אייך די חוצפּה?.. איך האָב עפּעס געוואַגט צו קומען צו אייך און זאָגן: נעמט מײַן חיהן פּאַר אייער פּייסין? איר וואָלט מיך דערפּאַר נישט געוועז אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ?.. מיך אָרט טאַקע דער עיקר די חוצפּה! איז מילא קיין פּאָסטעמקעס און קיין „גוטע מידות” פון אַ גביר האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט, און פון די טרעפּ וועל איך נישט אַראָפּוואַרפן, איין זאַך וועל איך אייך אָבער זאָגן, און הערט זיך צו מיט קאָפּ: וואָס איז שייך צו מײַנע מיידלעך, איז פרעגט בײַ זיי אַליין, וויאַזוי זיי האַלטן פון אייער סאָלאָמאָנטשיקן... און וואָס איז שייך צו מיר, איז אָט... אָט זיצט בײַ מיר אײַנע הינטער דער שירמע אָן זאָקן... זי האָט אויך געוואָלט גיין ערגעץ אויף אַ סאָבראַניע און האָט נישט געקענט... זי איז אָן זאָקן... די קלענסטע איז זי בײַ מיר — פּאַליע... פּאַליע! פּאַליע!.. קום אַהער, פּאַליע! אַהער זאָג איך... קום אַרויס פון הינטער דער שירמע!..

---

פּאַליע זיצט נאָך אַלץ אויפן בעט הינטער דער שירמע, האַלט אין פאַרלוירנקייט דעם צעריסענעם זאָק אין די הענט און קוקט אויף איר נאַקעטן פוס. דער זאָק איז צעריסן אַזוי שטאַרק און אויף אַזאַ אָרט, אַז פאַרריכטן אים וועט זיך שוין אַפילו גאָט אַליין נישט

אונטערנעמען. פּאָליע האָט שוין עטלעכע מאָל געשאַרט אינעם געפּלאָכ־טענעם קאָרב, וואָס זי האָט אַרויסגערוקט פון אונטערן בעט, געניש־טערט צווישן אירע עלטערע שוועסטערס זאַכן און זיך איבערצייגט, אַז בנוגע צו גאַנצע זאָקן איז בײַ זיי אויך ווייט נישט פרייליך — זאָל זיך פאַרוואַלגערן אפילו איין פּאָר, וואָס מען זאָל נאָך קענען אויף די פיס אָנטאָן. פּאָליע זיצט פאַרטראַכט אויפן בעט, האַלט דעם נאַקעטן פוס אין ביידע הענט און דערהערט פלוצים, ווי דער פאָטער רופט זי, און נישט ער רופט, נאָר ער פאָדערט, ער וואַרט, זי זאָל די רגע פון הינטער דער שירמע אַרויסקומען:

— פּאָליע, נו?

— פּאָליע, קום אַהער, איך בעט דיך...

פּאָליע באַשליסט זיך סוף־כּל־סוף און קומט אַרויס מיטן נאַקעטן פוס פון הינטער דער שירמע.

— וואָס איז? — פרעגט זי אומצופרידן.

נאָר וואָלי ברענער האָט נישט מער באַדאַרפט — בלויז פּאָליע זאָל אַרויסקומען.

— איר זעט? — ווייזט ער אויף איר אָן דעם מעלה־גרהדיק־דערשראָקענעם אַלטן, — זי איז בײַ מיר מיטן נאַקעטן פוס, אָן זאָקן... אָבער איך שווער אייך: זאָל איך קרענקען, אויב איך וועל זי אייך אָפּגעבן... איר הערט? אפילו אָן זאָקן... אפילו אָן זאָקן...

בעריש קאַהאַן איז שוין אויפגעשטאַנען פון טיש. ער מעלה־גרהט אַלץ מיט נאָכהענגנדע באַקן, קוקט דערשראָקן און קנייטשט מיט די אַקסלען:

— מילא... זאָל מיר שוין אַזוי וויסן שלעכטס, — זאָגט ער, — זאָל מיר שוין אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע, ווי איך ווייס, וואָס איז דאָ געשען... וואָס האָב איך אייך דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע? — איר זענט דאָך פאָרט געווען בײַ מיר אַ מענטש...

— וואָס? — צינדט זיך אָן וואָלי ברענער.

ער שפּרינגט אויף פונעם אָרט, פאַרוואַרפט ביידע פויסטן אויף צוריק און הייבט אָן אָנצוטרעטן אויפן אַלטן:

— אויב איר ווייסט נישט, — שרייט ער, — איז נאָך ערגער!

איך בין נישט מער אייער „מענטש"! איר האָט שוין מער נישט קיין מענטשן, ועבדו לעולם — שטייט, מאַכט שוין אפילו רש"י: ביז יובל, ביז דער סאָוויעטסקע וולאַסט... און איך זאָג אייך טאַקע: אויב איר גייט צו מיר נאָך אַלץ, ווי צו אייערן אַ „מענטשן", איז, איז... פּאָשאָל וואָן!..

# אין אַ טאָג אַ וואָכעדיקן

# אין אַ טאָג אַ וואָכעדיקן

אויף סאַמעט־גרינע פעלדער טונקלען צו נאַכט־צו יונגע, הויכע תבואות, גיסן אָן די זאַנגען און פאַרשטעלן דעם שמאָלן וועג מיט דער לויפנדיקער פור.

אין פור — אַ גרינגע, רעסאָרנדיק־ווייכע — זיצן צוויי:

אויבנאָן — עלעק, שמואל דעם פאַרבערס בחור.

אויף די קאָזלעס — הענעך לייבעכעס, אַ געוועזענער בעל־עגלה, איצט אַ פורמאַן אין לעבעדיוועקער גרויסער צוקער־פאַבריק.

אונטן אויף אַ בערגל איז געבליבן נעכטיקן אין דרויסן אַ קליין שעמעוודיק וואָקזאַלכל — צוויי צוגן, שטענדיקע, טאָג־טעגלעכע, האָבן דאָרט שוין אָפּגעמוט זייערס: זיך באַגעגנט, זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אַנגעשריבן וועגן דעם מיט רויך אין צוויי הימל־עקן.

הענעך טרייבט די פערד אָן שום כוונה, ווי אַ ייד, וואָס זאָגט „אַשרי" בלויז מיטן מויל אַליין, און דער קאָפּ איז אים ערגעץ אַנדערש. זיינע באַקן שמייכלען אין דער האַרטער רויטלעך־ברוינער באָרד אַריין, זיינע אויגן זענען פאַרגאַפּט און קוקן נישט אין ערגעץ — מיט אַזוינע אויגן זעט מען אַלץ און מען זעט גאָרנישט.

— עלעק, — טוט ער פלוצים אַ בורטשע, — זאָג דעם אמת...

ער טוט אַ צי מיט די אַקסלען:

— האָסט זיך אַמאָל געריכט?

עלעק וויל זיך אויפשטעלן און זיך צובויגן צו הענעכס פלייצעס. דער געלויף פון דער ווייכער פור טוט אים פריילעך אַ וואָרף צוריק צום לעדערנעם געזעס און מאַכט אים אַליין אויך פריילעך.

– אויף וואָס זיך געריכט?... אַ? הענעך.
– אויף אָט דעם אַרום-און-אַרום...
הענעך קוקט זיך נישט אום און מאַכט אַרום זיך אַ קרייז מיט דער בייטש:
איך שטיי אויפן וואָקזאַל און קוק: אַ פרעמד יונגאַטשל, אַ פיין לייבל, נישקשה פון שטיוול... זאָל מיך נעמען אַ כאָלעריע, אויב איך האָב דיך דערקענט... וויפל איז שוין, אַז דו ביסט נישט געוועזן?
– אַכט יאָר, הענעך.
– אָט-אָט... אַ שיין ביסל וואַסער אַריבער.
– וואָס אי-דען?
– גאָרנישט... איך געדענק: געקומען די ערשטע באָלשעוויקעס, אויף איין טאָג סך-הכּל, אינדערפרי, מען כאַפּט זיך אויף – אַ גע-וואַלד, אַ געפילדער: „נישטאָ עלעק!", „אַוועק מיט די באָלשעוויקעס!" דיין מאַמע האָט נאָך דענסמאָל געלעבט. האָט זי איינגעלייגט וועלטן!... ביסט נאָך געווען אַ צוציק... און דער טאַטע פאַרקערט... דער טאַטע – גאָרנישט... ווו איז ער איצטער, דער טאַטע?
– אין אָדעס.
– וואָס טוט ער?
– אַ פאַרבער, ווי געוועזן.
– ווי גייט עס אים?
– נישקשה... עס פעלן אים פון פאָרנט די ציין.
– וואָס מען האָט אים אויסגעשלאָגן אין פּאָגראָם?... וואָס-זשע? ביסט קליין אים אַריינצושטעלן גאָלדענע?
– מ'דאַרף דערויף האָבן קלינגערס.
– אַ?...
הענעך פאַרדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק.
ער קוקט זיך איין אין עלעקס פּנים: שוואַרצע צונויפגעוואַקסענע ברעמען, אויגן שאַרפע, שפּיזיק-שטעכיקע, נאָר שמייכלדיקע. דער קאָפּ – אָפּגעשוירן זייער נידעריק, ווי ביי אַ נאָוואָבראַנעץ, און אַ נעזל אַ היימיש-פאַרריסנס, אַ באַרעבאָלקע – שמואל דעם פאַרבערס נעזל; דאָס נעזל פרייט זיך, וואָס עס לעבט אויף דער וועלט.
הענעך טוט זיך אַ קראַץ אונטערן קאָלנער.

— מממ-יאָ... גאָר „ויצעקודיק" זעסטו מיר נישט אויס... וואָס-זשע? — פאַרדינסט נישט?

— איך לערן, הענעך, איך בין אַ סטודענט.

— אַ סטודענט?... הער אַ מעשה! אַ ווידוויזשעניעץ?

— אָט-אָט-אָט... געטראָפן.

— הער אַ מעשה!... וואָס-סטו זיין? אַ דאָקטאָר?

— ניין, הענעך.

— וואָ־דען?

— אַ כימיקער.

— און וואָס פאָרסטו אויפן זאַוואָד?

— אַ פּראַקטיקאַנט דערווייל.

— הער אַ מעשה!.. וועסט ביי אונז לאַנג פאַרבלייבן?

— די גאַנצע צייט פון פּראָאיזוואָדסטווע.

— וואָס־סטו טון?

— איכ'ל אַרבעטן אין לאַבאָראַטאָריע... און אייך ווי גייט עס, הענעך?

אַ פּויזע. הענעך גיט אַ פּאָך מיט דער בייטש:

— ווי זאָל עס מיר גיין? אָט ווי דו זעסט: געוועזן אַ בעל-עגלה און פאַרשוואַרצט געוואָרן. איצטער בין איך אַ פורמאַן אויפן זאַוואָד.

— אויף ברויט איז דאָ?

— סע זאָל נאָך נישט זיין אויף ברויט?

— און וואָס מאַכט אייער ביילקע?

— אָ!... כ'האָב געוווסט: דו וועסט אויף איר פרעגן.

— וואָסי-דען?

— גאָרנישט. זי האָט מיר דערציילט: זי האָט דיך געזען פאַ-ראַיאָרן אין אָדעס.

— וואָס טוט זי? נאָך אַלץ אין איספּאָלקאָם?

— אָ-אָ!... גלאַוונע סעקרעטאַר.

— און ווער איז נאָך אין איספּאָלקאָם?

— אַלץ נייע מענטשן; 'עסט זיי נישט קענען.

— און ווי גייט עס אַזוי? — איך מיין, אין שטעטל...

— ווי זאָל עס גיין? — ווי-ווער-וועמען. ט׳על׳ן מיר קומען. וועסט שוין אַליין זען. אָט זעט מען עס שוין אַרויס...

עלעק שטעלט זיך אויף, האַלט זיך אָן אָן הענעכס פּלייצעס און קוקט זיך אַ ווײַלע איין. הענעך ווייזט אָן מיט דער בייטש:

— זעסט... אָן דאָרט לינקס, אַראָפּ-אַ-באַרג... רב לעבעדיווקע — שוין איינמאָל אַ סטאָליצע... כאָטש מעלק אויס. ליגט בײַם טײַכל, ווי מען וואָלט עס אויסגעטון באָרוועס — מען וואָלט ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, האָט מען בײַ דעם צוגענומען די שיך... לאַכסט, אַ?..

אַ ווײַלע איז שטיל.

הענעך טוט אַ דריי מיט די פּלייצעס:

— איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת: סע פונדעסטוועגן בײַ אונז בעסער ווי אַמאָל. אַמאָל זענען בײַ אונז געווען דריי-פיר נגידים אין שטעטל: יאַנקל ליבערמאַן, משה טראָסטענעצקי, חיים פרידמאַן — עפּעס ווי אויסטן אויף צו רייצן זיך, כדי מען זאָל זען, ווי יענע לעבן אַ גוטן טאָג און מען זאָל צעזעצט ווערן קוקנדיק... לאַכסט, אַ?.. וואָס ווייסט איר? — איר זייט דאָך נאָך אַלע געווען זניקלעך. ווי קומט איר צו געדענקען, ווי אַ נאַש-בראַט איז פאַרשוואַרצט געוואָרן פאָ טאַטאָ אי פּאָ מאַמע... צי נעם, אַשטייגער, אַפילו דײַן מאַמען — האָט זי אָפּגעבידעוועט אַ לעבן!... געווען אַלע בעסטע יאָרן אַ דינסט בײַ די ליבערמאַנס. איך געדענק נישט? — איכ׳ל דיר דערציילן דעם גאַנצן יחוס דײַנעם — דײַן זיידע אברהם-יאַנקל האָט געמאַכט טשעריפּקעס צו אויוונס און איז געווען אַ קבצן אויף דריקעס. די מאַמע איז אַלט געווען אַ יאָר פערצן, נישט מער — אַ שייניקע געווען, אַ רייניקע, אַ זשוואַווע, ווי אויף רעסאָרלעך. און בײַ די ליבערמאַנס פלעגט מען האַלטן רק שיינע דינסטן — מיאוסע איז זיי נישט אָנגעשטאַנען. די מאַמע האָט אָפּגעדינט בײַ זיי ביז דער חתונה. שוין, דאַכט זיך, גענוג?.. גייט אַוועק אַ קנאַפּ יאָר — דו ביסט נאָר-וואָס געהאַט געקומען אויף דער וועלט, — העלפט גאָט און מען נעמט צו דײַן טאַטן פאַר אַ סאָלדאַט. נחמה ליבערמאַן האָט זיך געהאַט איבערנייס אָפּגעקעלבט — צום פינפטן, צי צום זעקסטן מאָל — הויבט זי אָן שיקן מעקלערס צו דײַן מאַמען, זי זאָל גיין צו איר פאַר אַן אַם. אַנו וואָס-זשע זאָל זי נעבעך טון, די מאַמע? אַז אויף קיין ברויט איז נישט געווען — האָט זי דיך

איבערגעלאָזט אויף דער סאָסקע, אָפּגעגעבן עפּעס צו אַ יידענע דאָרטן, צוגענומען די ברוסט פון דיין מויל און זי אָפּגעגעבן סאַשקען — ליבערמאַנס יונגן תכשיט... אָט דעם, וואָס איז נאָכדעם פאַרפאַלן געוואָרן אין פּאַריז און זיך עפּעס געלערנט דאָרטן... שאַ! ט'עסטו אים זעען, סאַשקען — ער דרייט זיך נאָך אַרום ביי אונז אין לעבעדיווקע... איכ'ל דיר זאָגן דעם אמת: מ'זאָגט — „מען פאַנקעוועט זיי ביי אונז נישט, די געוועזענע גבירים"... איך האָב נאָך נישט געזען, אַז איינע פון זיי זאָל איצטער גיין צו אַ נאַש-בראַט פאַר אַן אַם, — וויאָ!...

די פיר לויפט פאַרביי אַ טאָל, פאַרביי צעוואָרפענע פויערשע שטיבלעך, וואָס זיצן טיף אין גרינע תבואות. דער שמאָלער וועג איז גלאַט און האַרט.

די שטיבלעך זענען פאַרביי.

אונטן איז געבליבן:

אַ פאַרגייענדיקע זון, אַ בענקשאַפט נאָך פרי-זומערדיקער וועטשערע, אַ שמעקעכץ, וואָס דערמאָנט אָן סמאָלע, אָן מעלקנדיקער קו, אָן שאָלעכץ פון יונגע, פריש-געקאָכטע קאַרטאָפלעס.

עלעקס היימיש-פאַרריסן נעזל האָט אויף אַ ווייַלע אויפגעהערט צו זיין פריילעך, וואָס עס לעבט אויף דער וועלט. אין די שאַרפע אויגן האָט זיך מיט אַ גלענצל באַוועגט אַ געדאַנק און וויל פון דאָרט נישט אַרויס.

עלעקן טוט עפּעס באַנג, נאָר ער ווייסט נישט וואָס. אין זכּרון דערוואַכן באַזונדערע טעג פון די קינדער-יאָרן און קלויבן זיך צונויף אין וואָכן, אין חדשים.

אים איז מאָדנע:

געווען ביז סוף בירגער-קריג אין דער רויטער אַרמיי, געאַרבעט נאָכדעם אין פאַבריק, געענדיקט דעם אַרבעטער-פאַקולטעט, געלערנט ווייטער, און קיינמאָל נישט געפילט דאָס, וואָס איצט — עפּעס ווי אַ ווייטיקלעכע בושה פאַר אַ קינד, ביי וועמען מען האָט אַוועקגענומען די ברוסט פון מויל... עפּעס ווי אַ ווייטיקלעכע בושה פאַר אַ מוטער, וואָס האָט געלאָזט אַ וויינענדיק קינד אינדערהיים און איז אַוועק מיט איר ברוסט צו אַן אָפּגעלעבטער נגידעסטע, וואָס הייסט מאַשקע... און איצט קאָן מען אים נאָך זען, אָט דעם סאַשקען — אַזוי האָט נאָר

וואָס געזאָגט הענעך: „ער דרייט זיך נאָך אַרום ביי אונז אין לעבע־דיווקע"...

— און וואָס טוט ער איצט ?... אַ, הענעך ?..

— ווער ?

— אָט דער סאַשקע...

— סאַשקע ?... אייסעך, סע פון אים גאָרנישט נישט געוואָרן.

— וואָס־זשע ?

— ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דער כּוסע...

— אַ שיכּור ?

— אָ־אָט... ווי ער האָט אַ גראָשן.

— ער פאַרדינט עפּעס ?

— ווער — וואָס !... דער עלטערער שיקט אים אַמאָל צו — מאָטל ליבערמאַן, אַוועק מיט די עמיגראַנטן. אַברעמל, דער קלענערער, איז אין לענינגראַד. ער שיקט אים אויך אַמאָל עפּעס. מיט איין וואָרט — אַ איזשדיעווענ‎יץ. מען האָט אים איינמאָל דווקא שוין געוואָלט צו־נעמען אין דער זיבן־יאָריקער, ער זאָל לערנען מיט די קינדער דייטש... אַז ער איז אָבער שטענדיק שיכּור... אייסעך, שוין קיין מענטש נישט. ער איז שוין גאָר אַביסל געליימט — וואַרפט אונטער מיט אַ פוס, בעת ער גייט. טאַקע פונעם טרינקען איז עס אים געקומען... טראָגט אַ גרוי־סע פּאַטלע, שוין גראָלעך אַביסל ביי די שלייפן, נו און גאָרנישט — שיכּורט זיך אָן און גייט אַזוי איבער דער גאַס, רעדט צו זיך אַליין דייטש און פראַנצויזיש...

— מען קאָן מיט אים רעדן ?

הענעך דרייט אויס דעם קאָפּ און קוקט פאַרוואונדערט אויף עלעקן.

— וואָס דאַרפסטו אים ?

עלעק לאָזט אַראָפּ די אויגן און בלייבט זיצן אויבנאָן מיט אַ פאַרשעמט נעזל:

— טאַקע אַזוי... וואָס דאַרף איך אים ?

ס'איז מער נישט, וואָס קיינמאָל ביז איצט איז דאָס נישט געווען — אָט דאָס וויטיקלעך־שעמעוודיק געפיל, וואָס גריבלט אין האַרצן און

דערמאָנט אָן אַ ברוסט, וואָס מען האָט אַמאָל אַוועקגענומען פון –
און אַוועקגעגעבן אָט דעם סאַשקען...

ס'איז פאַרנאַכט.

דער גרינגער קאַבריאָלעט טוט אַ וויג מיט זיינע ווייכע רעסאָרן
און לויפט אַרויף אויף די ברעטער פון דער גלאַטער הילצערנער בריק
וואָס די צוקער-פאַבריק האַלט אין גרויס אָרדענונג.

העגעכן איז אויסגעגאַנגען לשון; עלעקן – אויך.

לינקס, ביים גרינעם ברעג פון טייך, שפרייט זיך די פאַבריק
מיט אירע קאָרפוסן, סקלאַדעס און מיט איר הויכן בייעם ריזן-קוימען
– מען זעט אים אַרויס איבער אַלע אַרומיקע שטרעקעס. און רעכטס,
אַראָפּ-אַ-באַרג, ליגט לעבעדיווקע, שפּאַרט זיך האַרט צום טייך און האָט
דאָך עפּעס ווי מורא פאַר וואַסער...

העגעך ווייזט מיט דער בייטש צום מיטן שטאָט, ווו עס ברענט
אין דער הויך אַ פרי-אָנגעצונדענער לאַמטערן:

– אָט דאָרט... זעסט? – עלעקטריטשעסטווע... לעבעדיווקע האָט
זיך דערלעבט!

און אין זיין קול קלינגען נאָך אַלץ טענער פון אַ מענטשן, וואָס
האָט אַמאָל איבערגעלעבט זייער אַ לאַנגע און שווערע וואָך און קען
עס נישט פאַרגעסן, כאָטש איצט איז שוין ביי אים גאָר שטענדיק יום
טוב, אַפילו אין מיטן מיטוואָך – יום-טוב.

ער פרעגט ווייך, כמעט טאַטעדיק:

– וווהין ווילסטו צופאָרן? – צום איספּאָלקאָם?

– ווי מיינט איר? סע נאָך דאָרט עמיצער דאָ?

– אפשר.

צי מיינט ער נישט מיט דעם זיין ביילקען, וואָס איז דאָרט
סעקרעטאַר?..

פון ווייטלעכן מאַרק דערהערט מען פּלוצים קלעזמער שפּילן.

העגעך דערמאָנט זיך:

– אַ-אַ... סע דאָך היינט זייער וועטשער... קאָמסאָמאָל...

איצט פאָרט מען אַריין אין שטעטל – אַ קליין שטעטעלע און
מיט אַ פיינער אָפּגעטווענער עבודה – עס האָט אַמאָל צוגענומען די
ברוסט ביי איין קינד און אַוועקגעגעבן דעם צווייטן. עס טרייסלט

זיך דאָ אין אָנהויב בלויז איינער אַ לעבעדיקער אבער — דאָס איז די ראָזעווע מיל, וואָס שטויבט מיט געל-ראָזעווען שטויב און קלאַפּט מיט איר מאָטאָר עפּעס צופיל שטאַרק, קלאַפּט ווי מיט מורא, אַז אויב זי וועט קלאַפּן אַביסל שטילער, וועט מען זיך גלייך דערמאָנען אָן יענער אָפּגעטויענער עבירה...

# דזשירא, דזשירא

# דזשירא, דזשירא

אַרום־און־אַרום טערעזען ליגט ניו־יאָרקס פּאַרמעגן:
אַ פּינפּטע עוועניו מיט אַסך איסטן און וועסטן איןביידע זייטן,
אַ גרענד-סענטראַל,
אַ וואָל-סטריט,
אַ סענטראַל־פּאַרק,
אַפּאָר בראָדווייצן,
אַן אָקעאַן אין איין עק,
אַ טייך אין צווייטן עק.

* *
*

אין מיטן ניו־יאָרק וווינט טערעזע — אַ בלאָנד איטאַליעניש מיידעלע פון אַ יאָר עלף.
איר פּאַרמעגן:
אַ קליידעלע מיט זייער אַ הויכן סטאַן, ווי ביי די מאַדאָנע־קינדער,
אַ מאַדאָנעדיק־וואַקסן פּנימל,
אַ געטלעך־פּאַרקאַטערט נעזל,
וואַסעריק־בלאָע אייגעלעך, ווייט צעשטעלט אין ביידע זייטן נעזל,
קיין ברעמען,

קיין צעפּלעך — איר פּאָטער האָט זי אָפּגעשוירן, ווי אַ ייִנגל. איר אומגליק איז איר שטימעלע — אַ ווייטס, אַ בערגיקס — אַ דין און קלינגענדיק שטימעלע אויף צו פאַררייסן זיך ביז גאָר הויך מיט איטאַליעניש ווערטער, ווי ביי זיך אינדערהיים און דער־גיין ניו־יאָרק די יאָר.

אַלע פּאַרנאַכט זעצט זיך טערעזע אַוועק אין הויף אויף די אָנגעוואַלגערטע ברעטער און זינגט אפשר אַ שעה און מער אין מיטן ניו־יאָרקער טומל. די שכנים אין הויף וואָלטן דעמלט עפּעס אַריינגעוואָרפן אין פּושקע זי זאָל אויפהערן.

טערעזע זינגט:

דאָס שוועלבעלע קומט,
קומט פון איבער ימען.
מיד זענען די פליגעלעך
פון שוועבן איבער תהומען.

די שכנים אין הויף עפענען פענצטער און שרייען אויף טע־רעזען, זי זאָל אויפהערן. טערעזע בלייבט אַ רגע שטיל; זי מיינט, אַז דאָס לידל געפעלט נישט און הייבט אָן אַן אַנדערס:

אוי, ציטער נישט, מיין שיפעלע,
שיפעלע, דו קליינס.
טראָג מיך ראַשיק איבער ימען,
שיפעלע... אַלצאיינס!

די פענצטער עפענען זיך ווידער, און די פנימער, וואָס באַ־ווייזן זיך אין זיי, זענען פיל מער אויפגערייצט. טערעזע מוז זיך אָפּרוקן וואָס ווייטער אויף די אָנגעוואַלגערטע ברעטער, כדי פון די פענצטער זאָלן אין איר נישט טרעפן די שאָלעכצער פון באַנאַנען. אין די פענצטער שרייט מען:

— האָסטו געזען?

— נאַ דיר אַזאַ מין צרה!

טערעזע פאַרדרייט דאָס קעפּל אין אַן אַנדער זייט און זינגט נאָך העכער:

דזשׂירָא דזשירָא טאָנדאָ
דזשירָאַ טוטא איל מאָנדאָ...

---

צו טערעזען אין דער בערגיקער אַלטער היים — אין דער צוויי מאָל זוניקער איטאַליענישער שווייץ — איז צוריק מיט אַ שטיקל צייט געקומען פון ניו־יאָרק איר פאָטער.

געקומען זיך זאָרגן וועגן טערעזעס תּכלית און וועגן זיך אַליין — ער איז שוין עטלעכע יאָר אַן אַלמן.

טערעזע וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וויאַזוי דאָס איז געווען.

די ערשטע טעג:

דער פאָטער איז אויפגעשטאַנען זייער שפּעט, זיך געפּוצט די שיך, זיך געוואַשן דעם קאָפּ און גאַנצע טעג נישט גערעדט וועגן גאָרנישט — זיך בלויז געהאַלטן אין איין חמצדיק מאַכן מיט אָן אַ שיעור פלעשער שוימענדיקער „אַסטיע"*).

טערעזעס וווּנדער:

דעם פאָטערס פּנים — ווי ביי אַ געשטאָרבענעם, וואָס קערט זיך אום פון יענער וועלט.

קיין האָר נישט געראָטן אין זיין פּנים אויפן בילד, וואָס הענגט ביי דער טיאַ (מומע) פעאָדאָרען אויף דער וואַנט — אויפן בילד איז ער פאָטאָגראַפירט אין צווייען מיט טערעזעס געשטאָרבענער מאַמע אינעם טאָג פון זייער חופּה.

אָן די וואָנצעס איז זיין נאָז געוואָרן פיל קורצער, זיין מויל — פיל ברייטער.

אַלע זיינע מוסקולן אויפן שטערן און אויף די באַקן זענען געווען ערנסט קאַלט, כמעט פאַרגליווערט. דאָס רעכטע אויג האָט

---

*) אַ איטאַליענישער זיסער שוים־וויין.

אויסגעזען אַסך קלענער פונעם לינקן און געהאַלטן אין איין אונטער־טענצלען, אין איין אונטערציטערן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן:

ער איז אַ „ווייטער" אין אַ ניו־יאָרקער פּריילעכן רעסטאָראַן, ווו מען זינדיקט גאַנצע נעכט אָקעגן פּראָהיביבישן; פון דאָרט, פון דורכ־שמועסן זיך אינעם ביינאַכטיקן פּריילעכן רעסטאָראַן מיט די געסט מכּוח אַ שנאַפּס, איז אים פאַרבליבן די טבע אונטערצוציטערן מיטן רעכטן קלענער־געוואָרענעם אויג, אונטערצווינקען, ווי איינער זאָגט:

— מיט מיר קאָן מען אויסקומען...

איצט ווייסט שוין דאָס אויג קיין חילוק נישט און ווינקט אונ־טער סיי ווען מען דאַרף יאָ, סיי ווען מען דאַרף נישט.

דער עלף־יאָריקער טערעזען האָט ער געבראַכט אַפּאָר געלע שיכלעך מיט העל־ברוינע קוטאַשן, מיט בלעטלעך ביי די אָפּצאַסן, און דער טיאַ פּעאָדאָרען — צוויי פּאָר זיידענע זאָקן.

— זעלטענע זאָקן.

— דאָ זעט מען זיי גאָרנישט.

אַזוי האָבן געזאָגט אַלע, וואָס האָבן אַריינגערוקט אין די זאָקן אַ האַנט און זיי געגעבן אַ צי־אויס אויף די פונאַנדערגענומענע פינגער.

בלויז איין צרה:

די זאָקן האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַרויף אויף די היגע קלעצלדיק־גראָבע פיס; זיי האָבן שיער נישט געפּלאַצט, בעת די שוער־פודעווודיקע טיאַ פּעאָדאָרע — אַ רויט־געוואָרענע און פאַר־שוויצטע, מיט אויסגעקרומטע באַקן, פאַרטערערטע אויגן און שטייף־פאַרביסענע ליפּן — האָט זיי געפּרוווט פאַרגוואַלטיקן און אָנטאָן.

טערעזע האָט צוגעקוקט, ווי אַלע אַרומיקע גיבן איר עצות:

— גוט אָפּטרוקענען דעם פוס.

— אַ קאַפּעלע שוסטער־פּולווער.

— אַ זיידענער זאָק האָט ליב געדולד.

— מען דאַרף אים איבערקערן און אָנהייבן אָנטון פון דער פּיאַטע.

נאָר די עצות האָבן נישט געהאָלפֿן; די זאָקן זענען געבליבן ליגן אויפֿן הויכן פֿאַרבעטן בעט, ווי לעבעדיקע אַמעריקאַנער עקשנים. טערעזען האָט זיך געדאַכט — די זאָקן ווינקען זיך איבער:

— מיר ווילן אַהיים.

מיט די צוויי פּאָר זאָקן האָט די טיאַ פּעאָדאָרע, נאָך אַלע מאַטערנישן, זיך געמוזט אַראָפּלאָזן פֿון די בערג צום נאָענטן קור־אָרט — אַ פֿונאַנדערגעוואָרפֿענער קוראָרט, אַ פֿאַרביקע זוים אַרום אַ קיילכיקער סאַמעט־גרינגער אָזערע — אויף אַ האַלדז־פּאַטשיילע מיט אַסך קאָלירן — אַזויגע, וואָס אַז מען טראָגט זי פֿון אונטן מיט אַ שפּיץ און פֿון פֿאָרנט. פֿאַרסילעט מען ביידע עקן אין אַ פֿודעלע פֿון שוועבעלעך, דערפֿילט זיך באַלד, אַז ס'איז יום־טוב.

און די העל־געלע שיכלעך האָט טערעזע געטראָגן אין די הענט, בעת זי איז ווי אַלע טאָג געגאַנגען פֿאַשען דער טיאַ פּעאָדאָרעס ציג און דעם טיאָ (פֿעטער) טיטאָס אייזעלע. קוקנדיק אויף די שיכעלעך, האָט זי געהאַט אין אויג די ציג מיטן אייזעלע און האָט געזונגען:

ל'אינווערנאָ ע פּאַסטאַטאָ
ל'אַפּרילע נאָנק ע פּיו
ע ריטאָמאַטאָ איל מאַדזשיאָ
איל קאַנטאָ דעל ענקו!

---

באָרוועס מיט די שיכלעך אין די הענט איז טערעזע איינמאָל געלאָפֿן באַרג־אַראָפּ מיטן שמאָלן שטויביק־ווייסן זיגזאַגן־וועג.

פֿון סאַמע מיטן הימל האָט אַראָפּגעלויכטן אפֿשר פֿיר־פֿינף זונען מיטאַמאָל, — אַזוי האָט זיך געדאַכט, — אין דער סאַמע גליענדיקער מיטאָג־שעה האָט דענסטמאָל די טיאַ פּעאָדאָרע זי געשיקט נאָך עפּעס אַ שמאָכטע אין קלייטל.

דער הייסער שטויב האָט, ווי פֿריסיק, געבריט אין די באָר־וועסע פֿיסלעך. טערעזע האָט לויפֿנדיק נישט אויפֿגעהערט צו קוקן אויף די שיכלעך און נישט געפֿילט קיין ווייטיק! זי האָט געזונגען:

ל'אינווערנאָ ע פּאַסטאַטאָ

ל'אפרילע נאָנק ע פיו...

פלוצלינג האָט זי דערפילט אַ שווערע האַנט ביי זיך אויפן קעפל, שטיין געבליבן און דערזען פאַר זיך דעם פאַטער (גלח) אַנ־טאָניאָס פאַטערלעך־גראָבע נאָז מיט זיינע פיציניושקע שעלמישע איי־ביק־לאַכנדיקע אייגעלעך.

— אַך דו, — האָט ער אַ הירזשע געטאָן, — גאָטס געפּגרט קעצל! מיינסט, אויב דיין טאַטע נעמט דיך מיט זיך קיין אַמעריקע, דאַרפסטו שוין נישט זאָגן דעם פאַטער אַנטאָניאָ „גוט־מאָרגן"? קוק מיר גלייך אין די אויגן, דו, גאָטס פאַרשטינקען הינדל.

און ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט אַ דין ווייבעריש קולכל:

— ציפ, ציפ, ציפ, ציפ, ציפ...

ער האָט שטענדיק ליב געהאַט אויסצומישן דאָס וואָרט „גאָט" מיט אַזעלכע נישט פיינע ווערטער, ווי „געפּגרט" און „פאַרשטינ־קען". דערביי האָט ער געהאַט אַ טבע צו לאַכן מיט אַ הילכיק ביי־קול, קיצלען זיין צוהערער אונטער דער פאַכווע און אפילו אין סאַ־מע מיטן בויך ביים פופיק; מיט דעם האָט ער בלויז געוואָלט דער־ווייזן, אַז מיט אים, דעם פאַטער אַנטאָניאָ, איז גאָט פיל, פיל היי־מישער, איידער מיט אַלע אַנדערע פאַטערס — אים דערלויבט ער אַלערליי קונדעסערייען.

— הער אויס, טערעזע...

ער איז געוואָרן ערנסט מיטאַמאָל, אַקוראַט ווי אין אַ פאַרנאַכט, ווען אינדרויסן לעבן דער קליינער קירכע ווילצלט ער זיך מיט מענטשן, וואָס זענען געקומען דאַוונען, און דערהערט פלוצים, אַז מען האָט שוין געטאָן דעם ערשטן קלינג צו גאָט־דינען.

— איך האָב שוין גערעדט מיט דיין טאַטן.

ער האָט אַ שמאָרע געטאָן:

— וועסט אויך אין אַמעריקע זינגען אין אַ קירכע, ווי ביי מיר, הער, וואָס איך רעד צו דיר...

ער האָט אַ נעם געגעבן די העל־געלע שיכלעך פון טערעזעס הענט, זיי געשווינד אַ פיר געטאָן זייער נאָענט פאַרביי זיינע קורצזיכ־טיקע אויגן, זיי אַ מעסט־געגעבן געשווינד, מיט אַ חשד, אַז איין

פּאָדעשוועלע איז לענגער פונעם אַנדערן. ער האָט די שיכלעך אויף גיך איבערגעצלמט און האָט זיי איר געגעבן אָ שטעק־אָפּ צוריק מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיי אָקאָרשט איצט באַקומען פון אים, דעם פּאַסטאָר אַנטאָניאָ, אַ מתנה.

— נאַ, — האָט ער געזאָגט, — כ׳האָב דיין טאַטן געגעבן אַ בריוו צו מיינעם אַ ברודער, וואָס האָט אַן אייגענע קליינע קירכע אין ניו־יאָרק. וועסט זינגען טאָקע ביי אים, ביי מיין ברודער, אין קירכע.

דענסטמאָל האָט זיך טערעזע דערוווּסט:

זי פאָרט מיט איר פאָטער קיין ניו־יאָרק.

זי וועט אין ניו־יאָרק זינגען ביים פּאַטער אַנטאָניאָס ברודער אין קירכע.

פון פרייד האָט זי, לויפנדיק באַרג־אַראָפּ, פאַרריסן איר קולכל.

דזשיראָ דזשיראָ טאָנדאָ
דזשיראָ טוטא איל מאָנדאָ.

---

אויפן שיף.

פּאַסאַזשירן האָבן ביי טערעזען געפרעגט:

— וואָס וועסטו טאָן אין ניו־יאָרק?

טערעזע האָט געענטפערט:

— איך וועל זינגען ביים פּאַטער אַנטאָניאָס ברודער אין קירכע.

פרעמדע מענטשן האָבן זי אַרומגערינגלט אויפן דעק, איר געזאָגט, זי זאָל דערווייל עפּעס זינגען דאָ אויפן אָרט.

טערעזע איז אויפן שיף געווען פאַרקילט. זי האָט געהוסט. אירע בעקלעך האָבן געפלאַמט אונטער זייער וואַקסענער פאַרב; זי האָט געזונגען:

אוי, ציטער נישט, מיין שיפעלע,
שיפעלע, דו קליינס.
טראָג מיך ראַשיק איבער ימען,
שיפעלע... אַלצאיינס!
כוואַליעס, וואָס יאָגן דיך —
זיי טראָגן דיך.

רייט ביי כוואַליעס אויפן ראַנד
ביז צום ווייטן, ווייטן לאַנד.

ביי דער זייט האָבן צוויי אַמעריקאַנער געשפּילט אין פּאָקער; זיי זענען געווען ברוגז, וואָס מען שטערט זיי; זיי האָבן געזאָגט צו טערעזן:

— אפשר קאָנסטו עס מאַכן אַביסעלע ווייטער?

— אַ קאַפּעלע שטילער...

טערעזע האָט געזונגען:

זאָרג נישט, שיפעלע,
וואָס דו ביסט פּיצעלע
און ימען זענען גרויס.
אויך איך — אַ ברויז...
מיין וועלט? —
זי איז אָן אַ שיעור,
דאָך...
איך פּיל זיך גוט אין איר!

דענסטמאַל האָט איינער פון די קאָרטן-שפּילער אַ מאַך געטאָן:

— כ'האָב דאָס געפיל, ווי אונטערן העמד וואָלטן מיר אַרומ-געקראָכן וואַנצן.

דער אַנדערער האָט, אַריינקוקנדיק אין זיינע קאָרטן, נישט אויפגעהערט צו חזרן:

— פּיק איז יום-טוב... פּיק איז יום-טוב...

ער האָט אַ שמייס געטאָן מיט זיין לעצטן פּיק איבערן טישל, אַ קוק געגעבן מיט שטעכיקע אויגן אויפן פּאַרטנער און אַ זאָג געגעבן צו אים אַזוי בייז, גלייך ער, דער פּאַרטנער איז טערעזע:

— וואַרט, וואַרט! וועסט נאָך באַווייזן צו רייסן זיך אויף די ציין אין ניו-יאָרק ביי דיין פּאַטער אַנטאָניאָס ברודער אין קירכע.

פון דענסטמאַל אָן האָט זיך עס אָנגעהויבן...

אין ניו-יאָרק האָט זיך אַרויסגעוויזן:

דעם פּאַטער אַנטאָניאָס ברודער האָט זיין קירכע פּאַרקויפט. מען האָט זי צענומען אויף ברוך און אויף איר אָרט אויסגעבויט אַ הויז מיט אַ סך, אַסך גאָרנס. ניו-יאָרק האָט אַ קוק געגעבן אויף

טערעזען מיט פיל רויטע און גרינע אויגן פון די טראַפּיק-לאַמטערן — קאַלטע און טויטע אויגן, זיי געבן אָפּ גערעכט יענעם, וואָס האָט אויף דער שיף אַ זאָג געטאָן:

— כ'האָב דאָס געפֿיל, ווי אונטערן העמד וואָלטן מיר אַרומגע־קראָכן וואַנצן.

*   *
*

פון דענסטמאָל אָן זענען אַריבער עטלעכע חדשים פון קאַמף, פון גאַנצע רעגנס באַנאַנען־שאָלעכץ, וואָס פאַלן פון פענצטער אויף טערעזעס קאָפּ.

טערעזע וווינט אין ניו־יאָרק.

ניו־יאָרק דאַרף נישט טערעזען.

טערעזע דאַרף נישט ניו־יאָרק.

דאָך...

מען וווינט זיך אַזוי אין אומנוצלעכער שכנות — מען האַלט איינס דאָס אַנדערע אויף אַ שיינער ריינער כפּרה.

טערעזע זינגט.

ניו־יאָרק וויל נישט הערן.

*   *
*

אין טערעזעס הויף - אַ הויף פון אַ קליינעם הויז צווישן דער דריטער עוועניו און לעקסינגטאָן — קוקן אַריין גאָלדענע קופּאָלן פון הימל־קראַצער, וואָס זענען פונאַנדערגעוואָרפן אויף רעכטס און אויף לינקס. די קופּאָלן — גלויבט טערעזע — זענען צוגעגנבעט ביי גאָט! גאָט, ווייסט זי, האָט שטענדיק ליב געהאַט צו וווינען אונטער אַ גאָלדענעם קופּאָל.

ווער וווינט אונטער די קופּאָלן? — זי פאַררייסט איר קעפּל און קוקט:

— אפשר וווינען דאָרט יענע, וואָס האָבן די קופּאָלן צוגעגנבעט? טערעזע טראַכט וועגן זיי:

— גנבים פֿראַנק־פֿריי... אַמעריקאַנער — זיי האָבן קיין מורא נישט — נישט פֿאַר גאָט און נישט פֿאַר תּפֿיסה.

פֿון זייער הויך זייטלען זיך די גאָלדענע קופּאָלן אויף טערעזען מיט זייערע אויבערשטע גאָרן־פֿענצטער, פֿענצטער, דורך וועלכע קיינער וועט קיינמאָל טערעזען נישט דערזען.

עס דאַכט זיך:

אויף יענער־זייט פֿענצטער קריצט עמעצער זייער שטאַרק מיט די ציין — שטענדיק און גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— קבצנן! — איך האָב דיך פֿיינט...

אין הויף, אין אַ קליינעם געוועזענעם גאַראַזש, וואַלגערט זיך אויפֿן צעמענטענעם דיל אַ ברייטער געלעגער; ער ווערט קיינמאָל נישט צוגעקליבן. פֿליי שפּרינגען פֿונעם קויטיקן קישן אויפֿן גראָבן געלאַטעטן ליילעך. אַ קליינע גאַז־פֿליטקע טונקלט און זשאַווערט אַקעגן אין ווינקל — דאָרט איז טערעזעס היים.

ניו־יאָרק איז גרויס.

טערעזע איז קליין.

דער פֿאָטער האָט איינמאָל אָנגענומען טערעזען פֿאַרן הענטל און האָט זי אַוועקגעפֿירט אין אַ פּובליק־סקול. דאָרט האָבן זיי זיך צו־זאַמען מיט נאָך עלטערן און מיט נאָך קינדער לאַנג גענודעט אין אַ פֿאָרנדיק צימער. דער פֿאָטער האָט זיך שיער נישט געעקט, וואָס ער פֿאַרשפּעטיקט אויף דער אַרבעט. זיין רעכט קלענער־געוואָרן אויג האָט דערביי די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין אונטערציטערן, און געדאַכט האָט זיך, אַז סע באַשטייט פֿון איין דורכאויסיקער בלינדער בילמע. ענדלעך האָט מען אים מיט טערעזען אַריינגעלאָזט אין אַ זייטיקן חדר, ווו אַ ווייסער כאַלאַט אויף אַ פֿאַרגליווערטן דאָקטאָר האָט געקראָכמאַלעטערהייט באַט־ראַכט טערעזען.

דער דאָקטאָר האָט אין איין אויגנבליק באַוויזן צו טון דריי זאַכן:

אַ שמאָרע טון זייער טיף מיט דער שטאַרק־פֿאַרקאַטערטער נאָז.

הייסן, מען זאָל אַריינלאָזן צו אים אין צימער אַן אַנדער קינד.

אַ זאָג טון צו טערעזעס פֿאָטער:

— דאָס קינד האָט שווינדזוכט. זי איז געווען קראַנק? זי האָט זיך פאַרקילט אויף דער שיף? פון וואָס איז געשטאָרבן איר מוטער? פון שווינדזוכט? נו אָט — ירושה.

ביים פּאָטער האָט לחלוטין אויפגעהערט צו ציטערן דאָס רעכטע קליינע אויג:

— איז וואָס וועט זיין?

דער דאָקטאָר האָט געטון זייער אַ שטאַרקן ניס און געשווינד געמאַכט מיט די הענט אַזאַ באַוועגונג, ווי גלייך אויף דעם ניס וואַרט ער שוין פון פרימאָרגן אָן, אָדער אפשר אַ גאַנץ לעבן, און אָט ענדלעך איז ער געקומען:

— מיר קאָנען זי נישט צונעמען אין שול — זי וועט אָנשטעקן די קינדער.

דער פּאָטער איז אַלץ נאָך געשטאַנען:

— און שטראָף וועט מען ביי מיר מאָנען... דערפאַר וואָס זי גייט נישט אין סקול... גיט מיר אַ צייגניש, אַז זי איז קראַנק.

דער דאָקטאָר האָט שוין באַטראַכט אַן אַנדער קינד און געענט־פערט פון אונטער אָט דעם צווייטן קינדס בריסטל:

— איך בין נישט מחויב... גיי צו אַן אַנדערן דאָקטאָר.

דער פּאָטער האָט גענומען טערעזען פאַרן הענטל און איז מיט איר אַוועקגעגאַנגען.

אין דרויסן האָט געגאָסן אין אַלכסון זייער אַ פּעטער ניו־יאָרקער רעגן. טערעזע האָט זיך דערמאָנט:

— כ'האָב פאַרגעסן אין סקול מיין מענטעלע.

דער פּאָטער האָט נישט געהערט, געבויגן דעם קאָפּ אונטערן רעגן, געשלעפּט נאָך זיך טערעזען פאַרן הענטל, ווי מען שלעפּט נאָך זיך אַ קליין ליידיק וועגעלע, און געשאָלטן דעם פּאָטער אַנטאָניאָ:

— אַ בעסטיע!... נישט געדאַכט זאָל ער ווערן... ער האָט געוווּסט אָט דער אומריינער הונט, אַז זיין ברודער האָט נאָך פאַרצווייאָרן פאַרקויפט זיין קירכע אויף ברויט, נאָר ער האָט געמאַכט אַ שווייג... ער האָט זיך געוואָלט באַרימען...

אינדערהיים, ווו דער פּאָטער האָט טערעזען איינע אַליין גע־לאָזט, האָט זיך טערעזע ווידער דערמאָנט אָנעם איבערגעלאָזטן מענטעלע,

דערפילט צו דעם אַ שטאַרקע בענקשאַפט און זיך פונאַנדערגעוויינט. זי האָט געוויינט לאַנג, דערנאָך האָט זי אָן מענטעלע פאַרגעסן. טיף אין זיך האָט זיך אין טערעזען עפּעס פאַרטראַכט, טיף אין איר האָט ווי פון זיך עפּעס אָנגעהויבן צו זינגען:

דזשיראָ דזשיראָ טאָנדאָ
דזשיראָ טוטא איל מאָנדאָ.

* *
*

אין הויף, אויפן ברייטן נידעריקן געלעגער, וואָס אין קויטיקן געוועזענעם גאַראַזש, כאַפּט זיך אויף טערעזע אַלע טאָג מיט גרויען שאַריען.

זי דערזעט:

דער פאָטער איז שוין לעבן איר נישטאָ.

זי דערהערט:

נאָענט און ווייט, איבער קוים איינגעדרעמלטע! גאַסן כאַפּן זיך אויף קנאַקנדיקע בייטשן; זיי טרייבן עמעצן, ווי אין אַ צירק, זייער וועקנדיקער געהילף קלינגט אַ ווײַלע, ווי אין אַ ליידיקן פאַס, ווערט פון מאָל צו מאָל שטאַרקער, בייזער, ביז עס דערפילט זיך: מיליאָנען מענטשן יאָגן פון אונטער דער ערד, פון אַלע זייטן.

ביי טערעזען אויפן רוקן — אַ גרויל:

— עמעצער וועט נישט דערלויפן.
— עמעצער וועט נישט באַווייזן.
— עמעצער האָט שוין נישט באַוויזן.

אַביסל שפּעטער:

די בייטשן פּאַטשן, קנאַקן עפּטער, טרוקענער, לויפנדיק-אויסגע־שאָסענע אויטאָס בלייבן שטיין אויסגעשאָסענערהייט אין דריי, אין פיר רייען, ווי פּאַר אַ שנור, פּאַר זיי גרייט צו אַנטלויפן ליגט אַ ליידיקייט אין גאַס, אַ כיטרע אַזאַ, אַ גרויסשטעטיקע. דער טראַפיק־לאַמטער קוקט טויטערהייט צו די שטיין-געבליבענע; זיין רויט-אָנגע־גאָסן אויג — אַ פראַגע־צייכן:

— פאַרשפּעטיקט?..

טויטערהייט פאַרגלאָצט ער זיין רויט-פאַרגליווערט אויג און

גלאָצט אויס אַ בייס — אַ גרינס. די לײדיקייט אויפן ברוק רייסט זיך אָפּ ווי פון אַ קייט, אַנטלויפט מיט דער לענג פון גאַס. מאַשינעס אויפן ברוק, מענטשן אָן ביידע זייטן — אַלע יאָגן אַוועק נאָך דער לײדיקייט, ווילן זי כאַפּן, קאָנען נישט: צו דער ערד נאָגלט צו אַ ניי רויט-אָנגעגאָסן אויג:

— פאַרשפּעטיקט?..

מיליאָנען-שרעק הילט איין די שטאָט, נעפּל קוקט אַרויס פון יעדער פּאָר פאַרביישווינדלדיקע אויגן. שוואַרץ-זאַמדיקער מענטש שיט זיך פון אונטער דער ערד, פון די אויבערשטע באַנען.

אין נעפּל רייצן ליכט-רעקלאַמעס, ווינקען אויס מיט בליצן פון אַלערליי קאַלטע פייערן דאָס זעלבע, וועגן וואָס עס כאָרכלען אויף ראָגן אַלערליי געדונגענע גרילצן — געמיש פון טויבן געהילך און פון מדבר-זינגנדיקע עלעקטראָלעס — דאָס איז דער שטאָט ניו-יאָרק באַרימטע געלעגערטע שטימע; אין איר זענען איינגעשפּאַנט אַלערליי איידלסטע וועלט-סערענאַדעס און אַלערליי ווילדסטע און גרעבסטע וועלט-גרעבצן, אַלע איינאיינעם חזרן זיי אָן אויפהער, אָן ציין, אָן אַ צונג, אָן אַ גומען:

— כאַפּט דעם דאָלער!!!

— כאַפּט דעם דאָלער!!!

* *
*

אונטערן געוועזענעם גאַראַזש, ווו עס געפינט זיך טערעזעס היים, ציטערט פון צייט-צו-צייט דער צעמענטענער דיל, הודעט מיט געהילך פון ווייטע באַנען, וואָס לויפן אונטער דער ערד צום נאָענטן גרענד-סענטראַל, ווירקט מיט ווידער-געפּיל פון יאָגן זיך אין חשכות. פון ערגעץ אַ נאָענטן, זייער טיפן קעלער דערטראָגט זיך אַהער דאָס אומאויפהערלעכע ברומען פון אייביק-אַרבעטנדיקע ראָטאַציאָנס-מאַשינען, פון אַלערליי אַנדערע אייביק-ציטערנדיקע טיפּאָגראַפישע גיגאַנטן. פון דעם אַלעם באַקומט זיך ביי טערעזען אַ שטענדיקע נערוועזע קאָנוולסיע, אַן אינעווייניקסטע, אַן אומדערוואָרענע; איר געפיל — ווי גלייך זי געפינט זיך נאָך אין מיטן ים אויף דער שווימענדיקער שיף

און האַלט נאָך אַלץ אין איין פּאָרן. פון דעם אַלעם ווילט זיך טע־רעזען אָן אויפהער צוויי זאַכן:

ברעכן,

הוסטן.

און אויב הוסטן — איז מיט אַ לאַנגן, לאַנגן געציקלטן הוסט; פון אַזאַ מין הוסט הערט אַ ווײַלע אויף צו שטעכן אין ברוסט און עס הייבט אָן צו שטעכן אין די אויערן און עס דערפילט זיך אַ שטאַרקער, שווערער ווייטיק אין קאָפּ.

אַקעגן ברעכן איז אַ סגולה — נישט רירן זיך פון אָרט.

און וועגן איר לאַנגן געקיצלטן הוסט האָט איר דער פּאָטער שוין נישט איינמאָל געזאָגט:

— מען וועט אונז אַרויסטרייבן פון הויף.

אויפן נידעריקן קוויטיקן געלעגער ליגט דערייבער טערעזע מיט לייכט־פאַרמאַכטע אויגן און מיט שטייף־פאַרקוועטשטע ליפּן. כדי צו פאַרגעסן אַביסל אָן די וואַרגנדיקע ספּאַזמען, וואָס טרעטן אַלעמאָל צו צום האַלדז, האַלט זי אין איין ציילן, וויפל מאָל זעגען היינט די פייערלעשער מיט גרימענדיקן רעש דורכגעלאָפן איבער דער לאַנגער לעקסינגטאָן־סטריט. אַלע מאָל, ווען עס דערהערט זיך באַנייס די פייערלעשערס געפּילדער — זייער פּאַטענטירטע גרויל־מאַכנדיקע קוויטשעריי, ציט טערעזע אַרויס אַ דין שטרויעלע פונעם געליגערדיקן מאַטראַץ און לייגט עס אָפּ ביי דער זייט. פאַרנאַכט, ווען זי ציילט איבער די אָפּגעלייגטע שטרויעלעך, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער חשבון שטימט:

— כמעט ווי נעכטן — עטלעכע־און־דרייסיק שטרויעלעך.

דער הוסט האָט נאָכגעלאָזט.

אַקעגן אויף דער זשאַווערנדיקער גאַז־פּליטקע שטייט איר עסן — דער פאָטער האָט עס נעכטן אינאָוונט געבראַכט פון רע־סטאָראַן — און פאַרשפּרייט אַ ריח פון געקאָכטע זויער־געוואָרענע פּאָמידאָרן. פון פּרווון אַ קיי טון פאַרווילט זיך נאָך אַמאָל ברעכן. טערעזע נעמט אויף זיך איר אַלט שאַלכל, — דיטיאַ פּעאָדאָרע האָט עס איר מיטגעגעבן אַ מתנה, — בינדט עס איבער ווי אַ צלם

אויף דער ברוסט און גייט אַרויס אין הויף, טוט, ווי דער פֿאָטער האָט איר געהייסן:

— זיצן אַלע פֿאַרנאַכט צוויי שעה אויף דער פֿרישער לופֿט.

* * *

אַרום-און-אַרום קלײנעם הויף בויט מען הימל-קראַצערס.

הויך-אַוועקגעשטעלטע באַגערס פּאַכען מיט זייער משונהדיק-גרויסע, צום הימל פֿאַרריסענע עלעפֿאַנט-נעזער, גראָבן ערד און שטיינער. זייערע פּויזנדיקע דרייעקיקע וואַגאָנעטקעס פֿאַרהילכן די לופֿט מיט אַלערליי מינים קוויטשעריי. געמיינעוועטע טיפֿענישן רייסן זיך דאָרט פֿון דינאַמיט; צינק-שטיין-עקבויער דרעליעווען דעם הויכן אייזערנעם געשטעל, בייסן זיך איין אין שטאָלענע באַלקעס, וואָס ערגעץ אויף די דרייסיקער און פֿערציקער גאָרנס, פֿאַרגייען זיך אין זייער גרעגעריי, ווי קינדער אין קאָקלויש, דערשטיקן זיך און כאַפּן זיך אויף מיט נייעם גראַגערדיקן חשק.

אין מיטן, צווישן אָט דעם טומל — טערעזע; זי זיצט אין עק קליינעם הויף אויף די אָנגעוואַלגערטע שפּענער. זי געדענקט דאָס מענטעלע, וואָס איז געבליבן פֿאַרגעסן אין פּובליק-סקול און איר נאָגט דערפֿון אין האַרץ — נאָגט און בענקט נישט אַזוי נאָכן מענטעלע אַליין, ווי נאָך איינעם אַ ריס, וואָס דאָרט ביים מענטעלע אונטערן לינקן אַרבל... ווען אין מענטעלע זאָל כאָטש נישט געווען זיין אָט דער ריס!

זי געדענקט דער טיאַ פּעאָדאָרעס ציג, דעם טיאָ טיטאָס אייזעלע, די דאָרטיקע היץ און די דאָרטיקע בייטאָגעדיקע שיין — אַ ליכטיקייט, ווי פֿון דריי אָדער פֿיר זונען. אירע אויגן זעען פֿאַר זיך דעם שטויביקן זיגזאַגן-וועג, וואָס ברייט ווי פּריסיק די באָרוועסע פּיאַטעס, איר דין קולעכל טוט זיך אַ פֿלעכט-אַריין אינעם אַרומיקן טומל, אינעם רעש פֿון נישט-פֿאַרענדיקטע הימל-קראַצער, פֿאַרגייט זיך, ווי אין דער היים מיט איטאַליענישע ווערטער, מיט ביז-גאָר הויכע פֿאַרריסענע טענער:

ל׳אינוּוערנאָ ע פּאַסטאַטאָ
ל׳אַפּרילע נאָנק ע פּיו
ע ריטאָמאַטאָ איל מאַדזשיאָ
איל קאַנטאָ דעל ענקו!

זי קוקט נישט, ווי דאָ און דאָרט אין קליינעם פירגאָרנדיקן הויז עפענען זיך געשווינד פענצטער. מענטשן סטראַשען זי מיט די פינגער:

– הער אויף!
– באַלד!
– די רגע...

טערעזע דרייט זיך אויס צו זיי מיטן רוקן און זינגט ווייטער.

* * *

אין הויז, אויף יענער-זייט פענצטער, וואָס קוקן פון פיר שמאָלע גאָרנס צום הויף, ווינען אין מעבלירטע איינציקע צימערן דורכאויס טשיקאַווע ניו-יאָרקער מענטשן. יעדערער פון זיי איז געשטראָפט מיט אַזעלכן נישט איז מיחוש – זאָל זיין זייער אַ קליינעטשקער, גאָר-גאָר אַ פּיצעלע, נאָר דאָך אַ מיחוש, אַזוי ווייזט זיך אַרויס – אַ האָרעלע משוגעת; וואָרים ווען נישט דאָס וואָלט יעדערער פון זיי געהאַט אַ משפּחה און וואָלט דאָ אין הויז נישט געוווינט.

עס הייבט זיך אָן מיט דער יונגער אַרענדאַטאָרין פון די מעבלירטע צימערן – מיסעס ראָבענס – אַביסל אַ צופיל-ווּקסיקע, צופיל-געפּודערטע און געפאַרבטע און צופיל-היציקע פרוי מיט אַ מאָגער-היציק פּנים, לענגלעכער נאָז און בייז-פאַרוויינטע אויגן. תמיד, אַז צו איר הייבט אָן צו רעדן אַן אומבאַקאַנטער מענטש, ווייזט זיך איר אויס – ער וויל זיך מיט איר קריגן. שוין אַ שטיקל צייט, אַז זי לעבט נישט מיט איר מאַן, וואָס האָט איר צוערשט געפעלשט מיט אַן אַנדערער, דערנאָך חרטה געהאַט, למאַי ער האָט איר געפעלשט – אָבער טאַקע ממש פון ריינעם האַרצן חרטה געהאַט. זי האָט אים צום ערשט זייער שטאַרק באַרעדט און פאַרפאַטשקעט פאַר אַלע זיינע

באַקאַנטע, דערנאָך האָט זי דערויף חרטה געהאַט — אָבער טאַקע מש פֿון ריינעם האַרצן חרטה געהאַט. באַקאַנטע האָבן זיך שוין נישט איינמאָל אַריינגעלייגט אין שלום, זיי שוין פֿיל מאָל צוזאַמען געפּירט, כּדי זיי זאָלן זיך ווידער צונויפֿגיין. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן: וואָס נוגע צו אים, גייט ער אי יאָ איין, אי נישט איין, און דאָס זעלבע פֿאַרקערט: וואָס איז נוגע צו איר, גייט זי דערויף אי יאָ איין, אי נישט איין. ביידע האָבן אַלץ, וואָס ביז היינט איז געשען, מסוכּן חרטה, נאָר פֿון דער אַנדערער זייט — ביידע וועלן זיך קיינמאָל אין לעבן נישט מוחל זיין; ביידע האָבן זיך מסוכּן ליב, נאָר פֿון דער אַנדערער זייט — ביידע האָבן זיך מסוכּן פֿיינט. זי — די מאָגערדיק־לאַנגע מיטן היציקן פּנים, לאַנגער נאָז און פֿאַר־ווייִנטע אויגן — ווייל אים קודם־כּל אָנלערנען. ער פֿון זיין זייט וויל, זי זאָל עס קודם־כּל האָבן צו געדענקען. זי האָט דעריבער אָפּגעדונ־גען און אויסגעמעבלירט אָט דאָס הויז און גיט אָפּ צימערן ביי־זער־הייט מיט גאַל, מיט אַן איבערגעפּודערט און איבערגעפֿאַרבט פּנים און מיט אַזאַ גיפֿט, אַקוראַט, ווי מיט יעדן צימער, וואָס זי פֿאַרדינגט, לאָזט זי אים הערן מיט ציין־קריצעניש:

— נאַ קוק...

— איך קאָן לעבן אָן דיר.

— מעגסט פּלאַצן!

עס וווינען ביי איר (אין גרעסטן צימער):

די ברידער דזשייקאָבסאָן — צוויי געזונטע, פֿריילעכע בחורים, וואָס האָבן זיך צעקריגט מיט טאַטע־מאַמע, מיט שוועסטער־און־ברי־דער. נאָר איינער פֿאַרן אַנדערן — זיי ביידע — וואָלטן קיין זאַק באַרשטש נישט גענומען, האָבן זיך ליב, ווי חברים, האַלטן ביי זיך אין צימער אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, און אַז זיי קומען אין צימער פֿון דער אַרבעט, לאָזן זיי גלייך דעם אַפּאַראַט שטילן, זוכן דער עיקר אויס יענע סטאַנציעס, פֿון וואַנען עס הערט זיך שימי און טאַנצן איינער מיטן אַנדערן, ווי אַ יינגל מיט אַ מיידל.

עס וווינט ביי מיסעס ראָבענס:

מיסטער מעקוי — אַ מענטש מיט אַ נאַקעטן קאָפּ, מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז, מיט אַ נעגעריש־אַרויסגערוקטן אונטערמויל און

מיט טונקעלע בליצנדיקע אײגעלעך. ער איז אַ קאָונט. אין אַ ספּעציעלן זשורנאַל האָט ער אײנמאָל אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, װוּ ער האָט געשריבן: „דער אײנציקער אויפריכטיקער מאָמענט אין לעבן פֿון אַ מענטשן איז, װען מען האָט צו טון מיט ציפּערן". און נאָך האָט ער געשריבן: „דאָס לעבן איז אײנטאָניק און ביז גאָר לאַנגװײליק; װען נישט די באַשעפֿטיקונג מיט ציפּערן, װאָלט אַ מענטשן, װאָס האָט אַ קאָפּ אויף זיך, געבליבן סײדן נעמען אַ שטריק און זיך אויפהענגען". די קריטיק האָט עס נאָכדעם אונטערגעשטראָכן און אים געגלויבט דערפֿאַר. פֿון דענסטמאָל אָן האָט מיסטער מעקוי אָנגע־הויבן צו גלויבן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי — דאָס לעבן איז װירקלעך אײנ־טאָניק און ביז גאָר לאַנגװײליק; ער האָט װי באַקומען מורא, אַז װי נאָר ער װעט זיך אויפהערן צו באַשעפֿטיקן מיט ציפּערן, װעט ער גלײך כאַפּן אַ שטריק און װעט זיך אויפהענגען. פֿון דענסטמאָל אָן האָט זיך עס בײ אים אָנגעהויבן — פֿון שרעק פֿאַרן מלאך־המות זיצט ער תּמיד איבער ציפּערן.

עס װוינט בײ מיסעס ראָבענס:

מיסטער דײװיס — אַ געהילף־רעזשיסער אין אַ פֿילם־פֿאַבריק, אַ זעקס־פֿוסיקער פֿײנער מאַנסביל, װאָס האָט דערגרײכט צו דער על־טער פֿון אַ יאָר דרײ־פֿיר־און־פֿערציק און איז דערויף װי פֿאַרגליװערט געװאָרן — װײַטער װיל ער זיך מער נישט עלטערן. פֿאַרנאַכט, װען ער קומט פֿון דער אַרבעט אַהײם, שטײט ער אָפּ בײ זיך אין צימער בײם טעלעפֿאָן אפשר צװײ און דרײ שעה נאָכאַנאַנד און רעדט זיך דורך מיט אַ מײדל, אין װעלכער ער איז ביז־גאָר פֿאַרליבט. דאָס מײדל װיל בײ אים, ער זאָל איר ראשית צוזאָגן דורכן טעלעפֿאָן, אַז ער װעט הײנט בײנאַכט נישט שיכּורן. זי בעט אים זײער לאַנג, מיט אָן אַ שיעור רײד, ביז גאָר איבערגעגעבן. זי װיל ער זאָל איר געבן זײַן ערן־װאָרט. ער ענטפֿערט איר, אַז ער איז גרײט, ער װאָלט עס שטאַרק װעלן, כאָטש נײן, נישט דאָס מײנט ער — ער מוז נאָך פֿריער מאַכן אויף זיך אַ קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג, אײדער ער װעט זיך דערװיסן, צי װיל ער עס, צי נײן. נאָר נײן, סע נישט דאָס, װאָס ער האָט איר געװאָלט זאָגן — ער מוז נאָך פֿריער האָבן אין זיך אַלײן דעם גאַנצן

גלויבן, ד. ה. האָבן די זיכערקייט, נײַן, קלאָר מאַכן זיך, צי אַז אויב ער וועט איר געבן דאָס געפֿאָדערטע ערן-וואָרט, איז צי וועט ער האָבן גענוג קרעפֿטן אויף צו האַלטן דאָס ערן-וואָרט, צי ניין, ד. ה. ניין... נישט דאָס... קרעפֿטן, פֿילט ער, וואָלט ער געהאַט, קרעפֿטן גיט אים אין געגעבענעם פֿאַל איר רירנדיקע באַציאונג צו אים, טאַקע דאָס אַליין, וואָס זי גייט איין דערויף, זי זאָל זיך מיט אים מאָרגן אין אָוונט זען, אויב ער וועט היינט בײַנאַכט זיך אָפּהאַלטן און וועט נישט שיכּורן... נאָר פֿון דער אַנדערער זייט — ער וויל זי אַזוי שטאַרק זען, אַז ער ווייסט נישט... ער האָט מורא, אַז כּדי עס זאָל גיכער איבערלויפֿן די צייט ביז מאָרגן, ביז ער וועט זי זען, וועט ער נישט קאָנען האַלטן זיין ערן-וואָרט און וועט פֿאַרקירצן די שעהן מיט דעם, וואָס ער וועט אַ גאַנצע נאַכט אָפּשיכּורן, ד. ה. טאַקע צוליב איר, טאַקע צוליב דעם, וואָס ער וויל זי אַזוי שטאַרק זען, וועט ער פֿאַרשיכּורן זיין ערן-וואָרט...

נאָך אָט דעם שעהנלאַנגן טעלעפֿאָן-שמועס בלייבט ער ליגן אַ בלאַסער ביי זיך אין צימער און הייבט ווירקלעך אָן צו טרינקען — פּאַמעלעך, רויק, נישט געכאַפּט. ער טרינקט זייער פֿיל און ווערט נישט שיכּור. לאָזט שפּילן ביי זיך אין צימער דעם גראַמאָפֿאָן, דערמאָנט זיך אינעם צעטל, וואָס ער האָט אַרויסגעהאָנגען אויף זיין טיר — אַ צעטל, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים — און שטעלט דעם גראַמאָפֿאָן אָפּ. שפּעט אין אָוונט, אַרום איינס אַזייגער, קלינגט ער דורכן טעלעפֿאָן צו מיסעס ראָבענס אין איר צימער: ער בעט זי זייער, זי זאָל אַריינקומען צו אים אין צימער. אויב אַפֿילו זי ליגט שוין אין בעט, בעט ער זי דאָך, זי זאָל זיך ווי סע נישט איז אָנטון און צו אים אַריינקומען, ווייל אָט... איבער דער מעשה מיט זיין ליבע צום מיידל... אים קומען אַרויף שרעקלעכע געדאַנקען אויפֿן זינען — געדאַנקען וועגן זעלבסטמאָרד; ער איז נישט זיכער מיט זיך, אויב ער וועט נאָך ווייטער בלייבן אַליין אין צימער איצט, אין אָט דער שעה... מיסעס ראָבענס, אָנגעטון אין כאַפּעניש, קומט צו אים אַריין און לאָזט דערביי אומיסטן אָפֿן די טיר פֿון זיין באַלויכטן צימער אין טונקעלן קאָרידאָר אַריין; זי טוט עס — אי כּדי די איבעריקע קוואַרטיראַנטן זאָלן גאָרנישט מיינען, אי כּדי עמעצער פֿון אירע קוואַרטיראַנטן זאָל וועגן דעם דערציילן איר מאַן, און זאָל ער

שוין דווקא יאָ מיינען... אין פינצטערן קאָרידאָר שטייט דאַן ווירקלעך עמעצער פון די קוואַרטיראַנטן, וואָס קערט זיך אום אין אָט דער שפּעטער שעה אַהיים — שטייט מיט פאַרטייעטן אָטעם און הערט:

מיסעס ראָבענס בעט דעם מיסטער דייוויס:

— טרינקט נישט... נו, זייט איין מאָל שטאַרק... יענע האָט אייך אַזוי ליב, ווי שעמט איר זיך נישט?.. יענע בעט פון אייך בלויז איין זאַך, בלויז — נישט טרינקען... פוי!.. מאַנסבילן!

דערויף ענטפערט איר מיסטער דייוויס, אַז צום אַלעם ערשט, כדי מיסעס ראָבענס זאָל אים כאָטש וויפל נישט איז פאַרשטיין, מוז זי מיט אים דאָ אין צימער כאָטש אַ קאָפּעלע אויסטרינקען, כאָטש אַ טראָפּן, כאָטש וויפל סע נישט איז...

— ווייל דאָ, — זאָגט ער, — דאָ איז די זאַך פאַרפלאָנטערט און אינטערעסאַנט פאַרפלאָנטערט... איר פאַרשטייט, צי ניין? — ס'איז אַ פילם... אַ זעלטענער פילם... אָ! מיר איז דאָס שווער צו פאַרדייען. איך בין אויף אַ פילם אַ מבין! איך וואָלט זיך אַליין וועלן פאַרדייען, אַדרבא, טייערינקע, איך ווען ביי אייך די גאַנצע צייט. איך פיל זיך, ווי ביי אַ שוועסטער. איך בעט אייך: העלפט מיר זיך פאַרדייען. צי איך האָב זי ליב? איר זעט נישט? וואָס־זשע, אַ קינד זענט איר? — איך קאָן נישט איבערלעבן קיין איין שעה, איך זאָל זי נישט זען. איך קאָן צוליב איר נישט אויפהערן שיכּורן?.. נאַרישקייטן. איך קאָן עס טון שטענדיק, ווען איך וויל, אפילו פון דער מינוט אָן... נאָר איך טו עס נישט און וועל עס נישט טאָן, פאַרוואָס?.. ווייל זי האָט מיך נישט ליב... זי האָט זיך בלויז אַריינגענומען אַ מעלאַנכאָליע אין קאָפּ, אַז אָט זי מיט איר שיינקייט, גראַציעזקייט קאָן נעמען אָט דעם מיסטער דייוויסן און ווירקן אויף אים, ער זאָל אויפהערן שיכּורן. זיך אַנטוישן אין דעם, הייסט ביי מיר: זיך אַנטוישן אין זיך אַליין, אין דער קראַפט פון איר שיינקייט... איך האָב מורא... ניין, איך ווייס דאָס געוויס: ווי נאָר איך הער אויף צו טרינקען, איז אַן עק, אויס ראָמאַן מיט מיר — זי האָט זיך אירס דערשלאָגן און פאַרטיק.. ניין, איך הער נישט אויף צו טרינקען... לא מיט אַ ספּאָדעק! — איך וועל זי נישט אַרויסלאָזן פון די הענט...

די בעסטע שעהן זענען ביי מיסטער דייוויס פאַרנאַכט, ווען,

קומענדיק פון דער אַרבעט, שטעלט ער זיך אויף גאַנצע שעהן רעדן מיט זיין מיידל אין טעלעפאָן — ער האַלט זי דאַן פעסט, ווי מיט אייזערנע הענט. ער שאַפט, ער האָט דעם פרעסערישן געניוס פון נישט לאָזן, זי זאָל זיך אַרויסדרייען... נאָר פונקט אין יענע שעהן צעזינגט זיך אין הויף טערעזע — זי שטערט אים זיין גענוס, זי רייסט זיך אַריין מיט איר פאַרריסן שטימעלע אין מיטן שמועס און שטעכט אים ווי מיט שפילקעס, זיין מוח, ברענגט אים אום זיין שאַפונג, דערפירט, אים דערצו, אַז רעדנדיק מיטן מיידל, זאָל ער קריצן מיט די ציין, אונטערטופען מיט די פיס, קלאַפן מיט אַ פויסט אין טיש.

* * *

טערעזע זינגט אין הויף:

שוועלבעלע, דו ברוינס,
דיין נעסטעלע איז אויס,
שנייען האָבן עס צעשטערט,
ווינטן האָבן עס פאַרקערט.
דיינע אייערלעך —
וווּ וועסטו זיי לייגן?
דיינע פליגעלעך —
אויף וואָס זיי איבערבייגן?

ביידע בחורים, „ברידער דזשייקאָבסאָן", מוזן דאַן אַ ווײַלע אָפּשטעלן דעם ראַדיאָ-אַפּאַראַט און איבעררייסן דעם טאַנץ — אַ טאַנץ פון אַ יינגל מיט אַ מיידל, אַ טאַנץ פון צעקריגט-זיין מיט טאַטע-מאַמע מיט אייגענע שוועסטער-און-ברידער, אַ טאַנץ פון נישט אַוועקגעבן איינער פאַרן אַנדערן קיין גאַנצע זעק מיט באָרשטש — טערעזעס געזאַנג שטערט זיי דעם ריטם פון „שימי". זיי וויקלען איין אין פאַק-פאַפיר אַלערליי שיריים פון עסנוואַרג, קנייטשן אויס פון דעם קיילעכער פון פאַרשיידענער גרויס, וואַרפן זיי טערעזען אין קאָפּ אַריין לויט דער געריכטלעכער רייע פון צוויי ברידער, וואָס האָבן זיך ליב און ווען איינער דעם אַנדערן נישט פאַרטיילן: זיי קייכן דערביי פון געלעכטער,

גלייבן מסופן צופרידן פון דעם, וואָס יעדערער פון זיי איז אַ מזיק און קאָן אויסגעצייכנט די מלאכה פון טרעפן אין ציל.

טערעזע פאַרהוסט זיך — איר הוסט באַשטייט די לעצטע צייט פון זייער אַ טרוקן כיקען, איר שטערן איז געוואָרן זייער געל, גרויס, באַקומען ווינקלען, זי פאַרדרייט איר פנים אין אַן אַנדער זייט, הוסט זיך אויס און זינגט ווידער:

זאָרג נישט, שיפעלע,
וואָס דו ביסט פּיצעלע
און ימען זענען גרויס.
אויך איך — אַ ברויז...
מיין וועלט —
זי איז אָן אַ שיעור.
דאָך...
איך פּיל זיך גוט אין איר.

דענסטמאָל ווערט ביז גאָר אויפגעזאָטן מיסטער מעקוי, דער קאָונט. אַן אויפגעזאָטענער פּראַלט ער אויף זיין פענצטער, צעבערעכט שיער די פאָנטאַן-פען, מיט וועלכער ער ציט שטענדיק אונטער די ציפערן:

— הער אויס, — שרייט ער, — אָנשיקעניש!

אויפגעזאָטן, אָנגעגאָסן מיט כעס זעט אויס זיין נאַקעטער קאָפּ, זיין צעפּלעטשטע נאָז, זיין נעגעריש-אַרויסגערוקט אונטערמויל און די טונקעלע בליצנדיקע אייגעלעך. ער שרייט איבער אַלע אַרומיקע טומלען, אַלע קוויטשערייען, גראַגערייען, שיסערייען, וואָס טראָגן זיך פון די זייער נאָענטע, נישט-געענדיקטע הימל-קראַצערס:

— סיידן — שרייט ער — איך וועל דיך נישט פּאַקן!

גאָר אַנדערש איז זיך דאָן נוהג מיסטער דייוויס — דער געהילף-רעזשיסאָר. ווי אַלע פּאַרנאַכט, בעת ער קומט פון דער אַרבעט, איז זיין פנים בלאַס, די האָר — נאַס, פריש-אויסגעצוואָגן, דער שטערן — שטאַרק פאַרקרעמפּעוועט מיט אַ האַנטעך אָדער מיט אַ סערוועטל, כדי דער קאָפּ זאָל נישט אַזוי שטאַרק וויי-טון. ער איז צו פּאַרנאַכט-צו תמיד אָנגעטון אין אַ צעבראַסטעטן שטוב-כאַלאַט. אויב ער רעדט דענסטמאָל נישט אין טעלעפאָן מיטן מיידל, שטרעקט ער אויס דורכן

פענצטער ביידע הענט צו טערעזען, פאַרלייגט דעם קאָפּ אָן אַ זייט, ווי איינער, וואָס בעט רחמים, באַקומט אַ וויינענדיק פּנים, מאַכט אַ ווײַלע מיטן מויל, נאָר הערן הערט מען גאָרנישט — עס שטערט דער טומל פון די נאָענטע, נישט־דערבויטע הימל־קראַצערס, דענסטמאָל כאַפּט ער ביי זיך אין צימער די גרויסע גראַמאָפאָן־טרובע, שטעלט זי צו צום מויל און שרייט דורך איר צו טערעזען:

— איך בעט דיך!

— גאָלדענע!

— טו מיר אַ טובה!

— זאָג מיר אָן פריער, ווען דו ווילסט זינגען, וועל איך אויף דער צייט אַוועקגיין פון דער היים!!!

דאָס האָט ער טערעזען אַ נאָמען געגעבן:

— דזשירא־דזשירא.

מיט די ערשטע ווערטער פון איר באַליבסטן לידל האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן, מיטן לידל, וואָס הייבט זיך אָן:

דזשירא, דזשירא טאָנדאָ

דזשירא טוטאָ איל מאָנדאָ.

איצט רופן זי שוין אַזוי אַלע אין הויף; מען דערהערט נאָר איר שטימעלע, אַזוי באַלד טוט מען זיך אַ לאָז צו די פענצטער:

— אָ־אָ!

— זי איז שוין דאָ!

— דזשירא, דזשירא...

*

טערעזע האָט שוין עטלעכע טעג נישט געזונגען, זיך נישט באַוויזן אין הויף. אָנשטאָט איר איז אין הויף־ווינקל אויף די אָנגעוואַלגערטע בעטער געזעסן פאַרנאַכט איר פאָטער. זיין אויסזען — ווי נאָך אַ בייזן שלאָף, ווי אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן און געחלומט האָט זיך אים, אַז ער האָט דעם פאַרמעגן צוריקגעפונען, נאָר אָט האָט ער זיך פון חלום אויפגעכאַפּט און האָט דערזען:

— פאַרלוירן... טאַקע אויף אַן אמת...

ער האָט פון צייט צו צייט געשפּיגן אָן אַ זייט; יעדער שפּיי — אַ קללה:

— אין דער ערד אַריין:.. מיט אַלע חלומות:

אים איז געווען גענוג אָנגעזאָלצן אויפן האַרצן: דאָס קינד איז קראַנק, נישטאָ ווער עס זאָל אַרום דעם גיין, נישטאָ וווהין דאָס קינד אַוועקצופירן, און אויסער דעם... שוין אַ שטיקל צייט, אַז מען שטרייקט אין אייניקע רעסטאָראַנס, ביי אים אין רעסטאָראַן — דערווייל נאָכנישט, נאָר די ווייטערס*) שעפּטשען זיך פון צייט צו צייט צווישן זיך אינמיטן דער אַרבעט! אַלעמאָל גייט דאָרט צו אים צו אַן אַנדערער און טוט צו אים אַ ווונק, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט זען:

— קום אויך... אויפן פּיקעט-ליין**).

און פּיקעט-ליין איז עפּעס אַזאַ מין זאַך... אים, טערעזעס פּאָטער, אי עס טוט אים ביז גאָר הנאה, וואָס אַזאַ מין זאַך איז פאַראַן, אי ער היט זיך פון דעם אויס, אי עס איז אים אַ בזיון, פאַרוואָס ער היט זיך פון דעם אויס... איז אָט — כאָטש זיך אייביק אָט דאָ אויף די אָנגעוואַלגערטע ברעטער און שפּיי זויערהייט, וואָס אי' דו האָסט דערפון הנאה, אי דו היטסט זיך פון דעם אויס... באַנוגן זיך מיטן תירוץ:

— ווי קאָן איך גיין?.. דאָס קינד איז ביי מיר קראַנק.

מיסטער דייוויס האָט אים אין איינעם אַזאַ פאַרנאַכט דערזען דורכן פענצטער. מיסטער דייוויס האָט גראָד אין יענעם פאַרנאַכט נישט גערעדט מיט זיין מיידל אין טעלעפאָן, נאָר ער האָט געפונען פאַר נויטיק צו באַוואָרענען זיך אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן, ווען ער וועט מיט זיין מיידל אין טעלעפאָן יאָ רעדן — ער איז אומיסטן אַרויסגעגאַנגען צו טערעזעס פאָטער אין הויף.

— סע איז דיין מיידל? — האָט ער געפרעגט.

ער האָט דערביי אַ ווונק געגעבן צו דער אָפענער טיר פון געוועזענעם גאַראַזש.

---

*) קעלנער.

**) גרופּן, וואָס היטן, אַז אין דער אונטערנעמונג, וווּ מען שטרייקט, זאָלן נישט אַריינקומען קיין שטרייקברעכער.

יענער האָט נישט אַזוי גיך געענטפערט. ער האָט פריער אויסגע־שפּיגן אָן אַ זייט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער לייגט זיך איבער, צי עס לוינט פאַר אים אַרויסצולאָזן פון מויל די פּאָר ווערטער:

— און אַז מיינס, איז וואָס?

אַ ווײַלע זענען זיי געשטאַנען איינער אַקעגן אַנדערן און זיך אָנגעקוקט.

— טייערער מיינער, — האָט פּעדאַגאָגיש אָנגעהויבן מיסטער דייוויס, — צי קאָן מען נישט אויספירן, אַז די קליינע דיינע זאָל נישט קאַוווטשען אַלע פאַרנאַכט?

ער האָט עפּעס דערזען ביי טערעזעס פאָטער אין פּנים, אינעם קליינעם רעכטן אויג, וואָס האַלט אין איין אונטערציטערן און האָט צו־געגעבן נאָך אַביסל ווייכער:

— ס'איז פּונקט, פאַרשטייסטו מיך, די צייט, ווען איך קום אַהיים אָפּרוען. איך אַרבעט אין אַ קינאָ־פאַבריק — טאָן־קינאָ, פאַרשטייסטו מיך... אַ גאַנצן טאָג נאָר עס בליצט דיר אין די אויגן; בלינד־מאַכנ־דיקע פּראָזשעקטאָרס... דערעסענע מוזיק... טויזנט מאָל דאָס זעלבע — רק עס קנאַקט דיר אין די אויערן. אַנדערע האַלטן נישט אויס אַפילו קיין איין חודש, מען ווערט נערוועז, מען הויבט אָן צו צוקן, ווי אין דער נכפה, מיט די אַקסלען, מיט די באַקן־מוסקולן, און דאָ, ווייסטו נאָך, ביי מיר פערזענלעך — אומאָנגענעמלעכקייטן, פאַמיליע־זאַכן.. מיט איין וואָרט, גוטער ברודער, איך וויל, דו זאָלסט מיך פאַר־שטיין...

טערעזעס פאָטער איז אַלץ געשטאַנען קאַלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט פאַריאוּשט אַ מאַך געטאָן מיט ביידע נאָכגעהאָנ־גענע הענט.

— נו יאָ, — האָט ער געזאָגט, — אַ קינד... זי איז קראַנק... זי איז פון דער היים... פון דער איטאַליענישער שווייץ, הייסט עס... דאָרט איז אַזוי — גיב דעם קינד נישט עסן, נאָר שטער דעם נישט אַ זינג־טון.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט און האָט אַ זיפץ געטון:

— און חוץ דעם... אין אָט דעם אַרומיקן גיהנום... אויף דער

זייט הויף בויט מען, אויף יענער זייט הויף בויט מען... קיין גער נישט שטיל, אָט הער: מען קנאַקט, מען קלאַפּט, מען גרילצט... דאָס אַלץ אַרט אייך נישט... נאַר, איך וויס וואָס?... טאָמער טוט דאָס קינד דאָרט אַ זינג...

דענסטמאָל האָט מיסטער דייוויס מיטאַמאָל פאַרגעסן אָן זיין פּעדאַגאָגישער אויסגעהאַלטנקייט.

— זאָג מיר נאַר, — האָט ער זיך אָנגעצונדן, — וואָס האָסטו אויף די אַקסלען: אַ קאָפּ אָדער אַ הייפּטל קרויט?!

ער האָט אַזש גענומען טרייסלען מיט פאַרהאַרטעוועטע פויסטן:

— דאָס בויט מען דאָך... הימל-קראַצערס!.. סע דאָך ביזנעס!!

* *
*

טערעזע איז געלעגן אינעם געוועזענעם גאַראַזש מיט הייסע דאַרע הענטלעך, מיט אַ הייס וואַקסן פּנימל, מיט פאַרגליווערטע, גרעסער געוואָרענע בלוי-וואַסערדיקע אייגלעך. געדאַכט האָט זיך איר: אויף איר אונטערשטן שטאַרק-פאַרטרוקנטן ליפּל קריכט די גאַנצע צייט אַרום אַ גרויסע שווערע פליג. זי האָט נישט געהאַט נישט קיין כּוח און נישט קיין ווילן די פליג אַראָפּצוטרייבן. אין די אויערן האָט זיך ביי איר באַזעצט אַ שטענדיקע אומקלאָרע זשום ריי, און טיף אין אָט דער זשומעריי האָבן זיך אָן אויפהער געדרייט אַלע לידלעך, וואָס זי האָט אין איר לעבן געהערט און געזונגען, זיך געדרייט אָן ווערטער און אָן אַ קלאַנג. זי איז געשטאָרבן בייטאָג, ווען אין גאַראַזש איז קיינער נישט געווען.

פאַרנאַכט איז געקומען דער פאָטער. אָנגעצונדן לעבן איר ליכטלעך, די ליכטלעך האָבן גיך אויסגעברענט, גיך פאַרלאָשן געוואָרן; דער פאָטער איז אַוועקגעגאַנגען, געבראַכט מיט זיך אַ קליינטשיקע טרונע, געבראַכט מיט זיך מענטשן, וואָס האָבן טערעזען אין דער קליינער טרונע פון געוועזענעם גאַראַזש צוגענומען.

פאַרנאַכט האָט מיסטער דייוויס לאַנג גערעדט מיט זיין מיידל אין טעלעפאָן, און מיסעס ראָבענס האָט געכאַפּט אַ דרעמל, כּדי זי זאָל שפּעט ביינאַכט קאָנען זיצן ביי מיסטער דייוויס אין צימער, כּדי איר מאַן

אָל עפּעס מיינען. ביי זיך אין צימער האָבן די בחורים דזשייקאָבסאָן געלאָזן שפּילן דעם ראַדיאָ-אַפּאַראַט, געטאַנצט, ווי אַ פּאַרליבט פּאָרל, ווי אַ ייִנגל מיט אַ מיידל. זיי האָבן, ווי תּמיד, געהאַלטן אין איין זוכן יענע ראַדיאָ-סטאַציעס, ווו מען שפּילט „שימי”. דער ראַדיאָ-אַפּאַראַט האָט דערביי, בעת מען האָט אים געדרייט, אַרויסגעגעבן משונה-ווילדע קוויטשן, וואָס דערגרייכן אָזש צו מיסטער מעקוי אין צימער. מיסטער מעקוי האָט אין צעטראָגנקייט געמיינט, אַז דאָס זינגט טערעזע, אויפגעשפּרונגען פון די ציפּרען, וואָס ער ציט אונטער אויפגעזאָטענערהייט, אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער און אַרויסגעשריגן אין הויף אַריין:

— הער אויס, דו אָנשיקעניש! דו דזשיראָ, דזשיראָ!

— סיידן איך וועל דיך נישט פּאַקן.

אין הויף, אויף די אָנגעוואַלגערטע ברעטער, איז געזעסן טערעזעס פּאָטער. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף מיסטער מעקוי, אַ טראַכט געטון, אויסגעשפּיגן, אַ זיפץ געגעבן, פאַרקריצט די ציין און האָט ערגעץ אָוועקגעשפּאַנט. וווהין האָט ער איצט געקאָנט גיין?... ערגעץ-ווו איז דאָ אין שטאָט געווען אַ שענקל... ערגעץ איז דאָ אין שטאָט געווען אַ פּיקעט-ליין...

רויטע אָנגעגאָסענע טראַפּיק-אויגן האָבן געקוקט פון נאָענטע און ווייטע ראָגן, שוואַרץ-זאַמדיקער מענטש האָט געשאָטן פון אונטער דר'ערד, פון די אויבערשטע באַנען, די לופט איז געווען פול מיט בליצנדיקן רעקלאַמע-ווינק, מיט כאָרכלערײַ פון אַלערלײַ געדונגענע גריילצן — געמיש פון טויבן געהילך און פון מדבר-זינגענדיקע עלעקטאָלעס. איינגעשפּאַנט אין ניו-יאָרקס געלעגערטע שטימע האָבן אַלע אײַדלסטע וועלט-סערענאַדעס און אַלע געצעכטסטע וועלט-קרעכצן געחזרט אָן אויפהער, אָן ציין, אָן אַ צונג און אָן אַ גומען:

— כאַפּ דעם דאָלער!!!

— כאַפּ דעם דאָלער!!!

# פּייוולס מעשיות

# פּייוולס מעשׂיות

מיין מאַמע איז אין כאַרקאָוו, זי היילט זיך די אויגן. איינמאָל, געדענק איך, איז מיין מאַמע געשטאַנען אין עק עסצימער, בײַ דער טיר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ וועגמאַנטל און אין בלויע ברילן, און צוויי מענטשן האָבן זי געפירט אונטער די הענט.

— כ'בעט דיך, טשאַרנע, — האָט די מאַמע געזאָגט, — גיב מיר דאָ אַכטונג אויפן קינד.

דערבײַ האָט זי געטאַפּט מיט די פינגער דאָס ביישטידל און האָט ווי אַ מאַנסביל געזוכט די מזוזה אַ קוש צו טאָן.

— רעכט, רעכט. — האָט געענטפערט די מומע טשאַרנע.

זי האָט זיך מאָדנע פאַרקרימט און געווישט מיטן פאַרטעך די טרערן.

פון דעמלט אָן האָב איך מער מיין מאַמען נישט געזען און געדענק נישט איר פנים. איך געדענק נאָר, אַז זי איז אַסך העכער פון דער מומע טשאַרנען. אפשר איז זי ייִנגער פון דער מומע טשאַרנען און אפשר נישט. איך געדענק, ווי אַזוי זי איז געשטאַנען אין בלויע ברילן אָט דאָ אין עסצימער בײַ דער טיר, האָט נישט געקאָנט געפינען די מזוזה, און צוויי מאַנסבילן האָבן זי געפירט אונטער די הענט.

פון דעמאָלט אָן זענען אין זאַל און אין די ווייטערדיקע חדרים גאַנצע טעג פאַרמאַכט די לאָדן. אונזער הויז האָט אַ ווייסן פלאַטשע־כיקן דאַך מיט יונגע גרינגאָדלדיקע בוימלעך פון פאָרנט, און אין דעם איז קיינער נישטאָ אַחוץ מיר מיט בונטשע דער דינסט און די

מומע טשאַרנען, וואָס האָט זעקס פינגער אויף דער רעכטער האַנט און פאַרגעסט אַלעמאָל, וווהין זי האָט אַנידערגעלייגט די שליסעלעך. אַז זי פאַרלירט זיי, די שליסעלעך, העלף איך איר זיי זוכן. איך לויף איר נאָך אין קיך אַריין און הער, ווי זי קריגט זיך דאָרטן מיט בונטשע דער דינסט. איך לויף איר נאָך אין הויף אַריין צו די גענז, וואָס קאָנען אונז שוין און קלאָגן פאַר אונז, הלמאַי בונטשע די דינסט פאַרגעסט זיי געבן אינדערצייט עסן. אַז מיר טוען נאָר אַן עפן די טיר צו זיי אין קאַמער, ציען זיי אַלע אויס צו אונז די קעפּלעך און שרייען אַלע אינאיינעם — דאָס דערציילן זיי אונז, אַז פון לאַנג נישט עסן איז ביי זיי שוין ביטער אין מויל. מיר האָבן נישט קיין קרובים דאָ, אין דער גאַנצער שטאָט, און די מומע טשאַרנע זאָגט, אַז געבוירן בין איך אויך נישט דאָ, נאָר ערגעץ אַנדערש־ווו, אין אַ גרויסער שטאָט. צו אונז גייען קיינמאָל נישט קיין געסט, נאָר אַמאָל פאַרנאַכט, איידער די זון זעצט זיך, קומט צו אונז אויף דער קיך יאָסל דער שטאַרקער — אַזוי רופט מען ביי אונז איינעם אַ קליינינק יידעלע, אַ קאַרליק מיט אַ גראָב פאַרריסן נעזל און מיט אַ רויטער באָרד. ער טראָגט סיי ווינטער, סיי זומער אַ פאַרשמאַלצעוועטן וואַטאָוון זשילעט אָן אַרבל, אָט דער יאָסל דער שטאַרקער, און קאָן אַלערליי מלאכות -- אָנשלאָגן אַ קאַדעפ קאָן ער, און פאַרלייטן אַן עמער, און צורעכטמאַכן אַ שירעם, און איבערציען אַ קאַנאַפּע, און פאַרניטעווען אַ מולטער, און איבערשיטן אַ צעבער, און צעלאָזן אַ רעמל, און איבער־פאָלירן אַ שאַפע, און פאַרגיסן אַ מעסער, און אַריינשטעלן אַ שויב. אַלצדינג קאָן ער, אָט דער יאָסל דער קאַרליק, און אַליין איז ער אַזאַ פריילעכער, אַ גוטער, און אַלע ביי אונז אין הויז האָבן אים ליב. אַז ער קומט נאָר אַריין צו אונז אין קיך, ווערט דאָרט באַלד אַ גדולה. מען שטעלט זיך אויס אַרום אים, מען קוקט אויף אים. בונטשע מיט דער מומע טשאַרנע שמייכלען, און אויך ער שמייכלט. ער עפנט דאָס מויל מיט די שטאַרקע ציינער, און דאָס גראָבע נעזל פאַררייסט זיך אים נאָך מער.

— פון אַלע מיינע מלאכות האָב איך קדחת.

אַזוי זאָגט יאָסל דער שטאַרקער, בעת מען פרעגט אים, וואָס ער מאַכט. און בשעת מעשה נעמט ער אַרויס פון דער פעטער

קאַמזויל־קעשענע אַ קיילעכדיקן פּושקעלע, אַ בלעכנס, אָן אָפּגעריבֿנס אַזאַ און אַ גלאַנציקס, ווי אַ שפּיגעלע, און הייבט אָן דרייען אַ פּאַפּיראָס. איך שטעל זיך אויף די שפּיצפינגער און קוק אַריין צו אים אין פּושקעלע, זע איך, אַז דאָרטן ליגן קאָרינצעס אַסך, גרינינקע און בלוילעכע, און אַלע זענען זיי פּיצעלעך אַזעלכע.

— זאָג מיר נאָר, חכם איינער, פֿאַרוואָס עפּעס מעקעט אַ ציג און אַ שאָף שווייגט?

אַזוי פֿרעגט בײַ מיר יאָסל דער שטאַרקער און בלײַבט אַזוי אויף אַ רגע פֿאַרגליווערט מיטן אויסגעבויגענעם קעפּל אָן אַ זײַט, מיטן אָפֿענעם מויל און מיט אַ פֿאַרקנייטשט גראָב־פֿאַרריסן נעזל און מיטן אָנגעשטעלטן אויער, גרייט צו הערן מײַן ענטפֿער.

נאָר דאָס ווייסט שוין נישט קיינער בײַ אונדז אין קיך. בונטשע די דינסט פֿאַרגעסט, אַז זי האָט אונטערגעהייצט אין אויוון אויף וועטשערע און ברעכט זיך לאַנג דעם קאָפּ. נאָר דערפֿון קומט גאָרנישט נישט אַרויס. אַפֿילו די מומע טשאַרנע, וואָס שטייט דאָ לעבן מיר און האַלט מיך פֿאַר דער האַנט, ווייסט שוין אויך נישט, פֿאַרוואָס מעקעט אַ ציג און פֿאַרוואָס שווייגט אַ שאָף, און נאָר איין יאָסל דער שטאַרקער ווייסט.

— אַ ציג — זאָגט ער — וויל מעקען, מעקעט זי, און אַ שאָף וויל שווייגן, שווייגט זי.

— זאָל אויף אים קומען אַ פּגירה, — אַזוי זאָגט ברוגז בונטשע די דינסט און נעמט זיך צוריק צום אויוון.

נאָר איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס זי שעלט אים. מיר געפֿעלט ער זייער און איך האָב אים ליב. אַלע בײַ אונדז אין שטוב האָבן אים ליב; אַלע בײַ אונדז אין שטוב ווייסן, ווו ער וווינט; ווייט, ווייט, אין אַ הינטער־געסל, וואָס לעבן דער באָד, שטייט אַ קליין אונטערגעשפּאַרט שטיבעלע מיט אַ שטרויענעם דאַך און מיט שוואַרצע געשטיקעוועטע שויבן, און דאָרטן וווינט ער, ער האָט נישט קיין קינדער. איך ווייס נישט, צי ער האָט אַ ווײַב, צי נײַן.

*
* *

די מומע טשאַרנע דאַרף איינמאָל בייטאָג צוגיין צו יאָסל דעם שטאַרקן אַהיים. איך וויל אויך גיין מיט איר. די מומע טשאַרנע וויל מיך נישט נעמען מיט זיך. איך וויין.

די מומע טשאַרנע זאָגט:

— ביסט אַ ביטער קינד; דו לאָזט מיך נישט אָפּ פון זיך אפילו אויף איין רגע.

— ביסט אַן איינגעשפּאַרט קינד. אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ איינגעשפּאַרט קינד ווי דו.

נאָר מיר אַרט נישט, וואָס איך בין איינגעשפּאַרט און וואָס אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ ווי איך. איך וויין נאָך שטאַרקער. דעמלט טוט מיר די מומע טשאַרנע אָן מיין יום־טובדיק גאַרניטערל און נעמט מיך מיט. נאָר אַז מיר קומען צו צו יאָסל דעם שטאַרקנס אונטערגעשפּאַרטן שטיבעלע, וויל איך אַהין נישט אַריינגיין: איך שעם זיך.

די מומע טשאַרנע זאָגט:

— נו, זעסט שוין? זעסט, אַז דו ביסט אַ ביטער קינד?

זי רייסט מיך פאַרן הענטל אינעווייניק, אין שטיבל אַריין, נאָר איך רייס זיך מיט אַלע כּוחות צוריק, כ׳בייג אויס מיין קאָפּ אַזוי שטאַרק, אַז די מומע טשאַרנע קאָן אים בשום אופן נישט אויסגלייכן.

די מומע טשאַרנע זאָגט:

— נאַרעלע, מיר וועלן נאָר זאָגן יאָסלען, ער זאָל קומען איבערבעטן די קאַנאַפּע; מיר וועלן באַלד גיין אַהיים.

נאָר איך רייס זיך אַלץ צוריק. סוף־כּל־סוף גייט די מומע טשאַרנע אַריין אין שטיבעלע און לאָזט מיך איבער איינעם אַליין אינדרויסן. איך שטיי נאָך אַלץ פאַרעקשנט מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ און שעם זיך צו קוקן אין די זייטן.

שטיי איך אַזוי איינער אַליין אין מיין יום־טובדיקן גאַרניטערל, און אַרום און אַרום איז דער טאָג אַ וואָכעדיקער, אַ זוניקער און אַ וואָכעדיקער. רעכטס לעבן אַ נאָענטער שטוב אַרבעט אַ שטעלמאַך מיט צוויי העלפער־ייִנגלעך, און אַלע דריי זענען זיי אָנגעטאָן אין פאַרטעכער.

דער שטעלמאַך דרעליעוועט אַ קלעצל און די ייִנגלעך שניצן ספּיצעס. און לינקס איז שוין מער קיין שטאָט נישטאָ. ס'שטייט דאָרטן נישט מער, ווי אײנאײנציקע שטוב — דאָס איז די עקסטע שטוב פֿון דער שטאָט. איר פֿאָרנטיקע טיר איז פֿאַרהאַקט מיט ליים, ווי אין ווינטער, די שויבן זענען אויסגעשלאָגן און פֿאַרשטעקט מיט אַלט בעטגעוואַנט; אויפֿן הויכן פּידאַטשיק ליגט אַ ציג און מעלה־גרהט; מרה־שחורהדיק אַזוי מעלה־גרהט די ציג, און לאַנג, לאַנג. און אויף די טרעפּלעך לעבן דער ציג זיצט אַ געשוואָלן ייִנגעלע, אַ גראָבלעכער און אַביסל אַ גרעסערער פֿון מיר. ער קוקט צו מיר די גאַנצע צייט; ער שמייכלט צו מיר און רירט זיך נישט פֿון אָרט.

— קום אַהער. — רופֿט ער מיך, — קום אַהער.

איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס שמייכלט ער. איך האַלט, ווי פֿריער, אײנגעבויגן דעם קאָפּ און קוק צו אים מיט איין אויג. איך ווייס נישט, נאָכוואָס רופֿט ער מיך, נאָר מיר געפֿעלט די ציג, וואָס ער גלעט. זי מעלה־גרהט אַזוי מרה־שחורהדיק.

— ס'איז דיין ציג? — פֿרעג איך ביי אים און קוק נאָך אַלץ מיט איין אויג.

ער הערט נישט אויף צו שמייכלען.

— ניין, — זאָגט ער, — ס'איז אַ פֿרעמדע. מיר האָבן נישט קיין ציג.

איך דערנעען זיך צו אים אויף אַפּאָר טריט און שטעל זיך אָפּ.

— קום אַהער, — זאָג איך צו אים:

און ער שמייכלט אַלץ.

— מיר איז שווער, — שמייכלט ער, — מיר איז צו שווער צו גיין.

— דו ביסט אַ קרומער?

— ניין.

אַ פּ·יזע.

— ס'איז דיין שטוב? — פֿרעג איך אים.

— יאָ, — זאָגט ער, — ס'איז מיין שטיפֿמאַמעס.

— און ווו איז דיין שטיפֿמאַמע?

— ז'איז אויף דער אַרבעט, זי קנעט וואַליקעס.

— וואַליקעס?

איך שטיי אַ ווײַלע און טראַכט וועגן זיין שטיפֿמאַמען, וואָס קנעט

וואַליקעס. איינמאָל האָב איך געזען, ווי מען בויט אַ שטוב און ווי אונ־טער דער שטוב שטייען באָרועסע ווייבער און קנעטן מיט די פיס ליים אויף וואַליקעס. איז, אַפּנים, זיין שטיפמאַמע אויך געווען צווישן זיי.

— קום אַהער. — זאָג איך צו אים.

— ניין, — שמייכלט ער ווידער, — מיר איז שווער.

— ביסט אַ קרומער?

— ניין.

— דו קאָנסט גיין?

— איך קאָן, אָבער מיר איז שטאַרק שווער.

און אַליין שמייכלט ער נאָך אַלץ, גלייך ער איז שולדיק; גלייך ער איז שולדיק, וואָס אים איז שווער צו גיין. איך קוק אויף זיינע גראָבע פיס, וואָס אין די קורצע מולטענע הויזן. זייערע פיאַטעס זענען רויט, שטאַרק רויט, נאָר די פיס אַליין זענען גאַנצע: זיי זענען גרע־סער, ווי מיינע. איצט ווילט זיך מיר שוין זייער צוגיין און אַ קוק טאָן אויף זיינע טשיקאַווע פיס: פאַרוואָס קאָן מען מיט זיי נישט גיין? איך לאָז זיך צו אים.

נאָר די מומע טשאַרנע איז שוין אַרויסגעגאַנגען פון יאָסל דעם שטאַרקנס קליינעם שטיבעלע און שלעפּט מיך, איך זאָל גיין מיט איר אַהיים. איך וויל בלייבן דאָ, לעבן דעם ייִנגעלע, און זי רייסט מיך פאַר דער האַנט. איך וויין, און זי רעדט מיר איין, אַז איך בין אַ ביטער קינד און אַז דאָס ייִנגעלע וועט נאָך קומען צו מיר אַהיים.

— נאָך מאָרגן, — זאָגט זי, — וועט ער צו דיר קומען.

איך וויין נאָך שטאַרקער.

— ער וועט נישט קומען, — וויין איך, — אים איז שוין שווער צו גיין; ער ווייסט נישט, וווּ מיר וווינען.

נאָר די מומע טשאַרנע דערציילט דעם ייִנגעלע, אַז מיר וווינען אין אָנהייב שטאָט אינעם ווייסן הויז, לעבן די יונגע גרינינקאָדלדיקע בוימעלעך.

— ווי אַזוי רופט מען דיך? — פרעגט זי ביי אים.

— פייוול, — ענטפערט דאָס ייִנגעלע, — פייוול רופט מען מיך.

— אַיאָ, פייוול, דו וועסט צו אים מאָרגן קומען? — פרעגט די מומע.

און פּייוול שמייכלט און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, — שמייכלט ער, — איך וועל געוויס קומען. מאָרגן בייטאָג וועל איך קומען.

* * *

פּייוול איז צו מיר נישט געקומען נישט מאָרגן, נישט איבער־מאָרגן.

עטלעכע טעג האָב איך געדענקט די גרויסע הויכע שטוב, וואָס אין סאַמע עק שטאָט. אירע שויבן, האָב איך געדענקט, זענען פֿאַר־שטעקט מיט אַלטן בעטגעוואַנט און מיט שמאַטעס. און אויף דעם פּידאַשיק, לעבן דער טיר, וואָס איז פֿאַרהאַקט און פֿאַרשמירט מיט ליים, זיצט זיך איינער אַליין אַ ייִנגעלע. ער זיצט פֿון גאַנצפֿרי אָן ביז פֿאַרנאַכט, ער גלעט די ציג און שמייכלט. ער הייסט פּייוול, פּייוול שווערפּיסיקער הייסט ער, ווייל די פּיס זענען ביי אים שווער, שטאַרק שווער. נישט ער הינקט אויף זיי און נישט זיי טוען אים וויי, נאָר גלאַט אַזוי: זיי זענען אים שווער.

כ'האָב געוואַרט, ער זאָל צו מיר קומען. איך האָב געדענקט די הויכע שטוב מיטן פּידאַשיק, וווּ ער זיצט, און האָב אויף אים געוואַרט. און נאָכדעם האָב איך שוין מער נישט געדענקט נישט אים, נישט די שטוב. און אַז איך האָב זיי שוין מער נישט געדענקט, האָט מען מיך איינמאָל פֿאַרנאַכט נאָענט צו זון־זעצן־זיך אַרויסגערופֿן אין דרויסן אַרויס, און אַז מען האָט מיך אַהין אַרויסגערופֿן, האָב איך דערזען פּייוולען, ווי ער שטייט פֿאַר אונזער גאַנעק מיט די מולטענע הויזן, מיט די גראָבע רויטע פּיס שטייט ער דאָרטן. ער וואַרט אויף מיר און שמייכלט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שטייט אַ פֿרעמד ייִנגעלע. כ'האָב זיך געשעמט מיט אים צו רעדן.

די מומע טשאַרנע, וואָס האָט מיך אינדרויסן אַרויסגעפֿירט, האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין; זי האָט געזאָגט:

— אַ חבר איז צו דיר געקומען, דאַרפֿסטו מיט אים פֿאַרברענגען, נישט דו זאָלסט שווייגן און זיך שעמען אים אַ קוק טאָן אין פּנים אַריין; גיי באַווייז אים דיינע שפּילעכלעך.

דעמלט האָב איך פּייוולען אַריינגעפירט צו אונז אין הויז און האָב אים דאָרט באַוויזן מיינע שפּילעכלעך. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב אים באַוויזן, איז געווען מיין טעלעפאָן.

— מען קאָן אויף אים רעדן, — האָב איך געזאָגט, — פונדערווייטנס רעדן.

און כּדי אים צו באַווייזן, ווי אַזוי מען רעדט אויף מיין טע־לעפאָן, האָב איך פּייוולען אַוועקגעפירט מיט דער בערע, וואָס הייבט זיך אָן באַלד אונטער אונזער הויז און ציט זיך אַוועק ביז אַראָפּ צום טייך. דאָרטן האָב איך דעם טעלעפאָן אויפגעוויקלט. מיר האָבן זיך אַנידערגעשטעלט ווייט איינער פון צווייטן און האָבן גענומען רעדן. נאָר פּייוולען איז מיין טעלעפאָן לחלוטין נישט געפעלן. ער פּרוּווט איין מאָל און צוויי מאָל אַ רעד טאָן מיט מיר אויפן טעלעפאָן פונדערווייטנס; ער איז מודה, אַז מען הערט אַלצדינג, יעדער וואָרט הערט מען, נאָר אים געפעלט בעסער זיין טעלעגראַף.

— מיין טעלעגראַף — זאָגט ער — איז בעסער, מיין טעלעגראַף איז מיט הויכע סטויפּעס, אַז מען טוט אַ קלאַפּ מיט אַ שטיין אין אַ סטויפּ און מען לייגט באַלד צו דעם אויער, הערט מען, ווי ס׳זשווזשען זיינע דראָטן.

פּייוול פאַרטראַכט זיך און גיט צו:

— דאָס הערט מען, ווי עס זשוזשעט אין דעם וויטן מדבר׃

איך טראַכט אַ ווײַלע וועגן פּייוולס טעלעגראַף, וועגן דעם ווייטן מדבר און וועגן דעם זשוזשען, וואָס הערט זיך פון דאָרטן.

— שאַ, — זאָג איך, און מיך פאַרדריסט פּלוצים, הלמאַי פּייוולס טעלעגראַף איז בעסער פון מיין טעלעפאָן, — וועלכן טעלעגראַף מיינסטו? אָט דעם, וואָס ציט זיך איבער דער שטאָט?

— יאָ, — זאָגט פּייוול, — אַוודאי דעם, וואָס ציט זיך איבער דער שטאָט.

— ער איז דען דיינער?

— אַוודאי מיינער, — זאָגט פּייוול, — ער איז אַלעמענס.

דערויף האָב איך שוין מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן. מיר ווערט אומעטיק, נאָר פּייוול לאָזט נישט, איך זאָל ביי זיך אַראָפּפאַלן.

— אַז דו ווילסט, — זאָגט ער, — קאָן איך דיר דאָ אויף דער בערע

אויפבויען אַן אייגענעם טעלעגראַף. לאָמיר נאָר פריער אָנקלייב שטעקלעך.

מיר נעמען זיך ביידע פאַר דער אַרבעט, מיר גראָבן אויס גריבעלעך, פאַרשלאָגן אין דער ערד שטעקעלעך און ציען איבער פעדימער. מיר אַרבעטן אַזוי לאַנג ביז מיר ווערן ביידע מיד. נאָר ביי פייוולען זענען די פיס שווערע, אים איז שוין שווער אַרומצוגיין אפילו אַרום די גריבעלעך. מיר זיצן אַביסל גלאַט אַזוי אויפן גראָז, נישט ווייט פון טייך, און פייוול דערציילט מיר, אַז אין קלויז אין דער וויבערשער שול זענען פאַראַן מתים.

— מתים. — זאָגט ער. — פרעג ביי וועמען דו ווילסט.

— מתים? טאַקע אמתדיקע מתים?

— אמתדיקע מתים, — זאָגט ער,—וואָס־זשע דען? אַלע ביינאַכט קומען זיי אַהין, זיי קלעטערן אויף די בענק, זיי שפרינגען אויף די טישן און קערן איבער אַלע שטענדערס. און גאַנצפרי טוט אַ קריי דער האָן, דעמלט קומט דער שמש. ער טוט דריי מאָל אַ קלאַפ מיטן שליסל אין דער טיר און זאָגט:

— מתים! אַוועק אין אייער רו אַריין.

מיר ווערט אַביסל אומעטיק, ווייל איינמאָל תחילת אָונט האָט מען ביי אונז אין קיך לאַנג גערעדט וועגן מתים. מען האָט דאָרטן קיין לאָמפ נישט אָנגעצונדן, און נאָר אין אויוון האָט זיך געהייצט אויף וועטשערע. איך מיט דער מומע טשאַרנע זענען דאָרט געזעסן אויף דער סאָפקע, און נאָך איינע אַ שכנה אונזערע איז דאָרטן געזעסן, און אַלע האָבן מיר געהערט, ווי בונטשע די דינסט דערציילט, פון וואָס איר טאַטע איז געשטאָרבן: איינמאָל ביינאַכט האָט ער זיך אײנער אַליין אומגעקערט פון אַ יריד. און מיד איז ער געווען און צופוס איז ער געגאַנגען. און אין דער גאַנצער שטאָט איז מען שוין געשלאָפן, גייט ער אַזוי און גייט, און אַז ער קומט צו ביז דער אַלטער קלויז, זעט ער, אַז זי איז פאַרשלאָסן פון דרויסן, און פון אינעווייניק קלאַפט צו אים עמיצער אין אַ שויב — איז דאָס, אַפנים, אויך געווען אַ מת — איינער פון די מתים, וואָס קומען ביינאַכט אין דער וויבערשער שול. איך וויל וועגן דעם דערציילן מיין חבר פייוולען, נאָר איך ווייס נישט ווי אַזוי. איך שווייג, און אַז איך קוק מיך אום אויף פייוולען, זע איך,

ווי ער זיצט אַזוי מיט זיינע גראָבע פיס, אַנטקעגן מיר צווישן גראָז, נאָר די אויגן זיינע קוקן נישט צו מיר; זיי גלאַנצן און קוקן גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— מיין מאַמע,—דערציילט ער, — מיין מאַמע איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן.

— זי איז געווען שלאָף?

— יאָ, זי האָט זיך צוגעקילט און איז געשטאָרבן. די ערשטע צייט פלעגט זי, ווי אַלע מתים, קומען אין שול און שפּרינגען אויף די שטענדערס, נאָר איצט קומט זי שוין אַהין נישט. איצט ליגט זי אין ווייסע תכריכים ביי אונז אין אונטערהויז אויפן בוידים און הערט; אַלצדינג, וואָס מען רעדט, הערט זי...

— זי לעבט?

— ניין,—זאָגט ער,—זי איז טויט, נאָר זי הערט, אַלצדינג הערט זי.

— פונוואַנען ווייסטו?

— אַזוי, — זאָגט ער, — איך ווייס.

איך קוק אויף אים און האָב פאַר אים אַביסל מורא; כ'האָב מורא פאַר זיינע אויגן, וואָס גלאַנצן. אַז ער רעדט, פאַרטראַכט ער זיך, און דעמאָלט דאַכט זיך, אַז נישט ער רעדט, נאָר עמיצער אַ צווייטער, וואָס זיצט ביי אים אין די גלאַנציקע אויגן.

— איינמאָל אינאָוונט, — דערציילט ער,— בין איך אַרויסגעגאַנגען אין אונטערהויז אַריין, נאָך אַ קוואָרט וואַסער בין איך אַהין אַרויסגעגאַנגען, און איינער אַליין. און וואַסער אין דייזשע איז שוין געווען ווינציק, נאָר אויפן דעק. האָב איך זיך אַריינגעבויגן אין דייזשע אַריין, און בשעת איך האָב זיך אַזוי אַריינגעבויגן, האָב איך געהערט, ווי זי רופט מיך פונעם בוידים: „פייוועלע, זונו, רופט זי מיך, פייוועלע!"

מיר זיצן אַזוי אַ ווײלע און שווייגן. מיר הערן, ווי שפּרינגערלעך טאַנצן לעבן אונז אינעם גראָז, און אַרום און אַרום אונז איז שטיל, שטאַרק שטיל. ס'פאַרגייט די זון, זי איז גרויס און רויט. זי הענגט איבערן טייך אין דער לופט, און אַז מיר קוקן זיך אום, זעען מיר צוויי זונען: איינע אין דער לופט, די צווייטע טיף אין דעם טייך וואַסער, אוןביידע זענען רויט, ווי העליש פייער. ווייט, ווייט לעבן אָטשערעט פאַרבויגט זיך דער שמאָלער טייך און ווערט

ברייט, ווי אַ ים. מיר דערהערן פון דאָרטן אַ געזאַנג. שטעלן מיר צו די הענט צו די שטערנס און קוקן זיך איין: דאָס שיפן זיך דאָרטן שקצים אויף אַ שיפל, שיפן זיך און זינגען. זיי רודערן דאָרטן מיט גאָלדענע רודערס, און דאָס וואַסער, וואָס דאָרטן אַרום זיי, איז אויך אַ גאָלדנס, אַ רויטס. מיר קוקן זיך לאַנג איין, נאָר קיין פנימער זעען מיר נאָך אַלץ נישט. און מיין חבר פייוול דערציילט מיר דערווייל, אַז אַלץ, וואָס ס'איז פאַראַן אויף דער יבשה, איז אויך פאַראַן טיף-טיף אונטער דעם טייכוואַסער:

— לייבן זענען דאָרטן פאַראַן, לעמפערטן, און הינט אַלערליי, און קעץ, און שור-הברן, און הירשן. איינמאָל האָבן פישער פאַרוואָרפן אַ נעץ, ווייט-ווייט צום אָטשערעט האָבן זיי די נעץ פאַרוואָרפן און לאַנג האָבן זיי זי אין טייך געהאַלטן, עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. און אַז זיי האָבן די נעץ פון טייך אַרויסגעשלעפט, איז זי געווען שווער, שטאַרק שווער, און געווען איז אין איר נישט קיין פיש און נישט קיין פישלעך, נאָר אַ הירש גאָר, אַ הירש מיט הויכע צווייגנדיקע הערנער, און אַז זיי האָבן דעם הירש אויף דער יבשה אַרויסגעשלעפט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און האָט אָנגעהויבן צו זיי צו רעדן מיטן קול פון אַ מענטשן...

— שאַ, נו און מענטשן, — פרעג איך ביי מיין חבר פייוול, — און מענטשן זענען אויך אין טייך פאַראַן?

— מענטשן אויך, מענטשן אַוודאי.

— טאַקע אמתדיקע מענטשן?

— ניין, רוחות, שדים און שדיכעס.

— שדיכעס?

ביי מיר קלאַפט שוין דאָס האַרץ. איך האָב מורא ווייטער צו רעדן, און מיין חבר פייוול דערציילט מיר דערווייל אַ מעשה, וואָס איז זיך איינמאָל פאַרלאָפן, אַ מעשה מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט ליב געהאַט צו באַווייזן אין טייך אַלערליי קונצן — אַ שיינער איז דער יונגערמאַן געווען און אַ שווימער אַזאַ גרויסער, איינער אויף דער וועלט. פלעגט מען זיך באָדן ביים ברעג און קוקן, ווי ער שווימט אינמיטן טייך, און דער טייך איז אַזאַ טיפער, אַ טיפער, און נאָר ער אַליין שווימט אויף זיין מיטן: ער לייגט קלאַפטער און

„גייט טריטוואַסער"; ער שווימט אויפֿן רוקן און פּלוצים מאַכט ער אַ „קעפּל"; ער פֿאַרשווינדט אונטערן וואַסער און שווימט אַרויס העט ווייטער, העט ווייטער.

שווימט ער אַזוי איינמאָל פֿאַרנאַכט, דער יונגערמאַן, שווימט ער און שווימט אין ווייטן מיטן טייך, און אינדרויסן איז שוין טונקל, און דער עולם איז שוין לאַנג פֿונעם באָדן אַהיים געגאַנגען, און ער שווימט נאָך אַלץ. איז ער שוין מיד, וויל ער אָפּרוען, לייגט ער זיך אויפֿן רוקן, אויף דער זייט; שווימט ער אַזוי צו ביזן אָטשערעט און האַלט זיך אָן בײַ אַן אָטשערעטל. און אַ לוסטיקער איז דער יונגערמאַן געווען, אַ פֿריילעכער אַזאַ, טוט ער אָן זײַן פֿינגערל אויפֿן אָטשערעטל און זאָגט צו דעם אַזוי:

— כ'בין דיך מקדש, — זאָגט ער צו דעם, — נאָכן דין פֿון משה און פֿון ישׂראל.

און ווי ער רעדט דאָס אויס, אַזוי וואַקסט אויס פֿון אונטערן אָטשערעטל אַ שדיכע, אַ יונגע און אַ שיינע, מיט לאַנגע האָר און נאַסע, און הויבט אים אָן נאָכשווימען.

— דו האָסט מיך מקדש געווען, — זאָגט זי צו אים, — דו האָסט מיך מקדש געווען, נאָכן דין פֿון משה און פֿון ישׂראל.

דער יונגערמאַן שווימט אַוועק, און זי שווימט אים נאָך; דער יונגערמאַן כאַפּט זײַן אָנטאָן אויפֿן ברעג און אַנטלויפֿט אין שטאָט אַרײַן, און זי לויפֿט אים נאָך.

— דו האָסט מיך מקדש געווען, — שרייט זי צו אים, — דו האָסט מיך מקדש געווען.

פֿון דעמאָלט אָן באָדט מען זיך אין יענעם טייך נאָר בײַטאָג, און דער יונגערמאַן באָדט זיך גאָר אינגאַנצן נישט: ער האָט מורא פֿאַרן טייך. ס'קומט פֿאַרנאַכט, די זון פֿאַרגייט, דער טייך ווערט פּוסט, ס'הייבט אָן טונקל ווערן, דעמאָלט טוט זיך אַ דריי אַ וואַסער־רעדל אין ווייטן מיט טייך לעבן אָטשערעט, עס שטעקן זיך אַרויס צוויי הענט פֿונעם אָטשערעט, יונגע אַזעלכע, נאַקעטע און שיינע. זיי טוען צוויי מאָל אַ פּליעסק אין דער לופֿט, און ס'דערהערט זיך אַ קול, וואָס קלאָגט:

— נישטאָ מיינער!.. נישטאָ מיינער!..

אַרום אונז אויף דער בּערג איז שוין טונקל. די זון האָט זיך שוין לאַנג געזעצט, און דער טייך איז פּוסט. אַ ווינטעלע אַ קילס בּלאָזט פון בּרעג די קלאָרע וועלן, און מאַכט זיי שוואַרץ און בּייז און לויפט מיט זיי ווייט-ווייט צום אָטשערעט. די שקצים שיפן זיך דאָרטן שוין מער נישט אויפן שיפל; מען הערט נישט זייער געזאַנג. מיר קוקן זיך איין אַהין ווייט-ווייט צום אָטשערעט, ווו דער טייך ווערט בּרייט, ווי אַ ים, און ס'דאַכט זיך: אָט-אָט וועלן זיך דאָרטן אַרויסשטעקן אַפּאָר הענט, יונגע און שיינע, זיי וועלן צוויי מאָל אַ פּאַטש טאָן אין דער לופט, און אַ קול וועט דאָרטן נעמען אויס-שרייען און קלאָגן:

— נישטאָ מיינער!.. נישטאָ מיינער!..

און פּלוצים דערשרעק איך זיך פאַר אָט דעם געדאַנק, איך הייבּ מיך אויף און וויל אַנטלויפן. וואָס מער כּוח איך האָבּ, אַלץ געשווינטער וואָלט איך געלאָפן, וואָס מער פּחד איך האָבּ, אַלץ שטאַרקער וואָלט איך בּיים אַנטלויפן געטופּעט מיט די פיס. איך וויל מיט זיך נאָכשלעפּן מיין חבר פּייוולען. נאָר בּיי פּייוולען זיינען די פיס שווערע, נישט ער הינקט אויף זיי און נישט זיי טוען אים ווי, נאָר זיי זענען אים גלאַט שווער, שטאַרק שווער. ער פּרוווט אַ לויף טאָן אינאיינעם מיט מיר, נאָר בּאַלד פאַלט ער אויפן גראָז און בּלייבּט ליגן אויפן בּויך מיטן פּנים צראָפּ.

— האָסט זיך אַ קלאַפּ געגעבּן? — פרעג איך בּיי אים, — ס'טוט דיר וויי?

— ניין, — שמייכלט ער, — אויף מיין וואָרט, ניין.

ס'דאַכט זיך, אַז ער שעמט זיך, נאָר אַ פּנים איז בּיי אים אַזאַ, גלייך ער בּאַרימט זיך.

—כ'בּין געפאַלן, — זאָגט ער, — נאָר ס'טוט מיר גאָרנישט נישט וויי, כ'האָבּ זיך גאָרנישט קיין קלאַפּ געטאָן.

איך וויל אים אויפהייבּן, נאָר איך קאָן נישט; ער איז שווער, שטאַרק שווער.

— פּרוּוו, שטיי אויף, — זאָג איך צו אים, — אַנו, שטיי אויף.

— בּאַלד.

נאָר מאָדנע, אַך, ווי מאָדנע שווער ס'איז מיין חבר פּייוולען

אויפצושטיין; צוערשט פּרוּווט ער זיך אָנשפּאַרן אויף זיינע צווייי דאַרע עלנבויגנס. ער ווערט שטאַרק רויט און שמייכלט, גלייך ער איז פאַר מיר שולדיק. ער שטרענגט אַזוי אָן דעם רוקן, שטרענגט אים אָן לאַנג, ביז ער שטעלט זיך אויף די קני און ביז ער זעצט זיך אַנידער און אָטעמט אָפּ.

— איך וועל זיך נאָר אַביסעלע אָפּרוען, — זאָגט ער, — נאָר אַביסעלע.

דערנאָך נעמט ער דעם רעכטן פוס זיינעם מיט ביידע הענט. ער נעמט זיך אָן מיט כּוחות, פאַרבייסט די ליפּן און פּרוּווט אים אויפשטעלן. דאָס זעלבע טוט ער מיטן לינקן פוס. ער האַלט זיך אָן מיט ביידע הענט אָן מיין אַקסל און שלעפּט זיך אויף, נישט ער הויבט זיך אויף, נאָר ער שלעפּט זיך אויף.

— נו, שטייסט שוין? — פרעג איך ביי אים.

— יאָ, — זאָגט פּייוול, — איך שטיי.

— קאָנסט גיין?

— כ'קאָן.

נאָר מאָדנע, ווי ס'גייט מיין חבר פּייוול, פּאַמעלעך אַזוי גייט ער, און די הענט מיט די אַקסלען זענען אים אַרונטערגעוואָרפן אַרונטער און הענגען זיך נאָך ווי שטעקלעך. ער שמייכלט די גאַנצע צייט מיט זיין שולדיקן פּנים, פאַרוואָס ער גייט אַזוי. און איך שטיי לעבן אונזער הויז און קוק אים נאָך, ווי ער דערווייטערט זיך און ווערט פאַרשלונגען אין דער נאַכט. ער גייט אַהין צו דער עקסטער שטוב פון שטאָט און צו דער ציג, וואָס מעלה־גרהט דאָרטן אויפן הויכן פּידאַשיק. איך וואָלט נאָך אַזוי לאַנג געשטאַנען און וואָלט אים נאָכגעקוקט, נאָר אינדרויסן איז שוין שטאַרק נאַכט. אין הויף שטייט בונציע די דינסט און רופט צונויף די הינער צו דער ביינאַכטיקער סידעלע, און אויפן גאַניק פון אונזער הויז שטייט די מומע טשאַרנע און הערט נישט אויף מיך צו רופן אין שטוב אַריין.

— סיאָמע! — שרייט זי, — וווּ ביסטו? סיאָמע!

* *
*

איך ווייס שוין אויך אַ שיינע מעשה, וואָס איז זיך אַמאָל פֿאַרלאָפֿן. דאָס איז אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפֿן מיט מײַן מומע טשאַרנען. נישט איצט האָט זיך עס געטראָפֿן, נאָר אַמאָל, ווען ס'האָט נאָך געלעבט איר מאַן און זיי האָבן נאָך געוווינט איינאַיינעם. דאָ בײַ אונדז אין שטאָט האָבן זיי געוווינט, צי ערגעץ־ווּ אין אַן אַנדערע שטאָט. איז איינמאָל בײַנאַכט שטיל בײַ זיי אין הויז; קיין קינדער האָבן זיי נישט. שלאָפֿט די מומע טשאַרנע אויף איין בעט און דער מאַן אירער אויפֿן צווייטן, און אינדרויסן שײַנט די לבנה און אין דער גאַנצער שטאָט שלאָפֿט מען. דערהערט פּלוצים די מומע טשאַרנע, ווי אירע קאַטשקעס זענען אַראָפּגעפֿלויגן פֿונעם בוידעם און האָבן זיך צעוועקגעלאָזט מיט אַ קוואַקערײַ אַראָפּ, אַראָפּ צום טײַך. איז איר אַ שאָד די קאַטשקעס — און קיין קאַטשקעס האָט די מומע טשאַרנע דעמאָלט גאָרנישט געהאַט. שפּרינגט זי אַראָפּ אין איין העמד פֿונעם בעט און שוואַליאַם אַרויס פֿון שטוב און נעמט זיך לויפֿן אין איין העמד נאָך די קאַטשקעס צום טײַך. די לבנה שײַנט, די שטאָט שלאָפֿט. און זי לויפֿט אין איין העמד צום טײַך.

— טאַס, טאַס, טאַס! — שרײַט זי צו די קאַטשקעס, — טאַס, טאַס, טאַס!

אַ גליק, וואָס איר מאַן האָט דערהערט, איז ער אַרויס נאָך איר אינדרויסן און האָט איר געכאַפּט נאָכלויפֿן, און אַז ער האָט זי דעריאָגט, האָט ער זי מיט בײדע הענט געגעבן אַ כאַפּ אַרום און האָט צו איר אַ געשריי געטאָן:

— טשאַרנע, גאָט איז מיט דיר! האָסט דאָך גאָר קיין קאַטשקעס נישט!

דעמאָלט אָקאָרשט האָט די מומע טשאַרנע אָנגעהויבן קומען צו זיך. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, ווי פֿון אַ חלום, און האָט זיך דערפֿילט מיד, שטאַרק מיד.

— אוי, ס'האָט מיך געשלעפּט צום טײַך, — האָט זי געזאָגט, — ס'וואָלט מיך געווען פֿאַרשלעפּט אין טײַך.

איך קען שוין די מעשה גוט; אַז איך פֿאַרמאַך די אויגן, זע

איך, ווי ס׳איז בייגאַכט, די גאַנצע שטאָט שלאָפט, די לבנה שיינט, און די מומע טשאַרנע לויפט איינע אַליין מיט דער בערג אַראָפּ צום טייך. זי איז אָנגעטאָן נאָר אין איין העמד, אין אַ ברייט און לאַנג העמדי זי לויפט אַראָפּ צום טייך צו און שרייט:

— טאַס, טאַס, טאַס! — שרייט זי, — טאַס, טאַס, טאַס!

איך וואַרט אַזוי שטאַרק אויף מיין חבר פייוולען. איך וויל אים דערציילן די מעשה. נאָר ס׳גייט אַוועק אַ טאָג און צוויי און דריי. איך וואַרט אויף אים, און ער קומט נישט. איך לויף שוין ווידער מיט מיין מומע טשאַרנען אין הויף אַריין צו די גענדז. איך העלף איר זוכן די שליסעלעך. זי גיט מיר עסן, און איך פאַרטראַכט זיך וועגן פייוולען און וועגן זיין מאַמען, וואָס ליגט אין ווייסע תכריכים ביי זיי אויפן בוידים און הערט אַלצדינג, וואָס מען רעדט וועגן איר.

— נו, עס שוין דאָרטן גיכער. וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?

אַזוי זאָגט צו מיר די מומע טשאַרנע און פאַרקרימט זיך פון לאַנג גיין אַרום מיר:

— וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט די אויגן? וואָס קייסטו אַזוי פּאַמעלעך?

זי נעמט אָן מיין האַנט איינאיינעם מיטן לעפל געקעכטס און שטופּט אים מיר גלייך אין מויל אַריין. זי זאָגט, אַז איך עס נישט, איך מעלה-גרה. נאָר דאָס וואָרט „מעלה-גרה" דערמאָנט מיר זייער שטאַרק אָן דער ציג, וואָס ליגט ביי פייוולען אויפן פּידאַשיק, און איך פאַרטראַכט זיך נאָך מער. אַז די מומע טשאַרנע גייט אַוועק אין קיך אַריין, שטיי איך איינער אַליין אינדרויסן לעבן אונזער הויז און וואַרט אויף פייוולען, אפשר וועל איך אים דערזען, ווי ער שפּאַנט אַזוי מיט זיינע געשוואָלענע פלודערן און מיט די רויטע פּיאַטעס. איך שאַר זיך אַרום גאַנצע טעג אינדרויסן לעבן אונזער הויז און וואַרט אויף אים. איינמאָל ביי טאָג בין איך שוין אַפילו געגאַנגען איינער אַליין אים זוכן הינטער אונזער הויז אויף דער בערג. כ׳האָב געמיינט, אפשר זיצט ער דאָרטן און וואַרט אויף מיר. נאָר אַז איך בין אַהין צוגעקומען, איז די בערג געווען ליידיק און פּוסט, ביז אַראָפּ צום טייך פּוסט. פאַרלאָזן זענען געווען די גריבעלעך מיט די פאַרשלאָגענע

שטעקעלעך און מיט די איבערגעצויגענע פּעדימער. קיינער האָט זיי נישט גערירט, און אַלע האָבן זיי מיר אַזוי שטאַרק דערמאָנט אָן פּייוולען, אָנעם טעלעגראַף, וואָס ער האָט מיר געוואָלט מאַכן, און אָן די מעשׂיות, וואָס ער דערציילט. איך בין דאָרטן אַביסל געשטאַנען און האָב באַטראַכט דעם טייך און דעם אָטשערעט, וואָס ווייט-ווייט אין דער מיט. דער טייך איז געווען פּוסט און פאַרגאָסן מיט זון. קיינער האָט זיך אין אים נישט געבאָדן, און די הענט דאָרטןביים אָטשערעט האָבן זיך נישט אַרויסגעשטעקט: זיי האָבן געוואַרט, ס'זאָל נאַכט ווערן.

נאָך אָט איז איינער אַ בייטאָג. איך קער זיך אום פון דער בערע. איך וואַרט אויף פּייוולען, און אַז איך קום אַריין אין קיך, טרעף איך דאָרט אַ ליאַרעם, אַ גדולה. דאָרט איז דאָ יוסל דער שטאַרקער. און אונזער שכנה נעכע, אַ ווייבל מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ — איז דאָרטן אויך דאָ, און די מומע טשאַרנע מיט די שליסעלעך בויגט זיך איין אינצווייען פון געלעכטער און פאַרגעסט צו שרייען אויף בונציע דער דינסט, אַלמאַי זי האָט געלאָזן דאָס נאַסע געפּעס אויפן טאַפּטשאַן און שטייט ליידיק מיט די צעהאַקטע הענט. אַלע קוקן, ווי יוסל דער שטאַרקער שלינגט איין טשוועקעלעך און שפּייט מיט האַמערלעך פון פאַרשידענער גרויס. אָט שלעפּט ער אַרויס פון מויל איין האַמערל, צוויי האַמערלעך, דריי האַמערלעך, און אַלע קוקן און קייכן פון געלעכטער. ער קאָן אַלערליי קאָמעדיעס, אָט דער יוסל דער שטאַרקער. אַז איך בעט ביי אים, ער זאָל מיר אויך אויסלערנען קייען מיט טשוועקעלעך און שפּייען מיט העמערלעך, טאַפּט ער מיר אַרום האַלדז און זאָגט, אַז איך וועל נישט קאָנען:

— מען דאַרף, — זאָגט ער, — האָבן אַ פּרוזשינקעלע אין האַלדז.

— אַ פּרוזשינקעלע?

איך קוק אויף זיין האַלדז און וויל וויסן, וווּ ליגט ביי אים דאָרטן דאָס פּרוזשינקעלע. נאָר ער ווערט פּלוצים ערנסט און הייסט, מען זאָל אים מער נישט פאַרנעמען מיט נאַרישקייטן און אים לאָזן אַרבעטן. ער דאַרף פאַרדינען אויף ברויט. ער איז געקומען איבערדעקן די קאַנאַפּע און האָט מיט זיך געבראַכט אַלערליי געצייג. ער הייסט, אַז בונציע די דינסט מיט נעכע דער שכנה זאָלן אים אַהער אין קיך אַריין אַרויסטראָגן די קאַנאַפּע:

— איר זאָלט זאָגן, — זאָגט ער, — דער קאַנאַפּע, אַז איך בעט זי אויפן באַדעקנס.

נאָר דאָ שיסן ווידער אַלע אויס אַ געלעכטער. בונציע די דינסט נעמט זיך צוריק צום האַלב-צעוואַשענעם געפעס און קלאָגט זיך, אַז פונעם געלעכטער גרימט איר שוין אין בויך:

— אוי, — זאָגט זי, — זאָל אויף אים קומען אַ פגירה. היינטיקן טאָג האָב איך שוין פון אים קיין זייטן נישט.

און איך בלייב שוין דאָ, לעבן יוסל דעם שטאַרקן, און גיי פון אים אויף קיין טריט נישט אָפּ. איך האָב ליב אים מיט זיין געצייג. איך האָב ליב צו קוקן, ווי ער שלאָגט אַראָפּ פון אונזער קאַנאַפּע די אַלטע צייג און שניידט צו נייע, און מעסט אויס און רעכנט אויס און שלאָגט זיך אַלעמאָל מיט אַ פינגער אין שטערן. איך קוק אויף אים, בשעת ער אַרבעט, איך געדענק זיין אונטערגעשפּאַרט שטיבעלע, וואָס מיט די געשטוקעוועטע טאַפּלעס, און אויך די צווייטע שטוב געדענק איך: די הויכע שטוב, וואָס אירע פענצטער זענען פאַרשטעקט מיט אַלטן בעטגעוואַנט און וואָס איז די לעצטע פון אַלע הייזער פון שטאָט. פּלוצים פרעג איך ביי אים:

— פייוול זיצט דאָרטן אויפן פידאַשיק?

דעמאָלט טוט אויף מיר יוסל דער שטאַרקער אַ קוק. ער מאַכט אַ פאַרוווּנדערט פנים און שטעקט מיר אַרויס דעם שפּיץ פון זיין לאַנגן רויטן צינגל.

— ער זיצט, — זאָגט ער, — ווי איך בין אַ ייִד, ער זיצט.

אַ פּויזע.

— ער גלעט די ציג?

נאָר יוסל קוקט זיך שוין מער נישט אום. ער איז פאַרנומען מיט אויסרעכענען דעם שטאָף, וואָס ער שניידט צו.

— ער גלעט... — זאָגט ער און הויבט אָן שניידן דעם שטאָף מיט זיין שער, — ער גלעט... נאָך אַ מין גלעטן.

נאָך אַמאָל אַ פּויזע.

— אַז איר וועט גיין אַהיים, וועט איר מיך מיטנעמען צו פייוולען?

— מיטנעמען? — פרעגט ער, בשעת ער הויבט אָן אויף מיר

פאַרוואונדערט צו קוקן. — נו, און די מומע טשאַרנע? וואָס וועט דערויף זאָגן די מומע טשאַרנע?

נאָר איך וויין אַזוי לאַנג איבער דער מומע טשאַרנע, איך גיי איר נאָך פּיס-טריט און וויין, בּיז זי מוז מיך אָנטאָן אין מיין יום־טובדיק גאַרניטערל און מיך לאָזן גיין מיט יוסל דעם שטאַרקן צו פּייוולען. יוסל דער שטאַרקער מוז איר נאָר צוזאָגן, אַז ער אַליין וועט מיך נאָכדעם אָפּפירן אַהיים, ער אַליין און נישט קיינער.

* *
*

איצט ווייס איך שוין, וואָס סע טוט זיך בּיי פּייוולען אינדערהיים. דאָרטן שמעקט מיט טשאַד און מיט אָפּגעלאָשענער שרפה. און די שטוב אַליין איז אַ גרויסע, אַן אַלטע. שוין לאַנג, אַז מע האָט זי געבּויט, נאָר מע האָט זי נישט דערבּויט, איז געבּליבּן אַ גרויס און פּוסט אונטערהויז מיט געלע נישט-דערוואַלקעוועטע ווענט, אַן אונטערהויז אָן אַ סטעליע מיט אַ לעכערדיקן דאַך. און פּייוול האָט מורא פאַר אָט דעם אונטערהויז, ווייל אויפן בּוידים ליגט דאָרטן זיין מאַמע אין ווייסע תּכריכים, און אינמיטן אונטערהויז אונטערן לעכערדיקן דאַך איז פאַראַן אַן אויסגעגראָבּענער גרוב, אַ טיפער אַזאַ, אַ געלער און אַן אַלטער, און אין אים האַלטן זיך די „נישט-גוטע”. — אַזוי האָט געזאָגט פּייוול.

— לצימלעך, — האָט ער געזאָגט, — האַלטן זיך אין אים.

איצט ווייס איך שוין, אַז אַ לצל איז אַזאַ מין בּריאהלע, וואָס איז געגליכן צו אַ רוחל. איצט איז פאַרנאַכט. אין אויוון הייצט זיך אויף ווצטשערע, און בּיי אונז אין קיך זיצן די מומע טשאַרנע, איך, בּונציע די דינסט און אונזער שכנה נעכע, וואָס האָט אַ צעשפּאָלטענע ליפּ, און מען שמועסט וועגן דעם, וואָס אַ לצל קרימט זיך נאָך אַ מענטשן. בּיינאַכט, אַז אַ מענטש גייט אַרויס איינער אַליין פון דער שטוב און פאַרטראַכט זיך, קאָן אים אָט דאָס לצל אָנפאַלן, אים נאָכשפּרינגען פונאונטן אונטער די פיס, זיך קוליען פאַר אים, ווי אַ קייקעלע און אים נאָכקרימען. אַלצדינג, וואָס דער מענטש טראַכט אינדערשטיל, קרימט איבּער דאָס לצל מיט ווערטער און אויף אַ קול.

אַזוי דערציילט נעכע די שכנה. זי זיפצט, נעכע, ווייל אירע אַן איי־גענע שוועסטער איז אַמאָל אומגעקומען איבער אַ לצל. יוכבד האָט מען איר שוועסטער גערופן, און אַ מיידל איז נאָך יוכבד געווען און געוווינט האָט זי נישט דאָ, נאָר ערגיץ־ווו אין אַן אַנדער שטאָט. איז זי איינמאָל ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען איינע אַליין אינדרויסן, אָט די יוכבד, האָט זיך צו איר צוגעשאַרט אַ לצל און איר גענומען נאָכקרימען. יוכבד טראַכט:

— אוי־ווי איז מיר, איך בין פאַרפאַלן, בין איך; איך וועל שטאַרבן אָן אַ חתן.

און דאָס לצל שפּרינגט איר אַקעגן, און קרימט איר נאָך אויפן קול:

— אוי־ווי איז מיר, יוכבד איז פאַרפאַלן, יוכבד; יוכבד וועט שטאַרבן אָן אַ חתן.

פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן, יוכבד, און האָט אָנגעהויבן היכצען און שלוקערצן, היכצען און שלוקערצן.

— ביזן טויט — דערציילט נעכע — האָט זי נעבעך געהאַלטן אין איין היכצען און שלוקערצן.

און וווינען וווינט איצט אָט דאָס לצל דאָ אין שטאָט, ביי פּיוולען אין אונטערהויז אין גרוב וווינט עס. מיך האָט באַנייס אָנגע־הויבן ציען אַהין, צו פּייוולען אַהיים. און אויף מאָרגן נאָכמיטאָג האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן, איך האָב זיך שטיל אַרויסגעגנבעט פונ־דערהיים און בין איינער אַליין אַנטלאָפן צו פּיוולען. מיר זענען דאָרטן צוגעגאַנגען אין אונטערהויז צו דעם גרוב, איך און פּייוול, און האָבן אין אים אַריינגעקוקט.

— ס׳איז דאָ אינדערהיים, דאָס לצל? — האָב איך ביי פּייוולען געפרעגט, — סע וווינט דאָ?

— סע דאָ.

איך האָב זיך אָנגעבויגן און האָב געפּרוווט אין גרוב אַריינ־שרייען:

— או־אַ! או־אַאַ!

און פון אינעווייניק, פון סאַמע טיף פון גרוב, האָט מיר געענט־פערט אַ ווידערקול:

— או־אַ! או או־אַ!

— נו, און ווו ליגט דיין מאַמע? — האָב איך פלוצים געפרעגט ביי פייוולען.

— אָט דאָ אויפן בוידים, — האָט פייוול געשמייכלט, — אין ווייסע תכריכים ליגט זי דאָרטן.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין בוידים, נאָר אויך דאָרטן האָב איך גאָרנישט נישט געזען. נאָר אַ לעכערדיקן דאַך האָב איך דאָרטן באַמערקט, און דורכן לעכערדיקן דאַך האָט זיך געזען דער הימל, אַ בלויער און הויכער הימל; אין ערגיץ איז דער הימל נישט אַזוי בלוי און נישט אַזוי הויך, ווי דאָ, איבער פייוולס לעכערדיקן דאַך. מיר זענען געשטאַנען אַביסל און האָבן געשוויגן. מיר האָבן געקוקט צום דאַך און צו אַ קאַץ, וואָס האָט זיך פלוצים באַוויזן אין עק בוידים, זיך דורכגעשפּאַצירט איבער אַ באַלקן און זיך פלוצים צוגעזעצט, זיך באַלעקט, זיך פאַרקרימט און געגעבן צו אונז אַ מיאַוקע. און דערנאָך האָט מיר פייוול דערציילט, אַז ער האָט אַסך שפּילעכלעך:

— נישט קיין שפּילעכלעך, — האָט ער געזאָגט, — נאָר זאַכענישן, אַסך זאַכענישן אַזעלכע.

— שיינע?

— שיינע. רויטע, גרינע, און בלויע, און אַלערליי...

— און ווו ליגן זיי?

— אין שטוב.

מיר לאָזן זיך גיין אין שטוב אַריין. נאָר, אַך, ווי שווער ס׳איז מיין חבר פייוולען זיך אויפצוהויבן אַהין! ווי שווער ס׳איז אים אַרויפצוקריכן אויף די צוויי גרויסע קלעצלעך, וואָס ליגן דאָרטן, ביי דער דרויסנדיקער טיר. צוערשט זעצט ער זיך אַנידער אויף איין קלעצל און פאַרקרימט זיך, ער שלעפּט אַרויף אויפן קלעצל זיינע שווערע פיס; מיט ביידע הענט שלעפּט ער זיי אַרויף. דערנאָך זעצט ער זיך אַרויף אויפן צווייטן קלעצל און שלעפּט ווידער אַהין זיינע פיס. מיר עפענען די טיר אינעווייניק אין שטוב אַריין, נאָר אין דער נאָז טוט מיטאַמאָל אַ שלאָג דער ריח פון שאַרפן טשאַד און פון אָפּגעלאָשנער שרפה, און אין די אויגן ווערט פינצטער. איך פרוו אין דער פינצטער אַראָפּלאָזן אַ פוס פון דער שוועל. איך צי אויס דעם פוס, אויף וויפל איך קאָן נאָר, אָבער קיין גרונט טאַפּ איך נאָך אַלץ נישט אָן.

— כ'האָב מורא, — זאָג איך צו פּייוולען, — איך פאַל.

— בעסער זעץ זיך.

דעמאָלט טו איך דאָס זעלבע, וואָס פּייוול: איך זעץ מיך אַראָפּ אויף דער שוועל, ווי מען זעצט זיך אויף אַ בענקל, און גליטש מיך אַריין אין שטוב אויפן געזעס. איצט שטייען מיר שוין אין אַ צימער, אין אַ צימער, וואָס איז גרויס און ברייט, ווי אַ פעלד. נאָר קיין דיל האָט דאָס צימער נישט, די ערד אין דעם איז אויפגערודערט, און אויפגעבויט איז ער נאָר אויף האַלב. די געלע געוואָלקעוועטע ווענט זענען נישט אָפּגעשמירט, דורך די ברעטער פון סטעליע זעט זיך אָן דאָס ליים פון בוידים. זי איז הויך, די סטעליע, שטאַרק הויך. הויך זענען אויך די פענצטער, וואָס זייערע שויבן זענען דאָ און דאָרטן פאַרשטעקט מיט בעטגעוואַנט און מיט שמאַטעס. נישט איך און נישט פּייוול זעען נישט דורך אָט די פענצטער, וואָס אינדרויסן טוט זיך. נאָר דעם הימל זעען מיר דורך זיי און אויך די שיין זעען מיר דורך זיי — אַ העלע גאָלדענע שיין. אין ערגעץ איז די שיין נישט אַזוי העל און נישט אַזוי גאָלדן, ווי דאָ, ביי פּייוולען אינדערהיים.

* *
*

פּייוול רופט זיינע זאַכענישן שפּאַקטיוון.

— ס'איז גוטע שפּאַקטיוון, — זאָגט ער, — אָט דאָס זענען מיינע אַלע שפּאַקטיוון.

איך ווייס נישט, וואָס איז אַזוינס שפּאַקטיוון. דאָס, וואָס פּייוול ווייזט מיר, איז נישט מער, ווי שטיקלעך גלאָז; שטיקלעך גלאָז פון פאַרשידענע קאָלירן, און מער גאָר. פאַראַן צווישן זיי בלויע; פאַראַן רויטע, געלע און גרינע. אייניקע זענען גראָב, ווי קרישטאָל, און האָבן אויף זיך אַסך שיינע געמעלן. נאָר מיר געפעלן מער פון אַלע די רויטע; פּייוול רופט זיי מיטן נאָמען „גיהנם־שפּאַקטיוון".

איך פרעג:

— פאַרוואָס זיינען זיי גיהנם־שפּאַקטיוון?

און פּייוול שמייכלט.

— אַזוי, — זאָגט ער, — ווייל דורך זיי זעט מען דאָס גרויסע פייער, וואָס ברענט טאָג ווי נאַכט אין גיהנם. אומיסטן טו אַ קוק.

איך טו, ווי פייוול לערנט מיך: איך נעם דאָס שטיקל גלאָז פאַרן שפיץ מיט צוויי פינגער; איך פאַרמאַך דאָס רעכטע אויג אינגאַנצן און דאָס לינקע פאַרמאַך איך נאָר האַלב. ס'בלייבט פון דעם נישט מער, ווי אַ קליין שפּעלטיקל. איך צי דאָס אויג צונויף און קוק דורכן שטיקל גלאָז אַרויף צום פענצטער.

— אוי! אוי! אוי! — שריי איך אויס, — וואָס איך זע!

— וואָס זעסטו? — פרעגט פייוול.

— אַ פייערדיקן הימל זע איך. אין גאַנצן אַ פייערדיקן.

— ער ברענט?

— ער ברענט, ער פלאַמט.

— און וואָס נאָך זעסטו?

— וואָלקנס דאָרטן אין עק זע איך, וואָלקנס אויף וואָלקנס.

— אַנו, ווייז.

פייוול הייבט אָן אַליין צו קוקן אין שטיקל גלאָז. ער קוקט זיך איין.

— ס'איז נישט קיין וואָלקנס, — זאָגט ער, — ס'איז רויך.

איך קוק זיך איין נאָכאַמאָל דורכן שטיקל גלאָז און זע ווירקלעך, אַז ס'איז נישט קיין וואָלקנס; ס'איז רויטער צונויפגעקוליעטער רויך. דער רויך ברענט און רויכערט און פלאַמט; ער הויבט זיך אויף גאַנצע וואָלקנס און פליט ווייט-ווייט אינדערהייך, און נאָך אים זעצט פון אונטן ווידער רויך, נאָך מער ברענענדיקער און רויטער. אַך! ווי שטאַרק עס מוז ברענען, ס'אַראַ גרויסער פייער דאָרטן פון אונטן אין גיהנם, אויב אינדערהייך שוועבן אַזעלכע רויטע שרעקלעכע וואָלקנס.

— און פאַרוואָס, — פרעג איך, — ברענט עס טאָג ווי נאַכט דער גיהנם?

— פאַרוואָס?

פייוול שמייכלט.

— אַזוי, — זאָגט ער, — ווייל אין גיהנם ברענט מען די רשעים.

— די רשעים?

— אַוודאי די רשעים.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי האָבן געזינדיקט.

איך נעם בײַ פּיוולען צוריק דאָס שטיקל גלאָז און קוק זיך נאָכ־אַמאָל איין אינעם ברענענדיקן הימל און אינעם רויטן צונויפגעקוליעטן רויך. איך קוק זיך איין לאַנג און שטעל זיך אויף אויף די שפּיץ פינגער, ווייל איך וויל זען, וואָס טוט זיך אין גיהנם אַליין, נידעריקער פונעם רויך; מיר דאַכט זיך, אַז אויב איך וועל זיך נאָך איין־איינציק ביסעלע אויס־ציען, וועל איך דערזען. איך קער צום סוף אום פּיוולען דאָס שטיקל גלאָז און פאַרטראַכט זיך:

– פאַרוואָס קומט די רשעים, מע זאָל זיי אַזוי ברענען און בראָטן? שטענדיק ברענען און בראָטן?..

מיך כאַפּט אָן אַ רחמנות צו די רשעים.

– און ווער איז אַזוינס אַ רשע? – אַזוי פרעג איך פּלוצים פּיוולען.

– אַ רשע? – וווּנדערט זיך פּיוול. – דו ווייסט נישט, ווער איז אַזוינס אַ רשע? אַ רשע איז שליאָמקע.

– שליאָמקע דער שניידער?

– יאָ, שליאָמקע דער שניידער. דו קענסט אים?

* *
*

צי איך קאָן שליאָמקע דעם שניידער?

בונציע די דינסט זאָגט, אַז אויב מיין מאַמע וועט אינגיכן נישט קומען אַהיים, וועט פון מיר אויסוואַקסן אַן אויסוואורף:

– ס׳וועט פון אים אויסוואַקסן, – זאָגט זי, – אַ שליאָמקע.

די מומע טשאַרנע קוקט אויף בונציען מיט אַזעלכע אויגן, וואָס בעטן זי, זי זאָל אויפהערן רעדן.

– דו בעבעסט. – זאָגט צו איר די מומע טשאַרנע.

די מומע טשאַרנע באַדויערט בונציען, וואָס זי האָט אַזוי ווייניק שכל, און זאָגט ווידער:

– אַלצדינג, וואָס ס׳קומט דיר אַרויף אויף דער צונג, בעבעסטו.

נאָר בונציע פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ. זי רייבט מיטביידע הענט דעם טאַפּטשאַן מיט אַ נאַסער שמאַטע און מיט זאַלץ רייבט זי אים און זאָגט, אַז זי ווייסט, וואָס זי רעדט.

— פעסטעט אים, פעסטעט אים, — זאָגט זי צו דער מומע טשאַר-נעץ, — גיט אים נאָך די שמד־שטיק.

און נאָכדעם דערציילט זי, אַז מיט שליאָמקען איז אַמאָל אויך אַזוי געווען: מען האָט אים געפּעסטעט, געפּעסטעט; מען האָט אים געגעבן עסן אפשר צוואָנציק מאָל אין טאָג. אַלץ, וואָס אים האָט זיך געגלוסט, האָט מען אים געגעבן עסן. איצט פרעסט ער אויף ביי פריידע גדליהס אין טראַקטיר אַלץ, וואָס דאָרטן געפינט זיך. וויפל מאָל ס׳גלוסט זיך אים, אַזוי פיל פרעסט ער.

— זיין ווייב שטאַרבט פאַר אַ שטיקל ברויט, — אַזוי דערציילט נעכע די שכנה, — זיין ווייב לויפט אַלע טאָג צום רב און וויינט מיט בלו-טיקע טרערן, און ער קומט שוין אַפילו נישט אַהיים, ער פרעסט און זויפט.

— און נייען, — דערציילט נעכע, — גייט ער שוין נישט אפשר צען יאָר. ער איז פויל. ער לעבט נישט פון זיין פראַצע.

איטלעכס מאָל, וואָס ער פרעסט זיך אָן ביי פריידע גדליהס אין טראַקטיר, דרייט ער זיך אַרום פּוסט און פּאַסט אין מאַרק און ווינקט צו יעדערן מיט אַ צוגעמאַכט אייגל. ער טראָגט אַ היטל מיט אַ גלאַנ-ציקן דאַשיק, ער האָט אַ לויכטיקע קיילעכדיקע באָרד. און אַליין איז ער שוין אַזאַ גראָבער, אַזאַ שמאַלציקער מיט אַ גרויסן פעטן בויך.

ער וואַרט, אַז אין שטאָט זאָל עמיצער שטאַרבן, דעמאָלט וועט ער אויפנייען תכריכים, ער וועט העלפן אַוועקטראָגן דעם מת אויפן בית־עולם. דערנאָך וועט ער זיך גוט אָנזויפן און אָנפרעסן ביי פריידע גדלידס אין טראַקטיר און וועט זיך אינמיטן בייטאָג לייגן שלאָפן אויף דער בערג, וואָס הייבט זיך אָן באַלד הינטער אונזער הויז און ציט זיך ביז אַראָפּ אין טייך.

איינמאָל האָב איך אים געזען דאָרטן שלאָפן אויף דער זון. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ אויפן גראָז און האָט געשמאַק געשנאָר-כעט. דאָס העמד איז ביי אים געווען אַרויסגעשלעפּט פון הינטן פון די הויזן; ס׳האָט זיך אַרויסגעזען אַ גאַנצער שמאָלער פּאַס פון זיין ברוינעם פעטן און נאַקעטן לייב. און אַרום אים זענען געלעגן צוויי הינט, פון די, וואָס לויפן אים תמיד נאָך; זיי האָבן זיך באַלעקט, די הינט; זיי האָבן געהאַלטן אין איין מאַכן מיט די ווידלען און מיט די

אויערן, אין איין פּינטלען מיט די אויגן און אין איין קוקן אויף אים, דעם שלאָפנדיקן שליאָמקען.

איז ער, הייסט עס, אַ רשע, אָט דער שליאָמקע; אים וועט מען דאָס טאָג ווי נאַכט אַזוי שטאַרק בראָטן אין גיהנם, אַז אינדערהויך וועלן אויפגיין אָן שיעור גרויסע רויכערדיקע און פייערדיקע וואָלקנס. און איך אַליין קאָן אויך אויסוואַקסן אַ שליאָמקע, אַזוי זאָגט בונציע די דינסט, מיך קאָן מען דאָרטן אויך ברענען און בראָטן...

איך אַנטלויף ביי פּייוולען דאָס שטיקל גלאָז. איך נעם עס מיט אַהיים און קוק זיך איין אינעם גיהנם־פייער, וואָס אונטער די ווייטע און רויטע רויכערדיקע וואָלקנס. איך הייב שוין אָן דערזען דעם גיהנם אַליין, דעם שפּיץ פון זיין טורעם הויב איך אָן דערזען, און דער שפּיץ איז אַ הויכער, אַ רויטער ווי אַ שטיק פייער. ער איז קיילעכדיק, ווי דער שפּיץ פון אַ קלויסטער, און ווייט איז צו אים, מורא־דיק ווייט.

און מלאכים טראָגן זיך אין דער לופט אַרום אים, רויטע פייער־דיקע מלאכים. צוויי פון זיי טראָגן אַ רויטן פייערדיקן רשע. דער רשע איז שוין פאַרטשאַדעט, פאַרברענט און פאַרבראָטן איז ער, און נאָכדעם טראָגן אַנדערע צוויי פייערדיקע מלאכים אַן אַנדער פייערדיקן רשע, און אַזוי אָן אַן עק און אָן אַ סוף, אָן אַן עק פייערדיקע מלאכים און אָן אַן עק רויטע פאַרטשאַדעטע רשעים.

* * *

פּייוולס שטיפמאַמע גייט אַלע פרימאָרגן אַוועק אויף אַרבעט. אינדערפרי איידער זי גייט אַוועק, זעצט זי אַנידער פּייוולען פונפאָרנט ביי דער פאַרהאַקטער טיר אויף די טרעפּלעך. זי פאַרשליסט די טיר פונדרויסן מיט אַ שליסל, און פּייוול זיצט דאָרטן אַ גאַנצן טאָג ביי דער שטוב. ער זיצט איינער אַליין מיט זיינע שווערע פיס און שמייכלט.

פּייוולס טאַטע איז קיינמאָל נישטאָ אינדערהיים. ער גייט אַרום איבער די דערפער און נייט די פויערים שטיוול. נאָר אַמאָל אויף שבת קומט פּייוולס טאַטע אַהיים. ער האָט אַ לאַנגע לויכטיקע באָרד און

שלאָפט. תמיד, אַז ער קומט אַהיים, שלאָפט ער. און נאָך אַן עלטערן ברודער האָט פּייוול. ער הייסט מיכל. ער טוט גאָרנישט און גייט שוין אין גייע לאַנגע שטיוול, ווייל באַלד נאָך סוכּות דאַרף ער ווערן אַ סאָל־דאַט. איינמאָל בײטאָג האָב איך אים געזען דאָרטן ביי פּייוולען אין שטוב, אָט דעם מיכלען. ער איז געלעגן אין עק שטוב אויף די צע־וואַלגערטע שמאַטעס און איז געשלאָפן; ער האָט געהאַלטן ביידע הענט פאַררוקט אין די הויזנטאַשן; זיין פּנים האָט זיך גערויטלט. ער האָט געשמאַק געבלאָזן ביידע באַקן מיט די ליפּן און האָט געשנאָרכעט.

— ער שלאָפט איצט? — האָב איך געפרעגט ביי פּייוולען.

— יאָ, ער שלאָפט.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער און האָב אים גענומען באַטראַכטן. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב באַטראַכט אויף אים, זענען געווען די שטיוול, וואָס ער טראָגט זיי דערפאַר, ווייל באַלד נאָך סוכּות דאַרף ער ווערן אַ סאָלדאַט. פון די שטיוול האָט געשמעקט מיט נייעם לעדער און מיט פעטן טראָן, און זייערע פּאָדעשוועס זענען נאָך געווען אינגאַנצן ניי. איך האָב זיך אָנגעבויגן און האָב זיי באַטראַכט, אָט די פּאָדעשוועס.

— די זעסט צוויי שורות פלעקלעך? — אַזוי פרעגט ביי מיר פּייוול.

— יאָ, — זאָג איך, — איך זע.

— ביי מיכלען, — שמייכלט פּייוול, — זענען די שטיוול מיט צוויי שורות פלעקלעך.

און נאָכדעם זיצן מיר פון פאָרנט אויף די טרעפּלעך, און פּייוול דערציילט מיר, אַז זיין ברודער מיכל איז אַ גיבור. ער פאַרטראַכט זיך און זאָגט ווידער:

— ער קאָן דיר צעבאָרען דעם גרעסטן גיבור אין דער וועלט, קאָן ער דיר.

איך שווייג אַ ווײלע און טראַכט. איך האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען, דעם גרעסטן גיבור אין דער וועלט. איך ווייס נישט, ווי־אַזוי ער זעט אויס.

— נו, און פאַרוואָס שלאָפט ער איצט? — פרעג איך פּלוצים ביי פּייוולען.

— אַזוי, ווייל באַלד נאָך סוכּות דאַרף ער ווערן אַ סאָלדאַט.

— איז וואָס־זשע איז?

— איז ער אויף ביינאַכט.
— ער איז אויף?
— ער זיצט איבער גאַנצע נעכט אין דער אַלטער קלויז. מיט נאָך בחורים זיצט ער דאָרטן; מיט נאָך בחורים, וואָס דאַרפֿן ווערן נאָך סוכות סאָלדאַטן.
— אין דער אַלטער קלויז?
— יאָ.
— דאָרטן, וווּ די מתים אין דער ווייבערשער שול?
— ניין, אין דער מענערישער שול זיצן זיי.
— און וואָס טוען זיי דאָרטן?
— זיי דערציילן זיך מעשׂיות.
— און אַוועלכע מעשׂיות?
— שיינע מעשׂיות, — זאָגט פייוול און פאַרקוקט זיך ערגיץ וייט צום פעלד צו, — שיינע מעשׂיות.
און מיר דאַכט זיך, אַז פייוול קוקט אַהין, ווייל ער זעט זיי דאָרטן, די שיינע מעשׂיות, וואָס מיכל מיט זיינע חברים דערציילן זיך.
— מיכל, — זאָגט ער, — קאָן זיי אַלע, אָט די דאָזיקע מעשׂיות, אוי, קאָן ער אַסך מעשׂיות!
און מיר ווילט זיך שטאַרק זיין ביינאַכט דאָרטן אין קלויז און הערן פון מיכלען אָט די מעשׂיות. איך זאָג עס קיינעם נישט אויס, נאָר איך וויל אַהין, און איינמאָל אינאָוונט גנבע איך מיך שטיל אַרויס פון אונזער הויז. די מומע טשאַרנע רעדט אין קיך מיט בונציע דער דינסט, און איך שטיי אַ ווײַלע איינער אַליין אינדרויסן. ס׳איז שטאַרק פינצטער, און פונוויטנס, פונוויטנס לויכטן די פענצטער פון קלויז. איך שטיי אַזוי אַ ווײַלע און קוק זיך איין און פלוצים דערשרעק איך זיך שטאַרק און הויב אָן מיט אַלע כּוחות לויפן אַהין, אַהין צו דער באַלויכטענער קלויז. דאָרטן פאַרבלייב איך אַ גאַנצע נאַכט לעבן מיכלען מיט זיינע חברים. איך הער זיך אָן אַסך מעשׂיות.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

# געקליבענע ווערק פון דוד בערגעלסאָן

אין זיבן בענדער:

באַנד 1. אַרום וואָקזאַל. — דער טויבער. — יורדים. — דרויב. — דער לעצטער ראש-השנה.

באַנד 2. נאָך אַלעמען (ראָמאַן).

באַנד 3. אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט. — יוסף שאָר. — אין איינעם אַ זומער. — די משומדת. — אָן אַ נאָמען. — צוויי וועגן. — ביינאַכט.

באַנד 4. אָפּגאַנג (ראָמאַן).

באַנד 5. שטורעמטעג. — בירגערקריג. — איינעמס אַ וועג. — הינטער אַ ברענענדיקן שטעטל. — אויף דער הונדערט און איינסטער וויאָרסט. — צווישן צוועלף פונקטן. — אַלטוואַרג. — צווישן עמיגראַנטן. — אַ זעלטענער סוף. — חובות. — אַ צענרובלדיקער.

באַנד 6. וועלט-אויס וועלט-איין. — שבט גדליה. — נאָטע. — סערלס חלק בלינדקייט. — שוועסטער. — אין פּאַנסיאָן פון די דריי שוועסטער. — די דינאַמישע רגע. — דער באַריטאָן. — דער קברן. — סטאַנציע קאָטליעט. — אַ ראָמאַן. — מיט איין נאַכט וויניקער. — צוויי רוצחים. — שונאים. — איבער איין טריט. — אַן אייביקער קנעכט. — שכר-טירחה. — בירגער וואָלי ברענער.

באַנד 7. מידת-הדין.

באַנד 8. צוגווינטן. — אַ מעשה מיט גבירים. — דער לאָך, דורך וועלכן איינער האָט פאַרלוירן. — געבורט. — הערשל טאָקער. — אין אַ רויטן ווינקל. — אַ יובילאַר. — אין סטעפּ. — אין אַ סאָוועטישן שבת (וואָליע ברענער). — אין אַ טאָג אַ וואָכעדיקן. — דזשיראָ, דזשיראָ. — פּיוולס מעשיות.